STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02974

GINZE DERASHOT VE-RAAYONOT

Hersch Kohn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

גנזי דרשות ורעיונות

אוצרות אידעען און געדאַנקען

דרשות פאר ימים נוראים, שלש רגלים און אלע
אידישע ימים טובים, הזכרת נשמות, הספדים,
אינסטאַליישאָן, און אלע פערשידענע
געלעגענהייטען

חלק ב.

פון

הרב צבי הירש הכהן

רב לעדת „תפארת ישראל הריווערסייד"
ניו יאָרק

פרדס פובלישינג הויז, אינק.
י. ז. בוכבינדער, נשיא
27 קאנאל סטריט, ניו-יאָרק נ. י.

תרצ"ג

Copyright 1933, By
RABBI HERSCH KOHN
and
PARDES PUBLISHING HOUSE, Inc.

TREASURES OF IDEAS *and* THOUGHTS

Sermons for all Jewish Holidays, Memorials,
Eulogies, Installations, and for all
Other Occasions

— BY —

RABBI HERSCH KOHN

of

Congregation Tifereth Israel of Riverside
New York City

VOLUME II.

Pardes Publishing House, Inc.

U. Z. BOOKBINDER, President
27 Canal Street, New York, N. Y.

1933

Printed in the U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
3 Sherman Avenue, Jersey City, N. J.

תוכן הענינים:

דרושים למועדי השנה

אלול — יגער ה' בך השטן...... 9
ראש השנה — די שופר שטימע...... 12
ראש השנה שחל להיות בשבת — הרם קרן ישראל...... 18
ראש השנה שחל להיות בשבת — שבת מלכתא...... 20
תשובה — שערי המות לא ננעלו...... 23
תשובה — לא הנחש ממית אלא החטא...... 28
כל נדרי — אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה...... 32
יזכור — ספרי מתים...... 36
יזכור — נשמה שנתת בי טהורה...... 39
ט"ו כסלו — חברה קדישא...... 41
חמשה עשר בשבט ושבת שירה...... 44
חמשה עשר בשבט...... 47
ז' אדר...... 50
פרשת זכור — וידי משה כבדים...... 53
פרשת פרה — מבשרי אחזה אלוה...... 62
פרשת החדש — ראשי חדשים לעמך נתת...... 69
מעות חטים...... 73
שבת הגדול — אמונה בה'...... 77
פסח — דער דרך הממוצע איז דער בעסטער...... 82
פסח — מצה, מיכלא דמהמנותא...... 89
שביעי של פסח — ולא קרב זה אל זה...... 99
פתגמים...... 105

תוכן הענינים

דרושים לכל עת מצוא

ומקדשי תיראו..109
חנוכת הבית פון א שוהל.................................119
חנוכת וקדושת בית הכנסת..............................126
להטבת מצב הרבנים.....................................130
רבנות חכמה און דרשנות...............................137
קול דברים..144
כשרות און קאראבקע...................................148
כשרות 153
כשרות 155
צדקה — פאר א צדקה באנקעט.........................158
אפיעל פאר צדקה...162
דער גאָלד סטענדארד — אונזערע
הייליגע אינסטיטוציעס.................................166
הכנסת אורחים — מרגליות טובה.......................169
למען ציון לא אחשה — וועגען די ישיבות
אין עה"ק ירושלים ת"ו...................................172
לסיום הספר...179
להתחלה וסיום הספר....................................183
צום אריינגעבען א ש"ס — כי הם חיינו ואורך ימינו....186
להולדת בת — בת היתה לו לאברהם ובבל שמה..........191
לבר מצוה 193
לבר מצוה — איכא סבי בבבל...........................197
לחתונה 201
לנשואין 203
לנשואין ושלום בית.......................................207
לחנוך — פרויען און קינדער ערציהונג.................210
שנוי השם 213
לחנוך הגדר..217
הספד אויף דעם „חפץ חיים" ז"ל.......................220
הספד 222
הספד 226
הספד — א בעל הבית א תלמיד חכם....................228
הספד פאר א פרוי — בת ק' כבת כ'......................230
מצבה ענטהילונג פאר א מאן 233
מצבה ענטהילונג פאר א פרוי...........................236

דרושים למועדי השנה

דרוש א.

אלול

יגער ה׳ בך השטן

ויבואו בני האלקים להתיצב על ד׳ ויבוא
גם השטן בתוכם.
(איוב א. ו.).

אום חודש אלול ווערען אידען עטוואָס ערענסטער, מען גיט א טראַכט וועגען די קומענדע תשובה־טעג, וועגען דעם יום־הדין, וועגען דעם קוויטעל פאַר דעם קומענדען יאָהר, און עס פיהלט זיך אביסעל קאַלעמוטנע אויפ׳ן הארצען.

אידען דערפיהלען זיך גייסטיגער, זיי דערשפּירען אין זיך די געטליכקייט זיי ווערען פערוואנדעלט מעהר ווייניגער אין בני־אלקים. זיי פאַנגען אָן צו טראַכטען וועגען א שוהל צום דאַווענען, זיי באַזאָר־גען זיך מיט א „סיט״, מיט א מחזור, מיט א נייעם טלית וכדומה. די מענשליכע בני־אלקים מאַכען זיך פאַרטיג „להתיצב על ד׳״, צו געהן שטעלען זיך פאַר גאָט ב״ה, איבערבעטען איהם פאַר די בע־גאַנגענע זינד און אויסבעטען א נייעם יאָהר לעבען, געזונד און פרנסה.

אלעס וואָלט זיין שעהן און פיין, ווען דער שטן זאָל זיך ניט אריינמישען און זוכען קאַליע צו מאַכען, ווען ער זאָל נישט פער־קריפּלען דאָס גוטע, ניט אריינמישען דאָס שלעכטע און ניט פּרובירען אויף אַלערליי אופנים מקטרג צו זיין.

צווישען די פערשיעדענע מיטלען וואָס ער — דער שטן — באַנוצט פאַר זיין פּראָוואָקאַטאָרישער ארבייט, איז צוערשט די וואַ־

בעדיגקייט, וואס ער ברענגט אריין אין די הייליגע טעג, דורך פאר־שלעפען פיעלע אידען צו דאווגען אין געדונגענע ניט פאסיגע פלעצער, טשווירטשעס, דענסינג האללס, טעאטערס וכדומה, מאשרום סינאגאָ־געס, וועלכע אומפאראנטוואָרטליכע מענשען נעמען אונטער פאלשע פרעטענזיעס, ווי אין נאמען פון א האום פאר אלטע אדער א ישיבה וכדומה.

דאן קומט די צווייטע פארברעכערישע וואכעדיגקייט, פון אָנ־שטעלען פארשידענע אקטיאָרען אלס חזנים ושליחי ציבור, וועלכע זיינען בשום אופן ניט ראוי דערצו, ווייל זיי לאכען אפ פון אידיש־קייט, און די ימים נוראים תפילות זיינען פאר זיי ניט מעהר ווי א פארשטעלונג צו מאכען דערפון א פאר דאלער.

דאן קומען די שטנ׳דיגע ביליגע ספיטש־מאכער, ווי אויך דאס דאווגען מענער און פרויען צוזאמען, וואו די לעצטע קומען אויסגע־פוצט, סקאנדאליעז, חוצפה׳דיג און עקלהאפט אנגעטאן.

און דאס אלעס ברענגט צו דעם פארקריפעלטען באגריף פון תשובה אלס א קאנזעקווענץ פון די דערמאנטע שטנ׳דיגע פלענער, אז אידען וועלכע קלאפען זיך אין הארצען על חטא, ווייסען בשעת מעשה, אז נאך די ימים נוראים וועלען זיי ווידער האלטען זייערע געשעפטען אפען שבת און יום טוב, זיי וועלען ווידער ניט אכטונג געבען אויף דער אידישער ערציהונג פון זייערע קינדער, און וועלען ווידער בלייבען טויב און גלייכגילטיג צו חזוק הדת והיהדות.

שעהן און ערהאבען זיינען אונזערע תשובה־טעג און די ימים נוראים, אבער דער אמעריקאנער שטן מאכט דערפון א תל, ער פאר־גיפטעט יעדע הייליגקייט, ער שלעפט אריין דעם צלם אין היכל, און ער גיט אכטונג אז די מעהרסטע אידען וועלכע טובל׳ן זיך די עט־ליכע טעג אין קדושה, זאלען האלטען א שרץ אין האנד, אום עס זאל ח״ו זיין יצא שכרו בהפסדו.

און אויב מיר ווילען באגעגענען די ימים נוראים עהרענהאפט און ערענסט, דארף מען ארויסטרייבען דעם שטן פון צווישען זיך און ניט געבען איהם קיין געלעגענהייט מקטרג צו זיין. דיזע הייליגע טעג מוזען עמפפאנגען ווערען מיטן גאנצען ערענסט און מיט פולער פאראנטוואָרטליכקייט צו וועלכער זיי זיינען בארעכטיגט. מען דארף

זיך טיעף אריינטראכטען אין דער אמת'ער באדייטונג פון די ימי תשובה און ניט פארוואנדלען זיי אין א ביליגער פארשטעלונג.

מי לדי אלי! געהט דאוונען נאר אין א מקום קדוש, אין א שוהל וואו עס ווערט געדאוועגט און געלעהרענט יעדען טאג אין יאהר, אין א שוהל וואו עס ווערט געהערט גאט'ס ווארט פון א רב מובהק, נאר אזוי וועט איהר זיין זיכער אויסצובעטען א גוטען געזונטען און גליק ליכען יאהר. בית יעקב לכו ונלכה באור ד'.

ולשנה טובה נכתב ונחתם.

דרוש ב.

ראש השנה

די שופר שטימע

וישא אברהם את עינו וירא והנה איל
א"ר חנינא אותו האיל לא יצא ממנו דבר
לבטלה, גידיו לכנור של דוד, עורו אזור
מתניו של אליהו, קרנו השמאלי להר סיני
ימינו להקב"ה שבו עתיד לתקוע תקיעה
גדולה לעתיד לבוא, שנאמר וד' אלקים בשופר
יתקע ונאמר ביום ההוא יתקע בשופר גדול.
(ילקוט בשם פרקי דר"א).

נצחון אָדער מפלה איז די ענדע פון יעדער אָפענסיווע מלחמה. זיגען אָדער באַזיגט ווערען איז דער רעזולטאַט פון אַ דועל אָדער צווייענקאַמף. „כשזה קם זה נופל" איז דער אַלטער כלל אין דער וועלט געשיכטע. און דאָס זעלבע איז געשעהן אויך מיט יענע אַלטע פעלקער וועלכע האָבען אימער צו מלחמות געפיהרט מיט ישראל.

יענע פעלקער האָבען אָנגעגריפען דעם פאָלק, זיין תורה, און זייער מאָטאָ איז געווען צו פארניכטען די אידען אַלס פאָלק, זיין תורה אַלס לעהרע און די מאָנאָטעאיסטישע אידייע אַלס אידייע. זייער ענ־דע איז אָבער געווען ניט נאָר אַ שטאַרקע מפלה, נאָר אונטערטעניג־קייט און געהאָרכזאַמקייט.

אויפ'ן זעלבען אופן ווי עס האָט געטראָפען מיט עשו'ס שר, ווען ער האָט געקעמפט מיט יעקב'ן יענע נאַכט, ווען עלות השחר איז שוין געווען און ער האָט יעקב'ן ניט באַזיגט, איז ער נעבעך געווען גע־

צוואונגען צו בענשען יעקב'ן „כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל", אזוי האט אויך געטראפען מיט די פעלקער עשו'ס קינדער, ווען זיי פלעגען באפאלען יעקב'ן אלע מאל און זוכענדיג יעקב'ס פארניכטונג, צו שטערען זייער תורה און מצוות, און זעהענדיג אז זיי, יעקב'ס שונאים, געלינגט עס ניט, האבען זיי, די שונאי ישראל, אנגעהויבען חנפ'ענען ישראל'ן און אויך אננעמען אידישע טראדיציעס און אנערקענען אידישע תורה. ווי אזוי? אט הערט:

דער אלטער גריכישער פאלק איז אין זיין צייט געווען דער ציווילизירטסטער פאלק. אפילו היינטיגע ליטעראטורען ריידען מיט רעספעקט פון יענע גריכישע חכמים מיט זייער קולטור, אבער אויך זיי האבען קיין באגריעף ניט געהאט פון אן אבסטראקטען אידישען מאנאטעאיסטישען גאט, בלויז קאנקרעטע זיינען זייערע געטער געווען. זיי האבען ניט געקענט פארשטעהן א בית מקדש אהן א שטיינערנעם אדער גאלדענעם געטליכען געשטאלט. און היינט, פיעלע פון די געלערענטע פעלקער, מיט זייער שטארקסטען רעספעקט פאר'ן גריכישען העלעניסטישען גייסט, זיינען דאך מודה אין דעם דריטען דיבור פון „לא תעשה לך פסל וכל תמונה".

די רוימער האבען פאר קיין פאל ניט געקענט פארשטעהן דעם „שמור את יום השבת לקדשו, לא תעשה כל מלאכה". ווי קען א גאנץ פאלק רוהען יעדע וואך איין טאג און ניט פאראָרימט ווערען. און אום אפצולאכען פון א פאלק, וואס רוהט א שבת, האט מען דערפון א רעגעלע שאו אין טעאטער געמאכט, „ישיחו בי יושבי שער, אלו עכו"ם שיושבים בבתי תרטיאות וכו' ומכניסין את המתים לתיטרון שלהם וראשו מגולח ואומרין היהודים הללו שומרי שבתות הן וכל מה שהם יגיעין כל ימות השבת אוכלין בשבת ואין להם עצים לבשל בהן והן שוברין מטותיהן ומבשלין בהן" (מד"ר פתיחת איכה) און היינט? היינט איז שוין א געזעץ צו רוהען ניט נאר איין טאג, נאר לויט אונזער פרעזידענט רוזוועלט'ס נייער „נירא" פלאן, איז צוויי טעג צו רוהען וועכענטליך. מען קען גאר אנדערש היינט ניט פארשטעהן א מענשליכען לעבען אהן איין טאג רוהע אין דער וואך.

שמיטה, יובל, שקלאפען פרייהייט, זאגען די סאציאלאגען, זיי קענען עס גאר ניט פארשטעהן די אבסורדען פון יענע פעלקער,

וועלכע האָבען דאָס קאָסמאָפּאָליטיש ניט אָנערקענט גלייך פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

די מצוה פון „ואהבת לרעך כמוך", וואָס די אַלטע פעלקער האָבען אפילו ניט גע'חלומ'ט פון איהר, איז היינט דער סאַבדזשעקט פאַר אַלע פּרעדיגער און רעדנער. די נבואה פון „וכתתו חרבותם לאתים ולא ישאו גוי אל גוי חרב" קלינגט שוין אויף די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען און דאָס איז די מאָטאָ פון די פּאַציפיסטען, און לכבוד ישעיהו הנביא'ס אידייע איז שוין אַ וואונדערשעהנער טעמפּעל אויפגעבויט אין האאַג, און די דיפּלאָמאַטען פון גאָר דער וועלט קומען זיך צוזאַמען דיסקוסירען שלום. און לויט ווי די וועלט פּראָגרעסירט איז זעהר נאָהענט יענער טאָג פון „ומלאה הארץ דעה את ה'".

און אויב אַ סך פעלקער היינט צוטאָג ווילען ניט פאַרשטעהן די הויכע ישראל אידייען לויט זיין שולחן ערוך, וועט אָבער די נאָהענטע צוקונפט אויך דאָס זיי איבערצייגען און זיי וועלען אָנערקענען, „כל דבר שהיה בכלל ויצא מן הכלל לא ללמד על עצמו יצא אלא ללמד על הכלל כלו יצא". עס איז אָן אָנגענומענע דאָגמאַ, אַז די אַטריבוטען פון אינדיווידועל ווייזען ניט דעם כאַראַקטער פון אינדיווידיאום, נאָר פון קאָלעקטיווען סובסטאַנץ, און אויב אַ סך אינטעלעקטואַלען אָנערקענען אַ סך שטעלען פון אונזער תורה פאַר ריכטיג און אָנגענומען, וועלען זיי מוזען אויך אין די איבעריגע זאַכען מודה זיין.

און דאָס איז דער געדאַנק פון דער מכילתא אין יתרו: „ויהי קול השופר הולך וחזק מנהג ההדיוט כל זמן שהוא הולך קולו מחליש וכהה אבל כאן כל זמן שהוא הולך קולו מגביר ולמה כך מתחילה כדי לשבר את האזן מה שהיא יכולה לשמע". אַן איינפאַכער מענש, געהענדיג ווערט זיין שטימע וואָס אַמאָל שוואַכער, אָבער ביי'ם שופר איז וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער, ווייל מען דאַרף געבען צו פאַרשטעהן וואָס צו הערען. אַלע פעלקער האָבען געטהאָן דאָס בעסטע צו געווינען דער וועלט'ס צוטרויען צו זיך, אָבער נאָכהער מיט'ן וועלט גאַנג אין דער צוקונפט האָבען זיי זייערע איינפלוסען פאַרלאָרען.

אַזוי איז געוועזען מיט די „מוראַבי" געזעצען, מיט די „ליקאַרגער" געזעצען און מיט „סאָלאָנ'ס" געזעצען. דאָס זעלבע מיט די רוימישע קאָרעקסאַלע דאָגמען. זיי זיינען בלויז פאַרבליבען אַלס אַנטיקען

אין די אלטע ארכיוועז, אונזער תורה אבער אין די ערשטע צייטען אין איהר פריהלינג, האט זי בלויז אפגעקלונגען נאר ביי אידען, צווישען אנדערע פעלקער איז איהר שטימע שטיל געווען, נאר מיט דער צייט ענטוויקעלט זיך דער קלאנג און שטארקער און פעסטער, „כל זמן שהוא הולך קולו מגביר".

ווער אלזא איז דער לעהרער פון דער וועלט? דעם ענטפער שרייבט צו די וועלט געשיכטע צום פאלק ישראל.

דער לימוד התורה און קיום המצוות זייגען דאס וואס לייכטען דעם אידען אין'ם גלות צווישען די שווארצע אונציוויליזירטע שטנ'ם, עס רייניגט זיין געוויסען, די תורה וועקט דעם פינטעלע מענש אין איהם און ברענגט איהם די הויכע גייסטיגע שטימונגען. ווי די חז"ל זאגען (ע"ז ד') כל מצוות שישראל עושין בעוה"ז באות וטורפות אותם לעכו"ם לעולם הבא על פניהם.

אידישע מעשים טובים פארשעמען די פנים'ער פון זיינע שונאים, און די ראליע וואס דער איד האט אויף זיך אלס פאלקס לעהרער, און פאר איינם פריהער זיך אליין אויסצובילדען כדי ער זאל מיט זיין ליכט קענען באלייכטען אויך אנדערע פעלקער, דאס איז געווען דער הבדל צווישען דער פעריאדע פון ערשטען בית צום צווייטען בית המקדש.

ביי'ם ערשטען בית המקדש איז דאס היידענטום, פאגאניזם, געווען פארשפרייט אין ארץ ישראל. אלע פעלקער האבען געדינט זייערע פאליטעאיסטישע געטער. און ירמיהו פרעגט: וקדר שלחו והתבוננו ההמיר גוי אלהים? ביים אנדערען בית המקדש איז די נעצענדינסט כמעט אינגאנצען אונטערגעגאנגען און פעלקער האבען שוין אויך אנגעהויבען זוכען דעם אמת'ן גאט, ווי יאזעפוס פלאוויוס ברענגט אין זיין ספר געגען „אפיון": — שוין א לענגערע צייט האט זיך אנגעהויבען א באוועגונג צווישען פעלקער צו אנערקענען אונזער תורה, און סיי אין גריכענלאנד א. א. וו. געפינען זיך שוין מענשען וואס היטען שבת, פאסטען יום כיפור, צינדען חנוכה ליכט און עסען ניט קיין טרפות. — ביים ערשטען בית המקדש האבען זיי נאך די פאקעלען פון תורה ניט געהאט, האבען זיי ניט געקענט משפיע זיין,

ביים צווייטען אָבער, אַז קיין ע"ז איז שוין ניט געווען, איז זייער השפעה גרויס געווען אויך אויף אַנדערע.

די עקידה איז געווען דער גרעסטער עפּיזאָד אין מענשליכען לעבען און דאָס דריקט אויס דער מאמר אויף וועלכען מיר באַציהען זיך. „אותו האיל לא יצא ממנו דבר אחד לבטלה", עס האָט געהט די געהעריגע ווירקונג: „גידיו לכנור של דוד", כנור היה תלוי למעלה ממטתו של דוד, כיון שהגיע חצות לילה, רוח צפונית מנשבת בו והיה מנגן מאליו (ברכות ג') — דוד'ס פידעל איז געווען די בריאה אליין און זיינע כחות די סטרונעס, פון דוד'ס פידעל האָט זיך געהערט די שירה פון דער גאַנצער נאַטור. השמים מספרים כבוד אל ומעשי ידיו מגיד הרקיע, די גידים פון איל האָבען אימער צו אויסגעדריקט דורך דוד'ס פידעל די גבורות הבורא אפילו „רוח צפונית", דער רוח ישראל וואָס איז צפון באַהאַלטען, האָט אויך אַרויסגעזונגען די שירת הטבע ליוצרה.

עורו לאזור מתניו של אליהו, אליהו, יענער נביא, וואָס איז געווען אַ מקנא קנאת ד' צבאות, ווי אברהם אין זיין צייט האָט צעבראָכען אָהן מורא תרח'ס אלילים, אַזוי האָט ער אחאב'ן אָפען געזאָגט: „הרצחת וגם ירשת"? אליהו איז דער אמת'ער טיף פון זיין רבי'ן אברהם אבינו. און דאָס התעוררות, דער קול שופר וועט גורם זיין, אַז יענער טאָג וועט באַלד קומען און „כל העמים ישליכו איש איש אלילי כספו וזהבו", און קומען בשם ד' איהם דינען על הרי ציון וירושלים, אמן.

* *
*

דער קדוש ר' שלמה קארלינער הי"ד, בשעת ער האָט אָנגעפאַנ־גען זאָגען „המלך" מיט'ן נגון המקובל, ראש השנה שחרית, איז ער אַנידער געפאַלען אין חלשות ר"ל. אַז מען האָט איהם דערמינטערט, האָבען די חסידים ואנ"ש געוואָלט רופען אַ דאָקטאָר צו איהם, זיי האָבען געדענקט אַז ער איז עפּעס ניט מיט אַלעמען.

ווען ער האָט געענדיגט שחרית, האָט דער עולם פארוואונדערט געפרעגט דעם צדיק ווי ער פיהלט זיך. אלעס איז אין אָרדנונג — האָט ר׳ שלמה געענפערט, — געפאלען אין חלשות בין איך, ווייל זינגענדיג ה׳־ה׳־המלך, האָב איך זיך דערמאָנט אין דער פראגע וועל־כע אספיינוס קיסר האָט געשטעלט ר׳ יוחנן בן זכאי ווען ער איז איהם געקומען זעהן, אי מלכא אנא עד האידנא אמאי לא אתית לגבאי?

דו ביזט חייב מיתה — האָט איהם אספסיינוס געזאָגט — ווייל אויב איך בין א מלך, וואו זשע ביזטו געוועזן ביז איצט?

און וואָס ענטפערט מען דעם מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, — אויף דער פראגע, וואו ביזטו געוועזן ביז איצט?

אם בארזים נפלה שלהבת, מה יעשו אזובי קיר?...

דרוש ג.

ראש השנה שחל להיות בשבת

הרם קרן ישראל

רבותי:

שופר איז כידוע פון דעם אויסדרוק „שפרו מעשיכם" דער טער־מין „שופרא" ווערט איבערהויפט באנוצט אין דער גמרא פאר „שעהנ־קייט", און דער שופר קומט אונז אָנזאָגען „עורו ישינים משינתכם". וועקט זיך אויף פון אייער שלאָף און זעהט, אז עס זאָל זיין אן „אתערותא דלתתא" מיט דעם באַשעהנען פון אונזערע מעשים, וועט זיין אויך אן אתערותא דלעילא, אין דער „שופרא" פונ'ם שופר וועט דערוועקען אן אנדער שעהנקייט, דאָס איז „תפילין", וועלכע ווערען אָנגערופען „פאר".

לאָמיר דערמאָנען וואָס אין אונזערע תפילין שטעהט: „שמע ישראל ד' אלקינו ד' אחד" — — — וועט דאָס מעורר זיין די תפילין דמארי עלמא אין וועלכע עס שטעהט געשריבען „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ" און דאָס זאָל מעורר רחמים זיין אויף אונז. און בעטען דעם רבונו של עולם, אז ער זאָל כביכול נישט פסול'ן זיינע תפילין דערמיט, וואָס זיי זיינען נעבעך געוואָרפען צו דער ערד.

ווי דער הייליגער בערדיטשעווער צדיק ז"ל האָט אמאָל געזאָגט:

— רבונו של עולם, העלף גלייך דיין פאָלק ישראל: הרם קרן ישראל עמך. הויב זיי אויף פון זייער שיפלות אין גלות, אז נישט וועל איך חס ושלום אויסזאָגען, אז דיינע תפילין, אין וועלכע עס שטעהט גע־שריבען, „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ", זיינען פסול, ווייל די אומות העולם האָבען זיי געוואָרפען צו דער ערד . . .

לאָמיר איצט זיך פארטראַכטען ערענסט אויב מיר האָבען אָפּ־געהיטען אונזערע תפילין . . . לאָמיר זיי בודק זיין און זעהן אז זיי

זאָלען זיין כשר, וועט אודאי השי"ת אויך זעהן, אז זיינע תפילין זאָלען זיין כשר . . .

שבת לאו זמן תפילין. ווייל דער שבת קודש איז אליין אן „אות" דארום טאָר מען שבת קיין תפילין נישט לייגען.

דעריבער, דארף שבת נישט האָבען דעם התעוררות פון „פאר" וועלכעס דער „שופר" סימבאָליזירט, ווייל שמירת שבת איז במקום תפלין.

יעצט לאָמיר שרייען אבינו מלכנו הרם קרן ישראל עמך, גע־טרייער פאָטער אין הימעל הויב אויף דעם „קרן" פון דיין פאָלק ישראל. בנוהג שבעולם: מענשען אינוועסטען זייער געלד אין אונ־טערנעהמונגען אום עס זאָל זיי ברענגען "פראָפיטען". במה דברים אמורים, אז די אונטערנעהמונג איז א געזיכערטע לאָזט מען דעם „קרן" ליגען כדי עס זאָל ברייגגען דעם פראָצענט. אז אָבער די אונטערנע־מונג איז א צווייפעלהאפטע, זוכט מען שוין נישט קיין רוחים, מען דאנקט שוין גאָט אז מען קריגט ארויס דעם קרן גאנץ.

די חז"ל זאָגען, לא הגלו ישראל לבין האומות אלא כדי שיתוספו עליהם גרים, דארום האָט השי"ת געמאכט דעם אינוועסטמענט פון זיין פאָלק ישראל אין'ם גלות, כדי עס זאָל ברענגען „פראָצענט" דאָס זיינען די גרים וועלכע קומען צו פון די אומות.

יעצט אָבער אז ישראל איז בעונותינו הרבים ללעג ולקלס, כצאן לטבח יובל, להרוג למכה ולהרפה, בעטען מיר דיך הארציגער פאָטער הרם קרן ישראל עמך, ראטעווע דעם „קרן" וועלכער איז אין גרויס געפאהר! מיר זיינען שוין מוחל די פראָצענטען...

אין אזא פאל ווי דעם היינטיגען טאָג האָט דער בערדיטשעווער צדיק געזאָגט, יום טוב, עס איז א גוטער טאָג, ראש השנה שחל להיות בשבת, אויב ראש השנה פאלט אויס אום שבת, ווייל דער דין איז דאָך אז שבת טאָר מען ניט מחלל זיין נאָר צוליעב „פקוח נפשות", און השי"ת היט דאָך אליין די תורה מיט איהרע מצות קומט אויס אז אָנשרייבען אויף שלעכטס חלילה, טאָר מען דאָך נישט אום שבת נאָר לטובה וועלכעס איז פקוח נפשות מעג מען שרייבען, דארום וועט השי"ת אונז זיכער אָנשרייבען א שנת חיים ושלום, וגאולה וישועה, אמן.

דרוש ד.

ראש השנה שחל להיות בשבת

שבת מלכתא

כתוב אחד אומר שבתון זכרון תרועה (ויקרא כ"ג) וכתוב אחד אומר יום תרועה יהיה לכם (במדבר כ"ט) לא קשיא כאן ביום טוב שחל להיות בשבת כאן ביום טוב שחל להיות בחול.
(ראש השנה כ"ט ע"ב).

די גמרא פרעגט: איין פסוק שטעהט „יום תרועה" און אנ'אנדער פסוק זאגט „זכרון תרועה", ווי קען דאס זיין? ענטפערט די גמרא, אויב ראש השנה פאלט אויס אין דער וואכען איז יום תרועה, אויב ס'פאלט אויס אום שבת איז עס „זכרון תרועה", ווייל שבת בלאזט מען נישט קיין שופר. די חכמים האבען חושש געווען שבא יעבירנו ד' אמות ברשות הרבים, טאמער קען א איד מחלל שבת זיין דורך טראגען דעם שופר אין רשות הרבים אום שבת, און טאמער האבען מיר חלילה נישט קיין גוטען פארטיידיגער פאר אונז, זאגט השי"ת תקעו לפני בשופר של איל כדי שאזכור לכם עקדת יצחק, בלאזט שופר מיט א הארן פון א באראן עס זאל זיך מיר דערמאנען עקדת יצחק, דעריבער דארף מען אין דער וואכען בלאזען שופר.

ווי אבער לאזט זיך ערקלעהרען דער חשש פון שמא יעבירנו ד' אמות היינט צו טאג, ווען חלול שבת איז אזוי פארשפרייט אויף יעדען שריט, שרייט אוים דעריבער דער נביא: קרא בגרון אל תחשך, שריי, וועק, לערען, זאג דעם פאלק, כשופר ווי א שופר, זאג זיי דעם דין אז שבת טאר מען נים בלאזען ווייל מען טאר נים טראגען, מען

טאָר ניט אפילו בשוגג און ווער רעדט נאָך במזיד, חלול שבת! עס קומט אויס ווי אַ גביר וואָלט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער מיט אַ מאַן וועמען זי האָט אַ גרויסען נדן געגעבען, אַ טייערען אויסשטייער און אייגענע דינסטען. נאָך דער חתונה, נעמט דער מאַן די קליידער און צוטיילט די דינסטען, און דער פרוי הייסט ער ארבייטען פאַר די דינסטען.

שבת הייסט „בת מלכה", זאָגט דער מדרש, שבת זאָגט צו גאָט: „רבש"ע יעדער טאָג האָט זיין פּאָאַר, זונטאָג האָט מאָנטאָג, דינסטאָג האָט מיטוואָך, דאָנערשטאָג האָט פרייטאָג נאָר איך בין אליין". ענטפערט איהר גאָט: „אידען זיינען דיין בן־זוג". ביים באַרג סיני האָט גאָט די אידען אָנגעמערקט, זכור את יום השבת לקדשו, געדענקט אַז שבת און ישראל זיינען אַ פּאָר, שבת איז הייליג, שבת איז די מלכה, און די זעקס טעג פון וואָך וואָס הייסען ששת ימי המעשה זיינען איהרע דינסטען, אין זיי ארבייט מען פאַר'ן שבת, די אידען האָבען טאַקע דאַן געשריען נעשה ונשמע ביי דער חתונה ביי מתן תורה, היינט אָבער די שבת קליידער הייסען זונטאָג קליידער, שבת ארבייט מען און זונטאָג רוהט מען. אין שבת ברייננט די גמרא, המהלך בדרך ואינו יודע מתי שבת מונה ששה ימים ושובת, אויב אַ איד האַלט אין איין געהן אין געהן, קין'ס קללה פאַרפאָלגט איהם: נע ונד תהיה בארץ. מיט'ן וואַנדערשטעקען פון לאַנד צו לאַנד וואַנדערט ער און וויים ניט ווען אַמאָל וועט ער שוין רוהען, ווען וועט שוין אַן ענדע נעמען צו אַזאַ לאַנגע, זאָל ער זעקס טעג צעהלען און דעם זיבעטען רוהען, נים דעם ערשטען אָדער דעם אכטען, און ווען אידען וואָלטען שבת אָפּגעהיט כהלכתה וואָלט שוין לאַנג די גאולה געקומען, לויט די חז"ל איז שביתה אַם זונטאָג ממש עבודה זרה, עס איז נאָך ערגער ווי חלול שבת (זעה נמוקי רידב"ז). און דאָס מיינט דער פסוק: אך את שבתותי תשמרו לדעת כי אני ד' מקדשכם, היט מיינע שבתים ווייל איך, גאָט, הייליג אייך, אָבער אַז איהר היט פרעמדע רוהע טעג מיינט עס אָפּגעבראָכען מיט מיר.

דאָס בעסער צו פאַרשטעהן קען מען מיט'ן דובנער'ס אַ משל: אַ מאַן איז אוועק למדינת הים פאַר אַ לעבען צו מאַכען, עס איז אריבער אַ לאַנגע צייט און ער האָט פון זיך ניט געלאָזט הערען, זי,

די פרוי, אום צו שטילען דעם הונגער פון איהרע קינדער האָט שוין אַלץ פארקויפט, זעהענדיג אז מעהר ווי איהר קדושין רינגעל האָט זי שוין ניט צו פארקויפען, האָט זי זיך פאנאנדערגעוויינט און גע־זאָגט, מיט דעם רינגעל האָט מיין מאַן מיר מקדש געווען און איך האָב איהם ביים רינגעל געשוואָרען אייביגע ליבע, ניין איך וועל עס ניט פארקויפען. איך וועל בעסער ארום געהן בעטלען איידער עס פארקויפען.

רבותי! דער שבת קדש איז דאָס רינגעל מיט וועלכען גאָט האָט אונז ביי מתן תורה פארבונדען און מיר זיינען שבת מחלל צוליעב א שטיקעל ברויט, אך את שבתותי תשמרו, בעט זיך גאָט, כי אני ד׳ מקדשכם, איך האָב אייך מקדש געווען מיט׳ן שבת, שבת איז דער קדושין רינג און איהר דארפט איהם ניט פארקויפען. און היינט, רבותי, ווען מיר וועלען מקיים זיין דעם ושמרו בני ישראל את השבת, שקולה שבת כנגד כל המצוות, וועלען מיר האָבען בעה״ש א כתיבה וחתימה טובה, אמן.

דרוש ה.

תשובה

שערי דמעות לא ננעלו

המוריד דמעות על אדם כשר, הקב"ה סופרן
ומניחן בבית גנזיו
(שבת ק"ה)

אז עס קומען די טעג פון ימים הנוראים, אז דער ליבער זיסער זומער הויבט אָן פארשווינדען און דער ווינטער מיט זיינע קאַלטע כמורנע טעג רוקען זיך אונטער, אז דער קול פון שופר גיט א בלאָז און זאָגט אָן, אז די ימים נוראים זיינען נאָהענט, — גיט יעדען אידען א ציפ ביים הארצען, ער בארעכענט אין וועלכע נישטיגקייטען ער האָט פארבראַכט די פארגאַנגענע צייט, און וואָס ער האָט גאָרניט איפגע־טהאָן אין זיינע גייסטיגע אַנגעלעגענהייטען. ער האָט ניט געזאָרגט זיך עפּעס אָנצוגרייטען, זיך מיט עפּעס צו פאַרזאָרגען פאר זיין נשמה, אזוי ווי ער האָט געזאָרגט פאר זיין קערפּער, אזוי ווי ער האָט אזוי פלייסיג געארבייט פאר זיינע מאטעריעלע ענינים. אין דער צייט הויבען אידען אָן תשובה צו טהאָן.

עס זיינען דאָ אָבער פארשיידענע אידען בעלי תשובה:

דער בעסערער איד, דער מענש וואָס ער איז אין אלגעמיין דעם גאַנצען יאָהר אויך ניט ווייט אַוועק פון גאָט ב"ה און זיינע מצוות, איז אַז עס קומט די ימים הנוראים, הויבט ער אָן צו פאַרבעסערען זיינע מעשים און היט זיך פּין טהאָן עטוואָס שלעכטעס מיט מעהר פּינקטליכקייט און מיט מעהר פּאָרזיכטיגקייט, ווי ער איז געוואוינט געוועזען אלע טעג פון דעם גאַנצען יאָהר. ער איז מעהר מדקדק אין זיינע מעשים און טרייעט מיט אלע זיינע מעגליכקייטען זיי בעסער

צו מאכען. יעדער טאָג פיהרט איהם אריין אין א העכערע מדרגה און מיט יעדען טאָג ווערט ער דערהויבענער, און ביז עס קומען שוין די תשובה טעג, האָט ער שוין דערגרייכט די העכסטע מדרגה און ער איז שוין געוואָרען א צדיק גמור, א ריכטיגער בעל תשובה, ער איז שוין א קרוב, א נאָהענטער צו אלעם וואָס הייליג איז.

עס זיינען דאָ נאָך א סאָרט אידען, וואָס דער חודש אלול איז נאָך ניט ווירקזאם גענוג, אז זיי זאָלען זיך א נעהם טהאָן צו תשובה מיט זייער גאַנצען ברען, זיי טרייען נאָך ניט צו פארבעסערען זייערע מעשים, אָבער ער פארזאָרגט זיך מיט א טיקעט אין א ריכטיגע אידי־שע שוהל, וואו עס ווערט געדאַוונט און געלעהרענט דעם גאַנצען יאָהר, ער דאַוונט אין שוהל די גאַנצע צייט פון תפלה אין די טעג פון ראש השנה, און אז עס קומט יום הכפורים, דער יום הקדוש, דאַ־ווענט ער באימה וביראה, ער זעצט זיך דעם גאַנצען טאָג אפילו ניט אוועק. געוויס האָט ער שוין איצט תשובה געטהאָן.

עס איז אויך דאָ נאָך א כתה אידען, וואָס די הייליגע טעג גופא, ראש השנה אפילו, מאַכט אויף זיי נאָך קיין ווירקונג ניט און אפילו יום כפור איז ער נאָך ניט געוואָרען קיין בעל תשובה, ווי עס דאַרף צו זיין. ער קומט יאָ אריין יום כפור בייטאָג אין שוהל, און א צווייטער איד, וואָס זיצט לעבען איהם מישט איהם אויף אין מחזור און ווייזט איהם וואו מען האַלט. זאָגט ער וואו דער איד האָט איהם געוויזען. און עס איז רעכט, אז אויב זיין שכן ווייזט איהם אָן אויף בענשען, ברכת המזון אַנשטאַט א תפלה, וועט עס איהם קיין אונטערשיד ניט זיין, אין ער וועט זאָגען, און אין א מינוט פון זאָגען דערוועקט זיך אין איהם די אידישקייט און פון זיינע אויגען פאַלט ארויס א טרעהר און פאַלט ארויף אויף זיינע קליידער און אויף זיין גוף, וואָס איז אזוי ניט איבעריג ריין, ווייל ער האָט קיין תשובה ניט געטהאָן.

אָבער די חכמי התלמוד האָבען זייערע ווערטער פון ליוב און חשיבות נאָר פאַר דעם אידען, וואָס ווייַנט ימים נוראים און די טרעהר־רען פאַלען אויף א קערפּער וואָס ער איז שוין כשר, וואָס ער האָט שוין תשובה געטהאָן נאָך בעפאָר ראש השנה און יום כפור און ער איז אין דער קאַטעגאָריע פון אדם כשר. „כל המוריד דמעות", ווער עס לאָזט א טרעהר, און דער טרעהר פאַלט אויף אָן „אדם כשר", א איד

וואס האט שוין אוספייעט צו ווערען א כשר ד'ורך די תשובה און מעשים טובים, וואס ער האט געטהאן נאך איידער עס זיינען געקו־מען די הייליגע טעג, איז „הקב"ה סופרן ומניחן בית גנזיו", איז דאס א גרויסע חשיבות ביי הקב"ה ית"ש, זיי זיינען ביי איהם אזוי טייער, אז ער צעהלט זיי און באהאלט זיי אין זיינע אוצרות, אין דער טרעזשורי, וואו עס ווערען אויפגעהאלטען וויכטיגע געגענשטאנדען, ווי דער פסוק זאגט: „יראת ד' היא אוצרו".

די גמרא (קדושין מ') זאגט: ת"ר לעולם יראה אדם עצמו חציו חייב וחציו זכאי. עשה מצוה אחת אשריו שהכריע את עצמו ואת כל העולם לכף זכות וכו' — א איד זאל זיך פארשטעלען אז די וואג־שאל וואו דער אידישער גורל ווערט געוואויגען געפינט זיך אין א גלייכען צושטאנד. זייערע גוטע מעשים זיינען אין דערזעלבער פראפארציע ווי זייערע שלעכטע מעשים און זייער גורל קען ניט באשטימט ווערען. אין אזא צושטאנד איז יעדער איד א גאנצע וועלט, זעהר א גרויסע און באדייטענדע מאכט. טהוט ער א גוטע מעשה, פארנעהמט ער זיך אין א גוטען וועג, דאן האט ער מיט זיין גוטע פעולה אריבער־געוואויגען די וואגשאל מיט די גוטע מעשים צו איהר זייט, און ער האט די וועלט געראטעוועט, זיי אלע וועלען באהאנדעלט ווערען ווי גוטע און עהרליכע אידען און ער וועט האבען איפגעטהאן זעהר א וויכטיגע זאך פאר דער גאנצער אידישער וועלט. האט ער אבער די באדייטענדע מינוט פארנאכלעסיגט, ער האט זיך ניט גענומען צום הארצען דעם שיקזאל פון די אידען, און זייער גורל איז איהם ניט אנ־געגאנגען און ער האט פארנאכלעסיגט צו טהאן עפעס גוטעס, און ער האט נאר געטאהן וואס ניט געהעריג איז, האט ניט בלויז געגען זיך אליין געזינדיגט, נאר ער האט אויך געזינדיגט געגען דער גאנצער אידישער מענשהייט, ווייל ער מיט זיין איינציגע ניט ריכטיגע טהאט האט באוואויגען דעם אידישען גורל, די וואגשאל זייערע, לכף חובה, אלס שולדיגע, און זאלען באשטראפט ווערען ווי פארברעכער.

אידען זיינען געגליכען צו סאלדאטען אויף דער מלחמה. עס טרעפט ניט זעלטען, אז איין סאלדאט, וואס טראגט גאר קיין טי־טול ניט, געהט ארוים פון דער רייהע און טהוט אויף וואונדער און מיט איין איינציגער פעולה ראטעוועט ער די גאנצע ארמיי.

דאָס זאָגט אונז אָן די תורה (במדבר כ"א, ב־ג) שאו את ראש כל עדת בני ישראל וגוי כל יוצא צבא בישראל תפקדו אותם לצבאתם. א איד זאָל ניט זאָגען: איך דארף מיך ניט זאָרגען וועגען דעם כלל ישראל, עס וועלען זיך שוין געפינען אנדערע, גוטע און פרומע אי־דען, וואָס וועלען זאָרגען דערפאַר, אַז אַלעס זאָל זיין אין אָרדנונג; זיי וועלען שוין טהאָן די מצוות און די מעשים טובים, אַז די וואָגשאָל פון די זכיות זאָל אַריבערוועגען, און מען דארף זיי נאָר צעהלען און מען וועט שוין אויסגעפינען, אַז אַלעס איז אין דער בעסטער אָרדנונג.

איז דאָך די פראַגע, וואָס איז נויטיג דאָס צעהלען? וואָס מאַכט עס אויס אויב ווינציגער אָדער מעהרער? דעריבער זאָגט ער: „למען תדעו" — איהר זאָלט וויסען, איהר זאָלט זיך גוט אריינטראַכטען, אַז אין יעדען אידענס האַנט ליגט אַמאָהל א פאַרבאָרגענער כח, א קראַפט, וואָס ער קען ראַטעווען דעם אידישען כלל, אַז מיט זיין מעשה וואָס ער זאָל טהאָן, ראַטעוועט ער די וועלט, און ער טהאָר דאָס אַלזאָ ניט פאַרלאָזען. ער דארף מרבה זיין במצוות ובמעשים טובים. און ער זאָגט: תפקדו אותם, מען דארף זיי צעהלען, ווייל זיי זיינען גערעכענט ווי עדעלשטיינער און ווי שטערען אין הימעל, און יעדערער איז מחויב צו טהאָן וואונדער. וואָרים ווען זיי וואָלטען גערעכענט געוואָרען ווי ציגען, ווי אילני סרק, ווי ביימער וואָס גיבען ניט קיין פרוכט, אָדער ווי וועלכע ניט איז ווערטלאָזע זאַכען, וואָלט מען זיי דאָך ניט געצעהלט — זאַכען וואָס האָבען ניט קיין באַטרעף, נעמט מען זיך ניט די מיה זיי צו צעהלען.

דערמיט וועלען מיר זאָגען, „כל יוצא צבא בישראל" מיינט ניט אַזוי ווי דער פשוטער טייטש איז, אַרויסצוגעהן אין א מלחמת רשות, אָן אַרמיי געגען אַן אַרמיי, נאָר דאָס ווערט גערעדט וועגען א מלחמת מצוה, ווען דער איד געהט אַרויס מלחמה האַלטען געגען דעם יצר הרע, ווי די חז"ל זאָגען אין פרקי אבות (ד' מ') איזהו גבור, הכובש את יצרו — שטאַרק איז דער דאָזיגער, וואָס האָט כח גענוג צו באַצווינגען דעם אייגענעם יצר הרע, ניט צו טהאָן קיינע שלעכטע מעשים, וואָרים איין שלעכטע מעשה האָט אַמאָהל אַן אוּמגעהויערע באַדייטונג און קען רואינירען א גאַנצע וועלט, אין דער צייט וואָס א מצוה, א גוטע,

וויכטיגע טהאט קען די וועלט ראטעווען, און איז גורם, אז זי זאָל באַלוינט ווערען מיט כל טוב.

זאָל אונז השי"ת שטארקען דעם יצר טוב, אז אונזערע גוטע מעשים זאָלען זיין אין א גרויסער צאָהל, און מיר זאָלען ניט פארפיהרט ווערען אין דער עצה פון יצר הרע, וואָס פיהרט אראָפּ דעם מענשען פון גראדען וועג. און מיר וועלען זוכה זיין צו א גוט און געבענשט יאָהר און א כתיבה וחתימה טובה, אמן.

דרוש ו.

תשובה

לא הנחש ממית, אלא החטא

נגע צרעת כי תהיה באדם והובא אל הכהן (ויקרא י"ג ט'). השמר בנגע הצרעת לשמור מאד ולעשות ככל אשר יורו אתכם הכהנים הלויים כאשר צויתם תשמרו לעשות.

(דברים כ"ד ח').

אין פלוג איז שווער צו פארשטעהן. אויב איינער ווערט קראנק אויף א נגע צרעת ר"ל, איז אנשטאט וואס ער זאל געהן צו א דאק־טאר, וואס זאל איהם אויסהיילען, הייסט איהם נאר השי"ת, „והובא אל הכהן". דער כהן איז געווען דער גייסטיגער פארשטעהער, אבער וואס האט ער צו טהאן מיט היילען א קראנקען און פארוואס איז גראדע ביי דער נגע צרעת אנגעזאגט געווארען אזוי שטרענג, דריי מאל אין זעלבען פסוק: השמר, לשמור מאד און תשמרו לעשות? וואלט דאס געווען אן עבירה ווי גזילה אדער עריות, וואלט עס א זינען גע־האט, ווארים צו זאכען וועלכע דעם מענשענס הארץ גלוסט, מוז דער פארזאג, דאס ניט צו טהאן, זיין זעהר א שטארקער אבער דאס איז דאך א חוק — ווארום אלזא אזויפיעל פארזאגען? און צו וואס האט משה דא נעדארפט דערמאנען אי די כהנים אי די לוים?

די זאך דערפון איז אזוי: דער שטייגער פון מענשען איז, אז וואס עס זאל ניט פאסירען אויף דער וועלט, זאגט מען ניט אז דאס איז אזוי געשעהען דורך גאט'ס ווילען, ווייל דער אויבערשטער האט אזוי גוזר געווען, נאר מען זוכט פארשיידענע סיבות צו איבערצייגען,

אז דאָס מאַכט זיך אַזוי פון דער נאַטור, ס'איז מעהר ניט ווי אַ מקרה.

עס איז אָבער אַ חוב גדול זיך צו דערווייטערען פון די וואָס זאָגען אַזוי, און ניט צו גלויבען אין אַזעלכע איינרעדעניש‌ען. אַ איד מוז זיין איבערצייגט און גלויבען, אַז קיין זאַך טוט זיך ניט אַליין, נאָר אַלעס ווערט געטהאָן על פי רצונו של מקום. דאָס איז אַ יסוד אין דער תורה און אין דער אמונה, און דעריבער האָט די תורה נעדאַרפט מאַכען דעם דרייפאַכען פאַרזאָג.

אז די תורה זאָגט „ורפא ירפא", קומען די חז"ל און זאָגען אַז דאָס האָט די תורה דעם רופא געגעבען רשות אַז ער מעג היילען, וואָרים ווען די תורה וואָלט די דערלויבנים אונז ניט געגעבען, וואָלטען מיר ניט געטאָרט רופען קיין דאָקטאָר צו אַ חולה, וואָרים דאָס וואָלט אויסגעזעהן ווי מיר לייקענען ח"ו אין דער השגחה. וואָרים אַז גאָט ב"ה האָט אויף אימעצען אַ קראַנקהייט אָנגעשיקט, וועט קומען אַ מענש, אפילו ווען ער איז אַ דאָקטאָר, און ער וועט זאָגען, אַז ער וועט דאָס אויסהיילען?! האָט דערפאַר די תורה געגעבען רשות און מיר זיינען שוין בארעכטיגט אַזוי צו טהאָן.

אָבער אפילו נאָכדעם ווי די תורה האָט אונז געגעבען רשות און מיר מעגען רופען דעם דאָקטאָר ער זאָל אויסהיילען דעם קראַנקען, בלייבט נאָך אַלץ די קשיא מיט וואָס פאַר אַ רעכט מעגען מיר דאָס טהאָן, אַז מיר זאָלען דאַדורך מבטל זיין די גזירה פון גאָט ב"ה?

די חכמי התלמוד האָבען אָבער געזאָגט „אין הנחש ממית אלא החטא ממית" — ניט דורך דעם ביס פון דעם שלאַנג איז דער מענש געשטאָרבען, נאָר ווייל דער חטא האָט דאָס גורם געווען, און „אין אדם נוקף אצבעו מלמטה, אא"כ מכריזין עליו מלמעלה" — אַ מענש צוקלאַפּט זיך ניט זיין פינגער סיידען אויבען, אין הימעל, איז אַזוי באַשטימט געוואָרען. האָבען דערפאַר די חז"ל זעהר ריכטיג געזאָגט, אַז ווער עס האָט אַ קראַנקען אין זיין הויז, זאָל ער באַזוכען אַ חכם, דאָס הייסט אַ דאָקטאָר און אויך אַ תלמיד חכם, און דער חכם וועט שוין איינ'טענה'ן מיט דעם קראַנקען און וועט ביי איהם אויסגעפינען ווי ער באַגעהט זיך בין אדם למקום, און ווי ער איז זיך נוהג אין משא ומתן, בין אדם לחבירו. ער וועט זיך פון איהם דער־וויסען זיינע אַלע מעשים אפילו ווי ער איז זיך באַגאַנגען אין דער יו־

גענט, און נאָכדעם ווי ער וועט דאָס אַלץ אויסגעפינען, וועט ער איהם דערקלעהרען, אז אָט די אַלע פעהלערען קען ער לייכט פאַרריכטען, אויב ער וועט טהאָן אַ ריכטיגע תשובה, און דאַן וועט ער און זיין גאַנ־צע פאַמיליע געהאָלפען ווערען.

דאָס, זאָגען די מוסר ספרים, איז די כוונה פון „רפא ירפא". איידער ער רופט דעם רופא הגוף, זאָל ער פריהער רופען דעם רופא הנפש, און, נאָכדעם ווי ער האָט אויף זיך מקבל געווען וואָס דער רופא הנפש האָט איהם געהייסען, דאַן קען ער אויך רופען דעם רופא הגוף, דעם דאָקטאָר, אז ער זאָל טהאָן דאָס זייניגע און דאַן וועט דער דאָקטאָר אויך מצליח זיין און דער קראַנקער וועט האָבען אַ רפואה שלימה.

ניט ריכטיג טוען די יעניגע וואָס אז זיי האָבען אַ קראַנקען, רו־פען זיי גלייך דעם דאָקטאָר, און אויב ער איז ניט מצליח, רופט מען אַן אַנדער דאָקטאָר און אזוי אָהן אַן אויפהער. נאָר ווען די אַלע מיטלען העלפען ניט, ערשט דאַן, געהט מען צום רופא הנפש. אויף דעם זאָגט משה רבינו, דער אבי הנביאים: „כי דור תהפוכות המה, בנים לא אמון בם", — מענשען מיט אַ פאַרקעהרטען שכל, ווי קען קומען די רפואת הגוף אַזוי לאַנג ווי עס איז ניט געווען פריהער קיין רפואת הנפש?

רבנו עובדיה ספורנא דערקלעהרט זעהר ריכטיג דעם טעם פון „והסגירו הכהן". דער כהן פאַרשליסט דעם וואָס איז קראַנק געוואָרען מיט אַ נגע אויף זיבען טעג. וואָרים די חז"ל (אין ערכין) זאָגען: „על שבעה דברים נגעים באים" — באַזוכט איהם דער כהן, ווען דער אומגליקליכער קראַנקער זיצט אין התבודדות, אָפּגעזונדערט פון מענשען, און ער זאָגט צו איהם: „מיין פריינד! מיר גלויבען און ווייסען, אז לא חשיד קב"ה דעביד דינא בלא דינא, און אויב דו ביזט נעבעך געשטראָפט געוואָרען מיט אַ נגע, האָסטו געוויס עובר געווען אויף איינע, אויב ניט אויף אַלע זיבען חטאים פאַר וועלכע מען באַ־קומט אַ נגע צרעת. זיי זיך מודה וואָס דו האָסט געטהאָן, און האָב חרטה אויף דעם, און זיי מקבל אויף להבא דאָס ניט מעהר צו טהאָן, און גאָט וועט דיר שיקען אַ רפואה שלמה." דער קראַנקער ענטפערט איהם וואָס ער ענטפערט איהם. אָבער דער כהן איז ניט זיכער אויב

ער האָט איהם געזאָגט דעם אמת אָדער ניט. אָבער נאָכדעם ווי די זי־בען טעג זיינען פאַריבער, איבערצייגט ער זיך דער כהן. אויב ער זעהט, אַז די נגע איז שוואַכער געוואָרען, איז אַ סימן אַז ער האָט באמת תשובה געטהאָן און ער איז איהם מטהר; אויב אָבער די נגע האָט זיך ניט געענדערט, איז דאָס אַ סימן אַז ער האָט ניט געטהאָן קיין ריכטיגע תשובה, און ער דערקלעהרט איהם פאַר אַ טמא. והסגירו הכהן שבעת ימים שנית.

דאָס איז אפשר די כוונה פון דעם פסוק אַז די תורה זאָגט אונז אָן: זיי ניט ווי יענע קנאַפּע מאמינים אַז וואָס עס פּאַסירט ניט, הענגען זיי דאָס אָן אין דער נאַטור. איז דאָס אַ קראַנקהייט, זאָגט מען, אַז דאָס איז צוליעב דעם וועטער, אָדער די לופט איז פאַר־פּעסטעט, א. אַ. וו. זאָגט די תורה דיר אָן, אַז דו זאָלסט אַזוי ניט דענ־קען, וואָרים די אידייע איז געגען דעם וואָס מיר לערנען אין פרקי אבות, אַז עס איז דאָ אַן „עין רואה ואוזן שומעת" און דער פסוק זאָגט: „גדול העצה ורב העלילה אשר עיניך פקוחות לכל דרכי בני אדם", דערפאַר זאָלסטו ניט אָפּרייסען די סימנים פון טומאה און זאָלסט ניט אָפּשניידען דעם בהרת כדי דו זאָלסט געזונט ווערען. דייטליכער גערעדט: — מאַך דיר ניט קיין אָפּעראַציע, וואָרום אויב דו גלויבסט, אַז דער „גבוה מעל גבוה" איז דער שומר, קענסטו דאָך אין דער זעלבער צייט ניט גלויבען, אַז דער נחש איז ממית. און אויב דו וועסט טויטען דעם נחש, אויב דו וועסט אויסשניידען די בהרת, וועסטו זיכער בלייבען לעבען. ניין, דו זאָלסט אַזוי ניט זאָגען, און איך פאַרזאָג דאָס דיר דריי מאָל: זיי פאָרזיכטיג „לשמור מאד ולעשות ככל אשר יורו אתכם הכהנים הלוים", אויב דו ווילסט האָבען די אמת'ע רפואה, דאַרפסטו פריהער הערען וואָס דער כהן, דער רב דער מרא דאתרא, האָט דיר וועגען דעם צו זאָגען, און זיי וועלען דיר זאָגען, אַז ניט דער נחש איז ממית, נאָר דער חטא איז ממית. מאַך אַן אָפּעראַציע אויפ'ן חטא, שנייד איהם אַוועק פון דיר, און דער נחש וועט פאַרלירען זיין גיפט, זיין ביס וועט דיר מעהר ניט שאַדען.

און דערפאַר האָט די תורה ווידערהאָלט דעם אָנזאָג „כאשר צויתם תשמרו לעשות" — דאָס איז אַן אָנזאָג לדורות, אין די שפּע־טערע צייטען, הגם קיין טומאה וטהרה איז מעהר ניט נוהג, און די

קראנקהייטען זיינען אויך ניט פון דעם סאָרט נגעים און צרעת, דאָך איז גילטיג דער פאַרזאָג פון „לשמור מאד ולעשות ככל אשר יורו אתכם הכהנים הלוים".

רפא ירפא — צוערשט קומט דער כהן מיט גאָט'ס וואָרט, און נאָכהער קומט דער דאָקטאָר, און נאָר אויף דעם וועג איז די רפואה א זיכערע!

איצט איז שוין פאַרשטענדליך פאַרוואָס. די תורה פאַרזאָגט אין אזא פאַל: „והובא אל הכהן", ווייל באמת איז די רפואה דער־פון ביי איהם אליין אין די הענט. וואָרים וואָס האָט איהם גורם גע־ווען די קראַנקהייט? דער חטא. וועט ער אָבער תשובה טהאָן כדבעי, וועט די רפואה שוין פון זיך אליין קומען.

ווייל דאָס אָפּזונדערען איהם אויף גאַנצע זיבען טעג איז נאָר געווען דערפאַר, אז ער זאָל זיך מתבונן זיין בינו לבין עצמו, אויס צוגעפינען וואָס עס איז געווען דער גורם דערפון.

דאַן שטעהט ווייטער אין פסוק: „וראה הכהן והנה לא הפך הנגע את עינו, והסגירו שבעת ימים שנית". זאָגט דער בע"ש הקדוש, אז דער כהן האָט געקענט זעהען אויב ער האָט שוין תשובה געטאָן בלב שלם, ווייל ווי געזאָגט, האָט ער אויף זיך אליין געבררענגט דעם מדת הדין דורך זיין חטא. איצט דורך תשובה דאַרף זיך דאָס פאַרהיילען דורך דעם וואָס די „עין" פונ'ם וואָרט נגע זאָל געהן צום אָנפאַנג פונ'ם וואָרט. וועט ער דאַן נמתק ווערען, און עס וועט מאַכען „ענג". דרעה איבער דעם „עין" פון „נגע" און עס לייענט זיך „ענג".

און דאָס זאָגט דער פסוק: וראה הכהן, דער כהן וועט זיך איינ־קוקען, והנה, און—לא הפך הנגע את „עינו", די נגע האָט דעם „עין" נישט איבערגעדרעהט — צום אָנפאַנג פונ'ם וואָרט, איז א סימן, אז זיין תשובה איז ניט געווען קיין ריכטיגע. דעריבער, והסגירו שבעת ימים שנית — מוז ער קריגען נאָך אמאָל זיבען טעג, צו געבען איהם נאָך אמאָל א געלעגענהייט זיך צו באַטראַכטען. און אויב אין די צווייטע וואָך האָט ער שוין תשובה געטהאָן כדבעי, דאַן איז — זאת תהיה תורת המצורע ביום טהרתו והובא אל הכהן. ביום טהרתו, ווען ער איז שוין געריייניגט פון זיינע זינד, דאַן ווערט ער־ערקלעהרט פון כהן אלס טהור. און פון דער „נגע" ווערט „ענג".

דרוש ז.

כל נדרי

אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה

ליכט איז פארבערייטעט פאר'ן צדיק, און פאר'ן גוטהערציגען — שמחה, פרעהליכקייט. מיט דעם פסוק הויבען מיר אן אונזערע כל נדרי תפילות. שטעהענדיג אנגעטהאן אין ווייסען, אהן שיך, איינגעהילט אין די טליתים, אלט און יונג, מענער און פרויען, ארטאדאקסען און זאגאר ראדיקאלען, — אלע צוזאמען פיהלען עפעס אן אויסערגעוויינטליכע הייליגע שטימונג.

יעדעס יאהר, ווען עס קומט אן דער באוואוסטער „אחת בשנה" — און ניט נאר דא ביי אונז, נאר אין דער גאנצער וועלט וואו נאר אידען געפינען זיך — לאמיר אננעמען זעכצעהן מיליאן אידען, כן ירבו, — שטעהען זיי און ציטערען, ווי אין א מין פיבער. א ציטער כאפט זיי ארום, אין די הערצער נאגט עפעס א געדריקטע שטימונג, קרעכצען רייסען זיך ארויס פון די צעוועהטאגטע הערצער, מאמעס פארכליפען זיך איבער זייערע קינדער, וועלכע געפינען זיך אין דעם פארשאלטענעם סאדיסטישען בארבארישען דייטשלאנד, קינדער פארכליפען זיך און וויינען אויף זייערע טאטעס, וועלכע זיינען אין קאנצענטראציאנס לאגערען פון חיות רעות און רשעים פארשפארט, און ווערען על קידוש השם געפייניגט.

און אין די אויערען קלינגט אפ די אלטע כל נדרי געשיכטע, וואו אינקוויזיטארען, סאדיסטען, האבען אין שפאניען, פארטוגאל אויך אזא נקמה אקט גענומען פון ישראל, און גערעכענט, אז זיי וועלען קענען מקיים זיין דעם „ולא יזכר שם ישראל עוד" — אוים מיט אידען!

אידישע עקשנות האט אבער באוויזען, אז פארפייניגען א

יחיד, אָדער אפילו א קהילה, אָדער אפילו קהילות גאַנצע, מיינט עס נאָך אַלץ ניט דאָס גאַנצע אידענטהום. בכל דור עומדים עלינו לכלותינו, אָבער דער רעזולטאַט איז אַלעמאָהל אַז מיר טרעטען סוף כל סוף אויף זייערע קברים. מיר בלייבען נאָך אַלץ לעבעדיג און מונטער און זיי — צעפוילט, טויט. און אַזוי האָפען מיר, אַז בעזרת השם וועלען מיר אויך אָט די שונאים איבערלעבען.

נבוכדנצר האָט אמאָל זיין מאַיעסטעטישען באַפעהל גע־געבען, אַז ווער עס וועט זיך ניט בוקען צו זיין גאָלדענעם געץ, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט, זאָל פאַרניכטעט ווערען אין זיינעם א קאַלך אויוועָן. דער סוף איז אָבער געווען, אַז נבוכדנצר און די שונאי ציון בכלל בוקען זיך צום גאָט פון די פיר העלדען: דניאל, חנניה, מישאל און עזריה. רבשקה — דאָס נעמליכע. ער לאַכט פון ישראל און כאַפט זיין מפלה מיט זיין קעניג, מיט'ן מלך אשור צוזאַמען. און מיר האָבען שוין אמאָל אויך געהאַט א היטלער, אַזא נארישען ווי דער איצטיגער. ער איז נאָך געווען אין דוד'ס צייטען און זיין נאָ־מען איז געווען גלית הפלישתי. אָט דער פלשתי, אָט דער אַריער, וואָס וויל נאָר אַז אַלץ זאָל אַרישעס זיין, — וואָס איז דער סוף זיינער? ער ווערט דער'הרג'עט פון א אידישען יונגען בחור, דוד. און המן? ער כאַפט זיין מפלה פון מרדכי היהודי.

און אַזוי בלעטערען זיך כסדר דפים נאָך דפים פון דער אידישער געשיכטע. און צו כל נדרי, אין די מינוטען ווען אידען געהען אַריין אין א התלהבות, ווען זיי זאָגען זיך אָפּ פון קערפּערליכקייט אויף א גאַנצען מעת לעת, אָפּגעזאָגט זיך פון עסען, טרינקען, פוצען און וואַשען זיך, האַלטען זיך אָפּ פון צירען זיך, פאַרפיומירען זיך, דאַן ווען זיי גיבען זיך בלויז אָפּ צו נשמה עראינערונגען, דערמאָנען זיך אָן זייער געשיכטע, וואו אַזויפיל בלוט פונם פאָלק איז פאַרגאָסען געוואָ־רען, ווען זיי דערמאָנען זיך אָן די קרייצצוגען, אָן גזירת ת"ח, אָן עלילות דם און נאָך, און נאָך אַזעלכע ענויים, ווען אידען, אַלט און יונג, האָבען זייערע נשמות אויסגעהויכט מיט „שמע ישראל" אויף זייערע ליפען, — דאַן, היינט אין שוהל, ווען מיר בלעטערען די מחזורים, זעהען מיר, אַז פון גאָט'ס גאַנצער בריאה איז פון אונזער פרייהייט, פריי פאַר אונז נאָר די שוהל, דער אידישער צענטער, וואו

מיט שטאָלץ דריקען מיר אויס דורך אונזערע תפילות אין פריידען און לײדען, אונזערע געפיהלען, אונזערע געמיטהער.

און מיר הויבען אָן אונזערע תפילות מיט אַ פייערליכער ער־קלעהרונג: „אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה״, ווייל אידישקייט איז דורכגעדרונגען פון בלויז שמחה און אורה און ניט פון חושך און זאָרג. ביי אונז איז „וירא אלקים את האור כי טוב״ און ביי זיי, ביי די אומות העולם, איז „המכבה את הנר מפני החולה שישן״... זייע־רע נשמות שלאָפען, פינסטער איז זייער ליכט, און דעריבער קענען זיי קיין ליכטיגע שטימונגען ניט האָבען.

ביי דעם צדיק זאָגען מיר: „אור זרוע לצדיק״, ווייל דער אמת'ער איד באַלאַנגט צו דער קאַטעגאָריע פון הזורעים בדמעה. שווער קומט זיי דאָס לעבען אָן, וואָס פאַר אַן אונטערנעמונג אַ איד זאָל ניט אונ־טערנעמען, קומט עס איהם לײדער אָן בדמעה, מיט טרעהרען. שווער, פול מיט שטרויכלונגען, אַ סך אבני נגף ליינען איהם די רשעים אויף זיין וועג. אָבער דערפאַר: „ולישרי לב שמחה — ברנה יקצורו״!

עס שטעהט ניט אין פסוק „לישרי ראש״, נאָר דוקא „לישרי לב״. אין די הייליגע מינוטען, ווען מיר גנעהען, אַלע צוזאַמען, מיט קדושה און ליבע צום השי״ת אויסצוזינגען פאַר איהם אונזערע תפילות — „יעלה קולנו מערב״ — זיינען מיר דאַן „לישרי לב״, הערצער פול מיט מסירות נפש און התלהבות, און הייליג איז דאַן אונזער שטימונג, היינט, אין דעם הייליגען „אחת בשנה״־נאַכט.

ווייל נאָר היינט ביינאַכט, אין דוקא היינט ביי אונזערע יאוש־דיגע שטימונגען, פיהלען מיר אַז מיר לעבען. מחמת, „ואתם הדבקים בד' אלקיכם חיים כלכם היום״, ווען מיר זיינען דבוק, באַהעפטעט אָן השי״ת, דאַן פיהלען מיר לעבען.

ווייל, ווי די חז״ל זאָגען, אויב „שחורה אני״ בין איך אַ גאַנץ יאָהר, אויב מיר זיינען גאַנץ יאָהר טרויעריג, פעסימיסטיש און דער־דריקט דורך אונזער פאָלקס טראַגעדיע, איז אָבער אַז עס קומט יום כפור, איז דאַן „ונאוה״ זיינען מיר. אַ שטאָלץ, אַ מין יופי, נעימות און אַ הייליגע שטימונג נעמט אונז דאַן אַרום. און מיר ווערען מו־טהיג און מיר רופען אויס פול מיט התפעלות: „אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה!״

דרוש ח.

יזכור

ספרי מתים

ניט נאָר אין הימעל ווערען געעפענט „ספרי מתים", ווי די חז"ל זאָגען, נאָר אויך אויף דער ערד קומען זיך אַלע צוזאַמען אין די שוהלען און בלעטערן די ספרי מתים. און איז ניט מערקווירדיג — יום כפור, ווען מען בעט רחמים צו גאָט ב"ה פאר די מתים, איז קיין וואונדער ניט. ווייל ווען נאָך ווי יום כפור האָבען מיר אַזאַ גייסטיגע אַטמאָספערע וואָס וועקט אין אונז הייליגע מאָראַלי־שע שטימונגען. אָנגעטאָן ווי מתים אין ווייסען, פאַסטען און זאָגען זיך אָפּ פון אַלע ערדישע און קערפּערליכע תענוגים און גייען איבער אין אַנדערע ספערען, נשמות ספערען, מלאכים שטימונגען, אצילות פיהלונגען, — קאָן מען נאָך פאַרשטעהן. מיר זיינען אָבער מזכיר נשמות אויך אין שלש רגלים, ימים טובים, וועלכע זיינען ניט כלו לה': פסח, שבועות און סוכות איז מען אויך מזכיר נשמות, די לופט איז פול מיט נשמות, אין יעדען ווינקעל פון שוהל. ווען מען קען זעהן, וואָלט מען געזעהן אַלטע נשמות פון עלטערן, וואָס האָבען זיך געפּלאָגט א גאַנצען לעבען, און ערצויגען א דור, אויף וועמען זיי האָבען געהאָפט, אז זיי וועלען זיי נאָך פאָלגען. און היינט — ווי קאַלט דער קבלת פנים, וואָס די קינדער ווייזען אין שוהל ארויס זייערע עלטערן! אך, ווי קאַלט און טראַגיש איז אַזאַ כבוד אב ואם! — פארשעמטע און אומעטיגע, טרויעריגע און פאר'דאגה'טע שטעהען אָט יענע עלטערן און קיקען מיט קרענקונג און פארדרוס אויף דעם צאַנקענדיגען יזכור פון שוהל...

און אָט שטעהען דאָרט קליינינקע יונגע נשמות'לעך, יונגינקע געשטאָרבען, ניט זוכה געווען אויפצוואַקסען און געניסען די פריי־

דען און ליידען פון דעם לעבען, אָבער א וועהטאָג א טיפען האָבען זיי געלאָזען אין זייערע מאַמעס הערצער ביים אָבשיידען זיך פון זיי אזוי יונג, און היינט זיינען זיי דאָ: „העלאָ, מאַמאַ" — וויינען די יונגינקע נאָבעלע, ריינע נשמות'לעך, און בעטען: „מאַמע, אביסעלע גייסטליכ־קייט, אביסעלע צדקה פאַר מיר אויך!"...

און דאָרטען פליהען ארום נשמות פון אייראָפּע, אזיע, אמע־ריקע און אנדערע וועלט־טהיילען. וואו נאָר א פריינט האָט ערגעץ געלאָזען א טראָפּען בלוט, און נשמות קדושים, וואָס זיינען על קידוש השם געפאַלען, אַלע נשמות שטעהען און וואַרטען ווען דער גאַנצער עוילם וועט אויסברעכען אין א יאָמער און הארצרייסענדען געשרעה: „אוי, יזכור!!!" — און טרעהרען וועלען פליסען, פאַרדונקלען דעם מחזור: „יזכור את נשמת . . . בעבור שנדרתי . . . " ארויסריידען וויפיל צדקה, וועלכע צדקה. ניין, גלייכער טראַכטען אין זיך. אָבער זאָל נאָר אריבערגעהן דער שעת רחמים, זאָל נאָר די טרויער כוואַליע פאַרביי און דער הימעל וועט זיך לייטערען, און דער מח וועט ווערען צוריק פאַר'חומר'ט, און די שטימונג וועט פאַרשווינדען, וועל איך, הייסט עס, האָבען געוועזן ביי יזכור.

יזכור — און מיר זעהען פאַר אינזערע אויגען סעמעטערעס, אָפענע קברים, סתימת הגולל, און דאַנעבען שטעהען די קברנים, די אַנגעבלאָזענע פּנימ'ער מיט די שאָוולס אין די הענט, און דאָס בלוט אין הארצען גליווערט, גליווערט...

הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו, אָבער עס העלפט ניט: אָפּשיידען מוז מען זיך, זיי ווערען „בר־מינן'ס". אָבער ווי קען מען זיך אזוי דערווייטערען פון אזוינע טייערע ליבליכע נשמות?

יזכור אלקים! — היתכן צו זאָגען, אז גאָט פאַרגעסט זיי, וואָס מיר שרייען יזכור? מיר מוזען פאַרגעסען, גזרה על המת שישתכח מן הלב, אָבער גאָט ברוך הוא, ער געדענקט! די נשמה אין מענשען פאַרגעסט ניט. די שכחה איז בלויז אין דעם חומר פון מענ־שען, און אויב מיר ווערען גייסטליכער, איז ווילענדיג ניט ווילענדיג פיהלען מיר יענע נשמות, און די ערינערונגען פון דער ווייטער נאָ־הענטער פאַרגאַנגענהייט רופט אין אונז, וועקט אונז און שרייט יזכור.

אָה, איהר הייליגע, זיסע נשמות׳לעך, ווי קענען מיר איינגעהן מיינע ימים טובים. ווען איך דערמאָן זיך וואָס הייסט לעבען. און ווי קען מען דערהויבען ווערען צו דער מדרגה פון גייסטליכקייט, אויב ניט דורך דעם דערמאָנען נשמות — און אום זיך ערהויבען צו געטליכ־קייט, אויפהויבען אונזערע נשמות, טאָ לאָמיר זאָגען — יזכור!
ויבולע המות לנצח. ובא לציון גואל.

דרוש ט.

יזכור

נשמה שנתת בי טהורה!

יזכור אלקים את נשמת . . .

און פאַר די לעבעדיגע דערמאָנט מען ניט, נשמות פון טויטע הייסען הייליג. נשמות דאַרפען ערטילאין, נשמות אָהן גופים, זיי ווערען שוין ניט באַאיינפלוסט פון קערפּערליכקייטען, זיי זיינען נשמות טהורות, הייליגע, געלייטערטע, און מען פאַרגעסט זיך כלל, אז אויסער יענע נשמות זיינען פאַראַן נשמות אין לעבעדיגע. אין די שיינע תפילה, וואָס עס זאָגט זיך אונז יעדען אין דער פריה: אלהי נשמה שנתת בי טהורה היא, אתה בראתה ואתה נפחת בי ואתה עתיד ליטלה ממני. רבונו של עולם. איך היט די נשמה וואָס דו האָסט מיר געגעבען, איך האַלט זי הייליג, יאָ, איך לאָז איהר האָבען רוחניות וויפיל זי וויל נאָר, אָבער קיין מזון רוחני, ניין, שפּייז, עסען, דאָס דאַרף דאָך קיין נשמה ניט, א גוף דאַרף עס בלויז, און, דעריבער, ווען איך בין מזכיר די נשמות פון מיין פאָטער, מוטער, פאַרשטעה איך טאקע ניט דעם בעבור שנדרתי, וואָס דאַרף מען צו זאָגען? איז אמירה בעלמא, מיט'ן זאָגען יזכור אַליין און נאָך ארונטערלאָזען א טרעהר אויף דערביי וויניג? געלד געבען קען איך ניט, טרערהען וועל איך ניט זשאַלעווען.

יזכור אלקים... אָ, מיין פריינד, ווייסט איהר אָבער וואָס די נשמות זאָגען? זיי פּראָטעסטירען און פרעגען: טייערע קינדער, פריינד און באַקאַנטע! ניט איינמאָהל, ווען מיר האָבען געלעבט און אונז איז געווען שלעכט, אָדער גוט, האָבען מיר קיינמאָל אין אייך ניט פאַרגעסען, אימער צו האָבען מיר געפיהלט זיך צופרידען, ווייל

מיר לאָזען איבער אויף דער ערד אייגענע וואָס וועלען אונז ניט לאָזען פאַרגעסען ווערען, זיי וועלען אונז ברענגען צו די הייליגע נשמות פון די אבות דורך מעשים טובים, דורך פדיון, דורך צדקה, וועלען זיי אונז געבען עליות, און מיר נויטיגען זיך שוין אַזוי לאַנג אין דעם. איהר פריינד, קינדער, שעצט אייך ניט גרינג אייערע אייגענע ווערטער. געסט געקומען צו אייך, שוין לאַנג, לאַנג זיך ניט געזעהן, ווייזט אַרויס אייער פריינדליכקייט.

דער מדרש זאָגט: תני ר׳ יהושע: יותר ממה שבעל הבית עושה עם העני — העני עושה עם בעל הבית (ויק״ר ל״ד) — אויב איהר גיט צדקה, גיט איהר עס ניט יענעם, נאָר איהר גיט זיך אַליין. ווען איהר געהט איצט זאָגען יזכור, מוזט איהר זיך דערמאָנען אָן די יונגע נשמות׳לעך, וואָס לערנען אין די ישיבות, אָן די נשמות׳לעך פון די תלמוד תורות, איהר מוזט וויסען אַז דער איינציגער כבוד פאַר די נפטרים איז צדקה, דאָס וואָס איהר דאַרפט געבען ווי איהר פאַרשפּרעכט עס. און אויב איהר זייט מחלל אייער פאַרשפּרעכען צו די הייליגע נשמות, האָט איהר קיין רעכט ניט צו זאָגען יזכור, איהר גיט ניט קיין עליה צו נשמות ווען איהר האַלט ניט אייער פאַרשפּרעכען. אושפיזין, געסט אַז עס קומען, מאַכט מען אַ מיטאָג, אַ נאַכטמאָל, מען שטעלט כיבוד — דאָס קאָסט געלט. מיט די הוצאות קענט איהר ערהאַלטען תורה נשמות, אַ געזונטער גוף קען צוהאַלטען אַ געזונטע נשמה, און דורך אייער מקיים זיין די צדקה, וואָס איהר וועט געבען פאַר דער נשמות הזכרה, וועט השי״ת אייך העלפען און איהר וועט מאריך ימים ושנים זיין און די תורה וועט געלעהרענט ווערען דורך אייך, וועלען די נשמות אייערע וועמען איהר זיינט היינט מזכיר, האָבען אַן עליה און קומען אל גנזי מרומים תחת כנפי השכינה און די לעבעדיגע נשמות׳לעך וועלען דינען השי״ת באהבה ובשמחה מתוך הרחבה . . . —

דרוש י.

ט"ו כסלו

חברה קדישא

הביטו אל צור חוצבתם ואל מקבת בור נקרתם, הביטו אל אברהם אביכם ואל שרה תחוללכם.

(ישעיה נ"א).

באטראכט נאר, זאגט דער הייליגער נביא, אייערע אור־אור עלטערן, אברהם און שרה, און איהר וועט פארשטעהן ווי צו לעבען לויט זייערע הייליגע פארשריפטען.

אונזער תורה דערצעהלט אונז, אז ווען אונזער ערשטען פאטריארכאלישען פאטער אברהמ'ען איז אויסגעקומען צו ווערען דער ערשטער „חברה קדישה" מאן, דער ערשטער מתעסק אין הלוית המת ביי אונזער מוטער שרה'ן, האט אברהם ניט געוואלט קיין „טשאריטי" ווען עפרון החתי האט איהם פארגעלייגט: „נעהם, אברהם, געטליכער נשיא, וועלכען „פלאץ" דו ווילסט פאר דיין שרה'ן". ניין, אברהם האט זיך קאטעגאריש אפגעזאגט פון „טשאריטי"! „פאר געלט וועל איך קויפען, און באצאהלען וועל איך דעם פולען פרייז. איך האב מיט שרה'ן מיטגעמאכט די לאנגע לעבענס נסיעה, צוזאמען געלעבט, געליטען און צופרידען געווען. אמת, געווען אויך שלעכטע צייטען, אבער אלץ צוזאמען עס געדולדעט. היינט זאל איך שרה'ן מקבר זיין דא, און מיך, לאחר מותי, אין א צווייטען ארט? טשאריטי קברים? ניין, גאט האט אונז פארבונדען — ודבק באשתו — מיינט עס פאר'ן לעבען און נאכ'ן לעבען.

און אויב אונזערע חז"ל (כתובות ח') ווייסען צו דערצעהלען:

בראשונה היתה הוצאת המת קשה לקרוביו יותר ממיתתו, עד שהיו מניחין אותו ובורחין. עד שבא רבי גמליאל ונהג קלות בעצמו והוציאוהו בכלי פשתן ונהגו כל העם אחריו להוציא בכלי פשתן. שווער איז געווען דעם טויטען, נאָך ערגער די לעבעדיגע, זייענדיג ניט פארמעגליך אויסצושטייערן דעם מת. אברהם לערענט אונז, אז הלוית המת איז איינע פון די אלו דברים שאין להם שיעור. און חברה קדישא ארבייט איז די הייליגסטע און וויכטיגסטע, ווייל ס'איז א חסד של אמת.

ווי דער מדרש רבה ברענגט דעם משל: מית בריה דרחמך טעון, מית רחמך פרוק — איז דיין פריינד'ס זוהן געשטאָרבען, זיי זיך מתעסק אין זיין קבורה. דיין פריינד וועט דיר אָפדאנקען. איז אָבער דיין פריינד געשטאָרבען, טו גאָרניט, ווייל קיינער וועט דיר ניט דאנ־קען. אזא משל רופט דער מדרש „משל הדיוט". א חברה קדישה, וואָס פארמאָגט נאָך אויך הארץ און פארשטעהט דעם מאמר (מועד קטן דף כ"ח ע"א) „השאול אצטלית של מילת לבן גדולים שכלתה צידתו" דער קבר איז א זיידענער בגד פאר די וואָס האָבען שוין אָפגעלעבט. אברהם האָט קיין טשאריטי ניט געוואָלט, אָבער טהאָן חסד האָט ער גענוג געטהאָן.

איהר, חברה קדישא, ווייסט אז א מת איז מטמא אָבער גלייכצייטיג א מת מצוה. חברה קדישא זיינע טאָקע די הייליגסטע חברה, אנערקענט פון יעדען מעמבער אין יעדער קאָנגרעגיישאָן, זיי ווייסען צו טהאָן חסד של אמת מיט די מתים, און אויך א חסד מיט די אומ־גליקליכע לעבעדיגע און — הרבה עשו כר' שמעון בן יוחאי ולא עלתה בידם. אָפזאָגען זיך פון ארבייט פאר'ן כלל, פון גמילות חסדים און אין גאנצען נאָר זיך איבערגעבען צו בין אדם למקום, קען אויף דעם די וועלט ניט עקזיסטירען. חברה קדישא גיט איהר חלק פון ביידע טיילען, סיי בין אדם למקום און סאי בין אדם לחברו. זיי שטעהען אין דער ליסטע פון „אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קימת לעולם הבא", און אויב דער מת איז טמא, איז דער חברה קדישא מאָן ניט נאָר טהור, נאָר קדש, ווייל קדושים תהיו און תינוק בן יומו חי מחללין עליו את השבת, דוד מלך ישראל

מת אין מחללין עליו את השבת. און נאָר דורך זייער ארבייט ווערען פארשטאַנען די מצוות מעשיות. און פאר'ן מקיים זיין זיי וועט זיין בלע המות לנצח און מיר וועלען זוכה זיין צו אייביגע הצלחה, ומחה ד' דמעה מעל כל פנים, וישמחו זקנים ובחורים יחדו, אמן.

דרוש יא.

חמשה עשר בשבט ושבת שירה

היינט איז ראש השנה לאילנות, א יום טוב צו די ביימער, א נאטור יום טוב, און אזוי ווי מיר אידען האבען אפט ליעב צו טאנ־צען אויף אלע חתונות, איז אויב די וויכטיגסטע אידישע ימים טובים זיינען צו באדויערען וואכעדיג ביי א טייל פון אונז, ווערט אבער דער יום טוב געפייערט מיט שטאלץ, ווייל דער יום טוב דערמאנט אונז, אז דער מענש איז געגליכען צו א בוים אין פעלד: ער לעבט, בליהט, וואקסט, וועלקט און שטארבט. כי האדם עץ השדה. אונזער גרעסטער און ליבסטער פאעט פארשענדיג די נאטור גרויסקייט, זאגט: ישמחו השמים ותגל הארץ, ירעם הים ומלואו, יעלוז שדי וכל אשר בו, אז ירננו כל עצי יער — דער הימעל און די ערד וועלען זיך פרעהען, דער ים וועט רוישען, די פעלדער וועלען זיך פרעהען, אלע ביימער וועלען זינגען. דאס מיינט אויסצודריקען דעם נאטירליכען ענטהוזיאזם, די התלהבותדיגע שמחה פון די נאטור וועזענס ערלויבט זיך דער משורר, זיי די שטומע נאטור כחות לעבעדיג צו מאכען ווי זיי וואלטען קע־נען זיך פרעהען, זינגען, לאכען, ער קאנקרעטירט זיי ווייל ער וויל שאפען אין אונז דעם באגריף פון זייער פריהלינג אין זייער גליקלי־כער צייט. אדער אומגעקעהרט, ווייל ער אויסדריקען נאטור'ס אומ־גליק, מאכט ער זיי ווידער ווי לעבעדיג, זינגענדיג: „איכה ישבה בדד, היתה כאלמנה", די שטאט זיצט אליין ווי אן אלמנה, „דרכי ציון אבלות", טרויעריג זיינען ציון'ס וועגען, און כאטש אלע ווייסען אז אין דער ווירקליכקייט קען עס ניט זיין, וועגען זיינען ניט טרויעריג, דאך הייסט עס אן אמת'ע שילדערונג, דאס איז דער אמת פון דער שירה, ווייל דער איד לעבט ניט מיט פראזע אדער אין פראזע, נאר מיט אדער אין פאעזיע. און וואס איז דער אונטערשייד פון פאעזיע צו פראזע?—

פראזע שטעלט פאר די זאך במציאות, ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט, פאעזיע אבער שטעלט פאר די זאך בדמיון, אין געדאנק. דער פאעט קען עס פארגרעסערען, פארשענערען, פיעל אנדערש ווי אין דער ווירקליכקייט. ער מאלט עס אין לעבעדיגע, געט־ליכע פארבען, ווי ווייט זיין געפיהל און זיין השקפה איז צו מאהלען.

אידעען זיינען א פאעטישעס פאלק, און אויב אין פראזעדיגען לע־בען האבען מיר ניט קיין מקום מנוחה, איז אבער אונזער האריזאנט גרויס און ברייט. טרייבט מען אונז פון דער מענשליכער באזיצטום פון ארט צו ארט, זיינען מיר אבער פריי אין דעם הימלישען האריזאנט, אין הימלישע ספערען פריי צו שוועבען און בילדען. די נאטור איז מיט אונז און פאר אונז. דער בוים, זיין שדרה, איז ווי דעם מענשען'ס שדרה, דער הדס — ווי דעם מענשענס אויג, די ערבה ווי זיין מויל, דער אתרוג ווי דאס הארץ — (מדרש אמור). און די אידען זיינען דאס הארץ פון די פעלקער, זאגט ר' יהודה. און דער אתרוג בוים, צו וועמען אידען זיינען געגליכען, איז „עצו ופריו שוה" — אלע אנדערע ביימער זיינען די פרוכט אבסאלוט ניט ענליך צום בוים, צוויי מינים זיינען זיי, ביי אונז אבער איז דאס הארץ און מויל גלייך, די חיצוניות מיט דעם פנימיות.

חמשה עשר בשבט ברענגט אונז נעהנטער צו דער נאטור און לערענט אונז, אז גריכישע השכלה הייסט נור בלומען, אבער אונזער לערע הייסט פרוכט, דאס וואס די ביימער גיבען, נעמליך, אז מיט'ן קוקען אויף די ביימער אליין, אדער מיט'ן באגריסען זיי בלויז צו זיי־ער יום טוב איז וויינינג, מיר מוזען מקיים זיין די חמשה עשר מצוות נעבען מעשר, תרומה, און לייענען דעם וידוי המעשר פון פרשת כי תבוא „בערתי הקדש מן הבית וגם נתתיו לגר ליתום ולאלמנה לא נתתי ממנו למת" — איך האב אויף קיין טויטע זאכען ניט געגעבען, בלויז אויף לעבעדיגע — נתתי ללוי, פאר ישיבות, רבנים און תלמוד תורות, נתתי ליתום ולאלמנה. איך האב געגעבען פאר הונגעריגע זיי זאלען א ברכה מאכען אויף די פירות הארץ.

חמשה עשר בשבט איז די גאנצע נאטור ווי אפגעשטארבען, די ערד ווי מיט תכריכים באדעקט, די פייגעלעך זיינען אין די ווארימע לענדער פאר א גאנצען ווינטער אוועקגעפלויגען. טאמער זיינען גע־

בליבען שפערלינגע, קליינע פייגעלעך, זיינען מיר זיי משמח מיט אונזער „אז ישיר", מיר האָבען געזונגען און מיר וועלען זינ־גען, די וועלט געהט ניט אונטער, קאַלט היינט, ריכטיג, מען כאַפּט א ציטער, ווייל היינט איז ראש השנה לאילנות, אָבער באַלד איז דאָך שבת שירה און פּאָעזיע איז לעבען, פּאָעזיע איז גליק· און פיהרט אונז ווי אייך, נאַטור קינדער צום לעבען. „שר לא נאמר אלא ישיר" — עס שטעהט ניט, מען האָט געזונגען, נאָר מען וועט זינגען — ווייל תחית המתים איז מן התורה, אַלעס וועט אויפלעבען צוריק, ביימער וועלען בליהען און וואַקסען, פייגעל וועלען זינגען און מענשען וועלען זיך אומקערען לתחיה בעה"ש בארץ האבות. פּונקט ווי די ביימער וועלכע קוקען אוים טויט, פּעסימיסטיש, אָפּגעדאַרט, אָהן א ברעקעל לעבען קריגען פון אונטער דיווייסע שנעה־תכריכים א טל של תחיה. היינט געהט אריין דער שרף אין די אילנות, וועלכעס וועט אין א קורצע צייט זיך פערוואַנדלען אין וואונדער שעהנע בליהונג און פירות, אזוי דער אדם עץ השדה דאַרף זיך אָננעמען מיט נייע האָפנונגען מיט פרישען מוטה. און האָפּען פאַר א ניי שעהען זים לעבען. בארצנו הקדושה שיבנה בב"א.

דרוש יב.

חמשה עשר בשבט

צווישען מענשען איז דער אונטערשייד אזוי גרויס פון איינעם צום צווייטען, ווי ליכטיגקייט פון פינסטערניש, ווי היץ פון קעלט — עקסטרים איינער פון צווייטען. און מעגען זיי זיין געבוירען אין איין לאנד, אונטער איין קלימאט, אונטער די זעלבע באדינגונגען, און צו־מאל אפילו פון איין חדר, דאך, איז איינער א פראגרעסיסט, און דער צווייטער גאר אן אגרעסיסט; דער ערשטער זוכט די אויסבעסערונג פון דער מענשליכער ראסע, נעענטערע געזעלשאפטליכע באציהונגען, סימפאטיע צווישען מענשען, און דער צווייטער — איז פעסימיסטיש געשטימט, זעהט ניט קיין גוטס, אין ציוויליזאציע איז ער פולשטענדיג צוריקגעשטאנען, איינער קוקט פארווערטס, דער צווייטער צוריקוועגס, דער ערשטער זעהט די זאכען ווי זיי זעהען אויס אין דער ווירקליכקייט, דער צווייטער ווי ס'וועט אויסזעהן אין דער צוקונפט. איינער זעהט בלויז פעלדער באוואַרפען מיט שטיינער, זאגט נביאות פאר א שטער־בליכער צוקונפט, דער צווייטער זעהט מאדערנע אויסבעסערונגען אויף אלע לעבענס געביטען און זאגט פאר א גליקליכע פערעספעק־טיווע דער מענשהייט. איינער לייענט די היסטארישע רעקארדס פון מענשליכער אויפפיהרונג, געשעהענישען, נאציאנאלע און אינדיווידו־עלע אויסדריקע פון צווישען די שורות. איינער איז אקטיוו, איינ־טענסיוו, שאפט ער און בויט, און דער צווייטער איז פאסיוו, און איז מבטל אפילו דאס געשאפענע.

אין מיטען ווינטער ווען די בוימער זיינען נאקעט, אהן בלע־טער און אהן פרוכט, עס זעהט זיך א בילד פון פארוויסטונג, אהן לעבען און די גאנצע נאטור איז ווי מיט תכריכים באדעקט, ווייס איינגאנצען, — אט אין דער צייט פייערען מיר אונזער חמשה עשר בשבט, דעם ראש השנה פון די ביימער. מיר, אידען, פרעהען זיך

אפילו זעהענדיג דיביימער אָפּגעשטאָרבען, מיר באַגריסען יענע בלו־מען, וועלכע מיר האָבען נאָך ניט געזעהען, ווייל מיר, אידען, זעהען לעבען אפילו דאָרט, וואו עס זעהט זיך נאָך ניט, ווייל אין ווינטער־דיגען שטורעם פיהלען מיר שוין דעם מילדען פריהלינג ווינטעל. זאָגאר אין די שטאַרקסטע קעלטען זעהען מיר פאָראויס די גלאָר־רייכע זומער־זון; אין מיטען ווינטער זעהען מיר דעם ראש השנה פון די ביימער.

וואָרום באַטראַכטענדיג דעם בוים וואָס ער איז פאַר אונז, זאָגט דער מדרש (במר"ג), אז דער בוים איז פאר אונז אַלעס. התמר הזה צלו רחוק, דער בוים וואַרפט א לאַנגען שאָטען. תמרה זו אין בה פסלת אלא תמרים לאכילה, לולבין להילול, חריות לסכוך, סיבים לחבלים, סנסנים לכברה, שפעת קורות לקרות בהן את הבית. קיין אָפּ־פאַל אין תמרה בוים איז ניטאָ, בלויז טייטלען צום עסען, לולבים צו הלל און סכות, צווייגען פאר סכך צו סוכות, פעדים פאר שטריק, דינע אַרטעריען פאר א זיפּ און באַלקענס צו דעקען אונזערע הייזער. און ערשט איצט פאַרשטעהען מיר די נויטיגקייט פאר דער מענשהייט די נאַטור, צמחים און ביימער, און אין פאַרשטעלונג זעהט זיך אונז ווי אַלע ביימער זיינען מיט שניי אָדער אין ווייסע קיטלען באַדעקט, שאָקלען זיך אין חמשה עשר און דאַווענען. זיי בעטען: „מי לחיים ומי לקטיפה, מי לשרפה ומי לבניה, מי... ומי...

חמשה עשר בשבט איז אום ווינטער און די ווינטערדיגע טעג און נעכט זיינען קאַלט און אומפריינטליך, ווייל די רעליגיעזע וואַרימקייט און ענטוזיאַזם פאר אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסען ווערען אַרויס־געשטופּט פון די אידישע היימען, וועלכע זיי האָבען ביז אַהער באַ־לויכטען און געוואַרימט.

דאָס לעבען געבענדע ליכט פון דער תורה ווערט געביטען אויף קינסטליכע ליכט און קאַלטע פייערען, וועלכע וואַרימען ניט און באַ־לייכטען ניט די אידישע נשמה. פרעמדע אידעאַלען פון דער אויסער־ליכער וועלט, וועלכע קענען אונז ניט באַגייסטערען.

מיר מוזען געדענקען, אַז אידעאַלען פאָדערען געוויסע קרבנות און אָפּפערווילינגקייט. מיר איגנאָרירען צופיעל די אידישע תורה און אינטערעסען, זייענדיג צו נאַכלעסיג זיך מיט דעם צו פאַרנעמען. און

אַט דאַ איז עס וואו חמשה עשר בשבט קומט אונז צו דערוואָרימען און געבען אַ פריינדליכע לעקציע, אַז אום אויפצוהאַלטען דאָס מוג־מערקייט און לעבענסלוסטיגקייט אין די קאַלטע גרויע ווינטערטעג, מוזען מיר מעהר זיך איבערגעבען צו אידישקייט און אויפבויאונגס ארבייט, וועלכע וועט אונז דערוואָרימען און אויפלעבען צו נייע וויכ־טיגע אויפטהואונגען.

בניך כשתילי זתים סביב לשלחנך, מה זית איננו מקבל הרכבה של ענף זר והוא גדל עפ"י טבעו, כן הבנים אינם מקבלים עליהם זמורת זר (ירושלמי פ"א, כלאים) דער זית בוים דולדעט ניט קיין הרכבה, קיין אסימילאַציע, נאָר אינגאַנצען פון זיך וואַקסט ער שוין. לערענט זיך אידישע קינדער פון זית בוים. „אין עליו נושרין לא בימות החמה ולא בימות הגשמים (מנחות נג) אזוי מוזען אידישע קינדער ניט פארלאָזען זייער תורה און אידישע היים, ניט אין גוטע און ניט אין שלעכטע צייטען. יעדער ווינטער זאָגט פאַר אַ פריהלינג און יעדער חמשה עשר בשבט זאָגט פאַר אַ גן עדן צוקונפט פון עצי החיים און עצי הדעת. שלעכט איז אָבער אַז והדעת מאסת, אַ איד דאַרף און מוז קענען חכמת הצירוף פון דת און דעת, אַז מען לערענט לפי רוח הדת הטהורה והקדושה. אם בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו ועשיתם אותם, איז והארץ תתן יבולה ועץ השדה יתן פריו, כי האדם עץ השדה, און דער מענש מוז וויסען, אַז חמשה עשר איז ניט בלויז אַ קאַלטער, אַ פראָסטיגער און נאַקעטער בוים־יום־טוב, נאָר אַ סימבאָל פאַר בליהונג און לעבען. ניט קיין חציר יבש, ציץ נובל און אבק פורח, נאָר חציר ירק, ציץ פורח און נשמה חיה.

דרוש יג.

ז׳ אדר

תניא בז׳ באדר מת משה ובז׳ באדר נולד משה.
(קדושין ל״ח).

דעם זיבעטען טאָג אין אדר איז משה רבינו נפטר געוואָרען, און אין דעם זעלבען טאָג איז ער געבוירען געוואָרען.

לויט'ן סדר וויסען מיר, אז א מענש ווערט פריהער געבוירען און נאכהער שטאַרבט ער. וואָרום האָט די גמרא דערמאָנט פריהער משה'ס טויט און נאכהער זיין געבורט?

נאָר אום דאָס צו פאַרשטעהן, וועלען מיר פריהער מקדים זיין א מדרש:

רבי היה יושב ודורש ונתנמנם הצבור. בקש לעוררן, אָמר: ילדה אשה אחת במצרים ששים רבוא בכרס אחד. ושאלו תלמיד אחד: מאן הוית כן? אמר לו: יוכבד שילדה את משה, ששקול כנגד ששים רבוא של ישראל (מדרש שה״ש).

ווען רבי האָט געלעהרענט פאַר'ן עולם, איז דער עולם איינגע־דרימעלט געוואָרען. ווי עס טרעפט פיעל מאָל אויך ביי אונז. ווע־לענדיג זיי אויפמונטערען ניט צום שלאָפען, דערצעהלט ער זיי א גוט וואָרט: „א פרוי האָט אין מצרים געבאָרען ביי א האלבען מיליאָן קינדער פאַר איין מאָהל. פרעגט איהם א תלמיד: ווער איז זי געווען יענע פרוי? —יוכבד, ענטפערט רבי, וועלכע האָט געבאָרען משה'ן, וואָס ער איז שקול געווען אַנטקעגען אַלע אידען.

איז בכלל די גאַנצע געשיכטע שווער צו פאַרשטעהן. רבי איז געווען זעהר א הויכע פערזענליכקייט ביים פאָלק, ער איז געווען א נשיא און זעהר הויך געשעצט אין רוים. געהייסען האָט ער ר׳ יהודה, נאָר א דאַנק זיין גרויסקייט איז ער טיטולירט געוואָרען ביים נאָמען

„רבי" אליין, און אז ער זאל רעדען און דער עולם זאל איינשלאָ־פען, היתכן? און וואס ליגט דא אין דעם וויץ, וואס ס'האט געקענט ווירקען, אז זיי זאלען זיך אויפכאפען?

רבי האט געלעבט אין זעהר א גינסטיגע צייט. דורך זיין, רבי'ס, איינפלוס אין קעניגליכען הויף איז די אידישע לאגע בכלל געווען א צופרידענשטעלענדע, און ווען א אידען געהט ניט שלעכט, איז ער ניט טהעטיג, און שוואכט זיך אפ אין אידישקייט. רבי האט זיך דער־פאר דערשראקען און, וועלענדיג ווירקען אויף דעם פאלק זיי זאלען ניט ווערען קאלטבלוטיג, פלעגמאטיש געשטימט צו אידישקייט, האט ער זיי געמוטהיגט און געמונטערט. ער האט מסדר געווען די ששה סדרי משנה אום אידען זאלען ניט פארגעסען די תורה שבעל פה. רבי האט געזעהן אז דאס פאלק שטעהט צוריק פון אידישקייט, האט ער זיי מוסר'נדיג געהייסען זיך לעהרנען פון מצרים, וואו אונטער יוספ'ס רעזשים איז זיי געווען זעהר גוט, און נאכהער איז אנגעקומען די שווע־רע גזירה פון „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו" — אידישע בלוט האט פאר די פרעה'ס געהייסען דאן א היילונג, און דוקא אין קינ־דערשע בלוט האבען איהם זיינע יועצים געהייסען. און משה רבינו איז געקומען און זיי באפרייט פון מצרים.

לאמיר עס פארשטעהן בעסער: אין א טראפישען וואלד אין אפריקע, אויף א הויכען בוים האט געוואוינט א פויגעלע מיט צוויי קינדערלאך איהרע, זעהר שעהנע און זיסע זינגערינס. און אט האט די מוטער דערפיהלט, אז זי געהט שטארבען. זאגט זי איהרע קינדער אן: — היט קינדערלעך די נעסט פון בוים און זעהט, קינדערלעך, איהר זאלט אלעמאל זיין צוזאמען און איהר זאלט זיך איינער דעם צווייטען העלפען אין פאל פון א נויט. און די קינדער האבען צוגעזאגט היטען די צוואה, און נאך דער מוטער'ס טויט האבען די צוויי פויגעלעך אפגעמאכט אז איינע זאל היטען די נעסט, די צווייטע זאל באזארגען שפייז פארביידען. א צייט שפעטער, ווי דאס פויגעלע איז אוועק זוכען שפייז און איז אזוי ארום געפאנגען געווארען און געבראכט האט מען זי צום קעניג, וואו זי איז אין א גאלדען שטייגעל ארייננגעזעצט געווארען.

ווינטער צייט ווען די פויגעל פליהען צו די ווארימע לענדער,

האבען צוויי פייגעלעך זיך אפגעשטעלט לעבען קעניגליכען גארטען און דערזעהענדיג די שעהנע פויגעלע אין שטייג, באזארגט מיט וואסער און קארן, האבען זיי איהר זעהר מקנא געווען. באמערקענדיג זייער סנאה, זאגט זי: „פריינד, איהר האט מיר ניט וואס צו מקנא זיין, איהר זייט פריי און איך בין פארשפארט. נאר טהוט מיר א טובה, פליהט צו יענעם בוים צו, דארט זיצט מיין שוועסטער, זי איז אזוי שעהן ווי איך, און דערצעהלט איהר מיין אומגליק. און אזוי ווי זי איז א קלוגע, וועט זי זיך אן עצה געבען וואס צו טהאן. ווען די שוועסטער האט די טרויעריגע נייעס דערהערט, אז איהר שוועסטערל איז געפאנגען, האט זי זיך אראפגעווארפען פון בוים און איז געשטארבען. און האט די שוועסטער אין שטייגעלע געהערט דעם סוף פון איהר שוועסטער, האט זי א שמייכעל געטהאן און געזאגט צו דעם פויגעל, איהר שליח: „ווארט, ועסטו עפעס זעהן". אויפ'ן צווייטען טאג, ווען דער באדינער איז געקומען באזארגען די פויגעלע מיט עסען, האט זי פארווארפען מיט'ן קעפעלע און געמאכט זיך געשטארבען. דער היטער האט איהר דאן ארויסגעווארפען פון שטייג. האט זי געכאפט און איז אוועקגעפלויגען. און צו דער צווייטער פויגעלע האט זי געזאגט: „מיין שוועסטער איז ניט געשטארבען, נאר מיר געגעבען אן עצה ווי זיך צו רעטען".

דאס זעלבע איז מיט אונז: אין מצרים האבען מיר געהאלטען ביים אונטערגעהן, האט אונז משה באפרייט. און אזוי בכל דור ודור. זאגט די גמרא, אז אויב אין ז' אדר איז משה געשטארבען, איז ער אבער אין ז' אדר צוריק געבארען געווארען, ווייל משה איז שקול כנגד כל ישראל.

משה, אדער איד בכלל, דאכט זיך, אז ער איז געשטארבען. ניין, ער לעבט און שטרעבט און היטענדיג תורת משה וועלען מיר זיכער קומען אין יענעם לאנד, וואו משה האט די אידען נעפיהרט. און דאס האט רבי געווארענט:

— מיין פאלק פארצווייפעלט ניט! היט תורת משה, וועט איהר געהאלפען ווערען און באפרייט ווערען פון גלות, ווייל שכינתא בגלותא גלייך מיטן כלל און כדי צו ווערען אויסגעלייזט איז דער בעסטער ענטפער: ז' אדר.

דרוש יד.

פרשת זכור

וידי משה כבדים

והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל, וכאשר יניח משה ידו וגבר עמלק, וידי משה כבדים, ויקחו אבן וישימו תחתיו וישב עליה, ואהרן וחור תמכו בידיו מזה אחד ומזה אחד, ויהיו ידיו אמונה עד בא השמש.
(שמות י"ז, י"א־י"ב).

ויבן משה מזבח ויקרא שמו ה' נסי, ויאמר כי יד על כס יה, מלחמה לד' בעמלק מדר דר.
(שם ט"ו).

א מערקווירדיגע מלחמה איז דאָס די מלחמת עמלק, און אַנדערש איז זי פון אַלע מלחמות וואָס אידען האָבען ווען געהאַט מיט זייערע שונאים אין זייער טויזענטער יאָהריגער געשיכטע. פון איין זייט זעהן מיר, אַז עמלק'ס אַטאַקע האָט איהם ניט געלונגען, דען ער האָט נאָר געקענט אַטאַקירען די גאַנץ שוואַכע, ווי דער „ספרי" זאָגט אויף דעם פסוק „ויזנב בך כל הנחשלים אחריך" מלמד שלא היה הורג אלא בני אדם שנמכו מדרכי המקום ונחשלו מתחת כנפי המקום (ספרי דברים כה־יח). דער ספרי דרש'נט „נחשלים" אַזוי ווי „נחלשים", היינט צו וואָס איז דאָ דער גאַנצער טומעל מיט דער מלחמת עמלק?

עס איז אויך צו באַוואונדערען די טאַקטיקע וואָס משה רבינו האָט אָנגענומען צו באַזיגען עמלק'ן. כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל וכאשר יניח ידו וגבר עמלק... ואהרן וחור תמכו בידו. פרעגט שוין אויף דעם די גמרא (רה"ש כ"ט ע"א) וכי ידיו של משה

עושות מלחמה, או שוברות מלחמה? אלא לאמר לך, כל זמן שהיו ישראל מסתכלין כלפי מעלה ומשעבדים את לבם לאביהם שבשמים, היו מתגברין, ואם לאו — היו נופלים. דערפון קענען מיר זעהן, אז די מלחמה פון עמלק'ן האט געטראגען גאר אן אנדער כאראקטער, און א בעוויז צו דעם איז, די ענדע פון דער פרשה ווי עס ווערט אויסגעדריקט „מלחמה לד' בעמלק", דאס הייסט, אז די מלחמה איז געווען געגען גאט. ווי רש"י ערקלעהרט דעם פסוק: ויאמר כי יד על כס יה, שאין השם שלם ואין הכסא שלם עד שימחה שמו של עמלק. מיר ווילען זיך ניט אריינלאזען אין דיקדוקים, ווייל אלע מפרשים מאטערען זיך צו ערקלעהרען אט דעם שווערען ענין, יעדער נאך זיין געשמאק, אין מיר וועלען אויך טרייען צו ערקלעהרען דעם ענין ווי אונז ווערט זיך איינגעבען.

הרה"ק הגאון הצדיק הר' צבי אלימלך זצ"ל מדינאב ערקלעהרט דעם פסוק: וידבר די אל משה לך רד כי שחת עמך, סרו מהר מן הדרך אשר צויתים, עשו להם עגל מסכה (שמות ל"ב ז־ח) און די גמרא (ברכות ל"ב ע"א), וועלכע רש"י ברענגט אויך — מאי לך רד? אמר רי אלעזר: אמר הקב"ה למשה לך רד מגדולתך. כלום נתתי לך גדולה אלא בשביל ישראל. ווי עס איז באוואוסט איז די מסורה, אז דער ד' פון „אחד" דארף זיין גרעסער, אום מען זאל דאס ניט אננע־מען פאר א רי"ש כדי מען זאל איהם ח"ו ניט פארבייטען מיט דעם ווארט „אחר". דאס זעלבע געפינען מיר דעם צווי לא תשתחוה לאל אחר איז דער רי"ש גרעסער ווי די איבעריגע אותיות. אויך צוליב דעם זעלבען טעם מען זאל איהם ניט פארבייטען אויף א ד', ווערט דאך דאס זיין א חרוף וגדוף. און אין וואס באשטעהט דער חילוק צווישען א „ריש" און „דלת"? נאר איין קליין שטריכעלע און עס איז זעהר לייכט צו פארבייטען זיי איינער אויף דעם צווייטען, דעריבער ווערען זיי געשריבען מיט גרויסע אותיות. אבער ווען די אידען האבען גע־מאכט דעם עגל, האבען זיי דאך פארביטען דעם ד' מיט'ן ר', דעריבער זאגט גאט צו משה'ן: „רד" מגדולתך. דאס מיינט דער ד' און דער ר' זיינען ארונטער פון זייער גדולה. דען צוליב וואס האב איך געגעבען גדולה צו די צוויי אותיות, מען זאל זיי שרייבען גרעסער? איז דאך נאר כדי מען זאל זיי ניט פארבייטען, אבער איצט, אז די אידען האבען

געמאכט דעם עגל, דארפען זיי שוין ניט זיין גרעסער, ווייל זיי האָבען שוין פאַרביטען דעם „אל אחד" בתבנית שור אוכל עשב. און אויף דעם אופן ווערט ערקלעהרט דער פסוק וקוץ ודרדר תצמיח לך, ווייל זיי האָבען געזינדיגט, האָבען זיי גורם געווען אז דער „קוץ", דער שטריכעלע פון ד' זאָל פאַרביטען ווערען, וד"ר"ד"ר" תצמיח לך. עס זאָל פאַרביטען ווערען דער „דלת" אויף „ריש" און דער „ריש" אויף „דלת" און דאָס איז מרומז אין פסוק: „מלחמה לד' בעמלק מדר דר — דארפען האָט געדאַרפט שטעהן מלא מיט ואו'ן: „מדור דור" און עס שטעהט חסר: מדר דר, ווייל די מלחמה איז געווען כדי צו צעמישען די מחות און מען זאָל ניט דערקענען דעם חילוק צווישען ד' און ר'.

איצט קענען מיר פאַרשטעהן פאַרוואָס איז דער „שם" ניט שלם. און דער „כסא" איז ניט שלם. ביז עס וועט אָפּגעמעקט ווערען דער נאָמען פון עמלק. ווייל אז די מלחמה איז ניט געווען קיין איינפאַכער פיזישער אָנגריף, זעהן מיר אין דער פרשה „חקת" נאָכדעם ווי אהרן הכהן איז געשטאָרבען, שטעהט דאָרטען: „וישמע הכנעני מלך ערד, יושב הנגב, כי בא ישראל דרך האתרים, וילחם בישראל וישב ממנו שבי" (במדבר כ"א א') ערקלעהרט דאָרטען רש"י: יושב הנגב, זה עמלק, שנאמר, עמלק יושב בארץ הנגב. (במדבר י"ג), נאָר ער האָט פאַרביטען זיין שפּראַך אויף לשון כנען, כדי אז די אידען וועלען מתפלל זיין צו גאָט ער זאָל איבערגעבען די כנענים אין זייערע הענט, און זיי זיינען דאָך ניט קיין כנענים, וועט די תפילה ניט ווירקען. ווי די אידען האָבען געזעהן, זיי געהען געקליידעט ווי עמלק און רעדען כנענית, האָבען זיי געבעטען סתם: אם נתן תתן את העם הזה בידי — אָהן אַ נאָמען. און גאָט האָט צוגעהערט זייער תפילה — ויתן אותם ביד ישראל.

פון אַלץ, וואָס איז אויבען ערקלעהרט געוואָרען, זעהען מיר, אז עמלק'ס טאַקטיקע אין זיין מלחמה מיט די אידען איז גאָר געווען פאַרשיעדען פון אַנדערע מלחמות. ווי באַוואוסט האָט גאָט געמאכט תחומין צווישען „טוב און „רע" און צווישען „אור" און „חושך", און צווישען „ישראל" און „עמים", ווי דער מדרש ערקלעהרט דעם פסוק: „ויבדל אלקים בין האור ובין החשך, ויקרא אלקים לאור יום,

ולחשך קרא לילה" . לאור יום אלו מעשיהם של צדיקים, ולחשך קרא לילה, אלו מעשיהם של רשעים (מד"ר בראשית). אָבער ווייל עס האָט גורם געווען דער חטא, איז געוואָרען אַ צעמישונג אין די באַגריפען פון גוט און שלעכט און אַלעס האָט זיך אויסגעמישט, און דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען דער „בזיעת אפיך תאכל לחם", „וקוץ ודרדר תצמיח לך" — עס האָט זיך אויסגעמישט ליכטיגקייט מיט פינסטערניש, גוטעס מיט שלעכטס, נישט געווען קיין גרעניץ ליניען צווישען זיי. האָבען די אידען דאָס נעדאַרפט מתקן זיין, ארויסקלייבען די גוטעס פון די שלעכטעס און דאָס אָפּזונדערען, אַז יעדער עלעמענט זאָל זיין באַזונדער, ווייל עס איז זעהר ניט גוט ווען איינער נעהט געקליידעט ווי אַן עמלקי און רעדט לשון כנען, און מען ווייסט ניט ווער איז ווער. ווי ינאי מלכא האָט געזאָגט צו זיין פרוי: אל תתיראי מן הפרושים ולא ממי שאינם פרושים, אלא מן הצבועין שדומין לפרושים, שמעשיהם כמעשי זמרי ומבקשין שכר כפנחס" (סוטה כ"ב ע"ב), ווייל פון אַ פאַרשטעלטען שונא ווייסט מען ניט ווי זיך צו היטען פון איהם, ווי דער בעל „אגרת הטיול" ערקלעהרט דוד המלך'ס תפילה: „ד' לי בעזרי", גאָט זאָל מיך רעטען פון די מענשען וואָס צייגען זיך מיר פריינדליך און עפענטליך זיינען זיי כלומר'שט „בעוזרי", „ואני אראה בשונאי", פון מיינע עפענטליכע שונאים וועל „איך" שוין אַליין זעהן זיך היטען. און נאָכדעם ווי די אידען זיינען ארויס פון מצרים, און זיי האָבען אויסגעקליבען און מיטגענומען מיט זיך דאָס גאַנצע „טוב" פון מצרים, ווי דער פסוק זאָגט וינצלו את מצרים, האָט עמלק געוואָלט ווידער אריינברענגען אַ צעמישונג אין די באַגריפען פון „טוב" און „רע", ווי עס האָט ווירקליך פאַסירט שפּעטער ביי דעם מעשה העגל, וואָס נאָך דער מיינונג פון פיעל מפרשים, האָבען זיי זיך מכוון געווען לשם שמים, נאָר עס איז ביי זיי פאַרביטען געוואָרען דער ד' פון דעם „אחד" אויף אַ „ריש" און עס איז געוואָרען „אחר", ווי מיר זעהן דאָס היינט אין אונזערע צייטען, אַז עמלק'ס טאַקטיקע פיהרט אַראָפּ אידען פון גלייבען וועג.

אַלע ווייסען למשל אַז די שוהל און דער בית המדרש זיינען אַ מקום קדוש אין וועלכע דער איד גיסט אויס זיין האַרץ פאַר גאָט, דער „אל יחיד ומיוחד", קומען אָבער די שלוחים פון עמלק'ן און ברענגען

אריין קריסטליכע כאַריסטקעס אַז זינגען שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד און מאַכען פון דעם ד׳ א ר׳. דער אונטערשייד צווישען זיי איז דאָך נאָר אַ קוץ, אַ קליין שטריכעלע.

און דאָס זעלבע טהוען די רע-בנים, די עמלקים, וואָס געהען געקליידעט ווי עמלקים און רעדען כנענית, און זאָגען נאָך אַז זיי מיי־נען דאָס לשם שמים, און שלעפּען מיט נאָך זיי אַלע נחשלים. די „נחלשים" אָבער באמת איז ואתה עיף ויגע ולא ירא אלהים, די גאָטטעס דינסט איז בלויז אַ מאַסקע! און אַזוי זעהען מיר אין יעדען פּרט פון אונזער אידישען לעבען דאָ, אין קאָלאָמבוסעס מדינה, אַז עס דרעהט זיך אַרום דעם „וקוץ ודרדר תצמיח לך", מען פאַרבייט דעם קוץ פון „אחד" אויף „אחר" און ניט אומזיסט זאָגען מיר: אשמנו מכל עם, בושנו מכל דור.

און אַזוי קענען מיר ערקלעהרען דעם ענין פון ידיו של משה. די חז״ל זאָגען אין מדרש, אַז משה'ס הענט זיינען געווען שני לוחות, און ווען די אידען וואָלטען ניט געזינדיגט, וואָלטען זיי ניט גע־דאַרפט האָבען קיין לוחות אבנים, ווייל משה'ס הענט זיינען אַליין געווען לוחות. ווי די אנשי כנסת הגדולה האָבען דאָס אויסגע־דריקט אין תפלת שחרית של שבת: ושני לוחות אבנים הוריד „בידו" עמלק האָט געוואָלט אָפּשוואַכען דעם כח פון משה'ן, דער מנהיג של ישראל. אַזוי טהוען די אָפּשטאַמען פון עמלק אין יעדען דור. זיי בעמיהען זיך אָפּצושוואַכען דעם כח פון דעם רב, דעם מנהיג העדה. וואָס אין זיינע הענט זיינען די לוחות. דען וואָס פאַר אַ נוצען האָבען מיר פון אַ „תורה", וואָס שטעהט אין ארון הקודש אָהן דעם רב וואָס לעהרענט אַליין די תורה און לעהרענט אַנדערע? און דעריבער איז — והיה כאשר ירים משה את ידיו, דאָס מיינט ווען די אידען האָבען זיך געפיהרט נאָך די געזעצען פון דער תורה, און האָבען געמוטהיגט די הענט פון זייער רב, ער זאָל זיי פיהרען בדרך התורה והמצוה, דאַן איז „וגבר ישראל", אָבער אין דער צייט וואָס „ידי משה כבדים", ווען די געמיינדע, אַנשטאָט צו מוטהיגען און שטאַרקען די הענט פון זייער רב און מנהיג, טוען זיי פאַרקעהרט, — זיי שוואַכען איהם אָפּ און ציינען איהם ניט קיין רעספּעקט. דאַן דאַרף משה, דער רבי, נעמען אַ שטיין, זיי אונטערצושפּאַרען. דאַן באַקומט מען שני לוחות

אבנים און מען איז כופה עליהם הר כגיגית. און א מלחמה ווערט אָנגעפיהרט פון די רבנים וצדיקי הדור מיט עמלק'ן מדור דור, ווייל די מלחמה איז מלחמה לד' בעמלק. און מדר דר, צוליב די פארדרייטע באַגריפען צווישען „ד' אחד" און „אל אחר", באַגריפען אין וועלכע עס קען ניט זיין קיין פשרות, און דאָס וואָס איז נוגע צו היטען תורה און מצוות, איז ניטאָ קיין קאָמפּראָמיסען. אין דעריבער איז מחה תמחה את זכר עמלק מתחת השמים. לא תשכח. גאָט זאָל אונז מזכה זיין מיר זאָלען איהם קענען דינען בלבב שלם, און ער זאָל אונז ברענגען דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן.

* *
*

עס וועט זיין זעהר אינטערעסאַנט צו ברענגען דאָ אן אויסצוג פון א בריעף, וואָס איך האָב לעצטענס ערהאַלטען פון אאמו"ר הרה"צ הגאון הגדול חד מבני עליה כקש"ת מוהר"ר חנוך חיים הכהן שליט"א בירושלים עיה"ק ת"ו, אז זיינער א באַקאַנטער רב פון אייראָפּא האָט איהם געשריבען, דאָס ער האָט געזעהן אין אן אַלטען פנקס, אין דער שטאָט בראָד, פוילען, אין וועלכען עס זיינען פארשריבען לזכרון פארשיידענע זכרונות.

שטעהט דאָרט פארשריבען אינ'ם נאָמען פון דעם קדוש עליון דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק, בעל ספר נועם אלימלך, בזה הלשון:

בשנת „תמחה עמלק" (בגימטריא תרצ"ג) לפרט, יעמוד אחד לא מזרע המלוכה במדינת אשכנז (גרמניא) וירדוף את אחינו בני ישראל. ובשנה שלאחריה, שנת תרצ"ד, יבוא משיח צדקינו. ורמז לזה מתהלים מ"ג: „שלח אורך ואמתך", ופירש רש"י ז"ל: אורך — זה משיח. ואמתך — זה אליהו הנביא. והמספר „אורך ואמתך" עולה תרצ"ד. ע"כ.

די איבערזעצונג דערפון אין אידיש:

אינ'ם יאָהר „תמחה עמלק", דאָס מיינט אינ'ם איצטיגען יאָהר תרצ"ג (תמחה עמלק, באַטרעפט תרצ"ג), אין דעם דאָזיגען יאָהר וועט אויפשטעהן איינער, וועלכער שטאַמט נישט פון קיין קעניגליכער

דינאסטיע אין דייטשלאנד, און וועט רודפ'ן און פארפאלגען די אידען, אין דעם קומענדען יאהר, תרצ"ד, וועט קומען משיח צדקינו.

אן אנדייטונג אויף דעם געפינט זיך אין תהלים, קאפיטעל מ"ג. דארט ווערט געזאגט, „שלח אורך ואמתך". דוד המלך בעט ביי גאט ב"ה: שיק דיין ליכט און דיין וואהרהייט. זאגט דערויף רש"י ז"ל: „אורך" מיינט מען משיח, און „ואמתך" מיינט מען אליהו הנביא. די ווערטער „אורך ואמתך" באטרעפען — תרצ"ד.

איצט אין אונזער צייט פארשטעהט מען בחוש, אז דאס איז גע־מיינט דעם עמלק פון דייטשלאנד, דעם צורר היהודים „היטלער" ימח שמו וזכרו, איהם און זיינע נאצים. און אין גיכען, לאמיר האָ־פען, וועט ער האבען א מיאוס'ע מפלה.

דערביי ווילט זיך אונז דערמאנען א באמערקונג פון אבן עזרא אין זיין פירוש הארוך, אויפן פסוק: והיה כאשר שש הי עליכם להטיב אתכם ולהרבות אתכם, כן ישיש די עליכם להאביד אתכם ולהשמיד אתכם (דברים כ"ח ס"ג). מאכט דער אבן עזרא דערויף פאלגענדע קורצע באמערקונג, כאשר שמענו כן ראינו.

טייטשען די מפרשים, אז דער אבן עזרא מיינט צו זאגען דער־מיט פשוט, דאס די אלע אויסגערעכענטע צרות פון דער תוכחה זיינען ליידער באשטעטיגט געווארען. וכאשר שמענו, אזוי ווי מיר האבען זיי געהערט, אזוי האבען מיר זיי טאקע געזעהן. כידוע, אז אידען האָ־בען געהאט אויסצושטעהן מורא'דיגע רדיפות און צרות בעפאר און אויך אין דער צייט פון אבן־עזרא.

איז אבער פאראן אין „פרח לבנון" אז אין דער אמת'ן ענטהאל־טען די דאזיגע ווערטער א זעהר שארפזיניגע באמערקונג. היינו „כאשר שמענו" דעם „כאשר" די הבטחה פון „כאשר שש ה' עליכם להיטיב אתכם ולהרבות אתכם" האבען מיר בלויז געהערט, נאר „שמענו" אבער געזעהן נאך נישט. צו דער פארווירקליכונג פון דער דאזיגער הבטחה האבען מיר נאך ליידער עד היום ניט זוכה געווען.

דאגעגען אבער, „כן ראינו" דעם „כן" די שרעקליכע שטראף פון „כן ישיש ד' עליכם להאביד אתכם" האבען מיר ליידער געזעהן בחוש. דאס איז טאקע פאר אונזערע אויגען שוין מקוים געווארען. דאס זעלבע ווילט זיך זאגען וועגען די אויבענדערמאהנטע נבואה

פון'ם „נועם אלימלך". דעם „כן", אז דער צורר איז א מושל אין דייטשלאנד, און אז דער עמלק-היטלער ימ"ש טהוט אן צרות צו אחינו בני ישראל, זעהען מיר.

איצט דארף מען בלויז בעטען און האפען, אז עס זאל מקוים ווערען אין גיכען דער „תמחה עמלק" היטלער וסיעתו, און השי"ת זאל אונז שיקען **אליהו און משיח צדקנו, במהרה בימינו, אמן!.**

דרוש טו.

פרשת פרה

מבשרי אחזה אלוה:

וידבר ה׳ אל משה ואל אהרן לאמר: זאת חקת התורה אשר צוה ה׳ לאמר, דבר אל בני ישראל ויקחו אליך פרה אדומה תמימה אשר אין בה מום, אשר לא עלה עליה עול. (במדבר י״ט, א׳ ב׳).

ר׳ יצחק פתח. כל זה נסיתי בחכמה אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני. (קהלת ז׳ כ״ג).

כתיב, ויתן אלהים חכמה לשלמה ותבונה הרבה מאד ורוחב לב. ותרב חכמת שלמה מחכמת כל בני קדם. ומכל חכמת מצרים ויחכם מכל האדם. (מלכים א׳ ה׳ ט׳-י״א).

אמר שלמה על כל אלה (כל שאר המצוות שצוה ה׳ למשה) עמדתי (הבנתי) ופרשה של פרה אדומה חקרתי ופשפשתי ואמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני. (במד״ר י״ט ג׳).

והיא רחוקה, בגימטריא פרה אדומה.
(רבנו בחיי)

אייגענטליך ערקלעהרט דאָך רש״י אין נאָמען פון ר׳ משה הדרשן דעם טעם פון פרה אדומה, אז זי איז געקומען צו מכפר זיין אויף דעם מעשה העגל. און דאָס זעלבע ערקלעהרט דער מדרש (שם י״ט) אין נאָמען פון ר׳ איבו. עס איז א משל צו א זוהן פון א דינסט, וואָס האָט פארשמוצט דעם קעניגליכען פאַלאַץ, האָט דער קעניג געזאָגט — זאָל קומען די מוטער און אָפּרייניגען דאָס וואָס דער זוהן האָט פאַראומרייניגט. דעם טעם האָט וואהרשיינליך שלמה

דער חכם מכל אדם אויך געקענט פארשטעהן? נאר דאס וואס איהם איז אזוי שווער געווען צו פארשטעהן, און ער האט חוקר ודורש געווען, פארוואס איז די פרה אדומה מטהר טמאים און מטמא טהורים? ווי די גמרא זאגט (יומא י״ד ע״א) היה שלמה מתקשה בהלכות פרה אדומה, שהמזה ומזין עליו טהור, ונוגע טמא — און אויף דעם האט איוב געזאגט, מי יתן טהור מטמא לא אחד (איוב י״ד ד) דאס איז געווען דער שווערפונקט וואס שלמה האט נים פארשטא־נען. און עס איז פארבליבען פאר איהם א חידה סתומה ווי ער דריקט זיך אויס, והיא רחוקה.

דאס וואס מיך וואונדערט אין דעם ענין פון דער פרה אדומה איז נאר אן אנדער זאך. די חז״ל זאגען, און רש״י ברענגט דאס אויפ׳ן ארט (במדבר י״ט ב׳) לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר, מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה, לפיכך כתב בה חקה. חקה חקקתי גזרה גזרתי אין לך רשות להרהר אחריה. — די ערקלעהרונג איז גארניט צופרידענשטעלענד. פארקעהרט, די קשיא ווערט נאך הארבער. וואס עפעס גראדע איז נאר ביי דער מצוה נגזר געווארען אז קיינער זאל איהר נים פארשטעהן? און נאך א זאך: עס געפינען זיך פיעל אנדערע מצוות וואס איז נים ערקלעהרט געווארען זייער טעם, און פונדעסטוועגען איז ניטא אויף זיי דער ענטפער, גזירה גזרתי. און אויך נים דער חשש פון שטן און די אומות העולם, אז פיליכט וועלען זיי פרעגען אויף זיי, און נאר ביי פרה אדומה איז דא די ער־קלעהרונג, פאר וואס?

דעריבער געפעהלט מיר צו זאגען, אז דער גאנצער ענין דרעהט זיך דא ארום דער גרעסטער וועלט פראבלעמע, וועלכע שוועבט אין דער אטמאספערע פון דער וועלט, און באאומרוהיגט די גרעסטע מחות פון די געלעהרנטע, דאס איז די פראגע: „וואס איז לעבען? און צו וואס פאר א צוועק לעבט דער מענש? א פראגע, וואס זינט די וועלט עקזיסטירט, האבען זיך אין אלע דורות געמאטערט די גרעסטע חכמים צו געפינען אן ענטפער אויף איהר, אבער עס איז זיי נים געלונגען, און די פראגע איז געבליבען נים פארענטפערט.

די גרויסע געלעהרנטע פילאזאפען און פאעטען, ווי שיללער, ניטשע, און שאפענהויער, זיינען אריין געפאלען אין א פעסימיזם,

נישטערענדיג און פילאָזאָפירענדיג וועגען דיזער פראַגע, וואָס איז לע־בען און צו וואָס פאַר אַ צוועק, און זיינען געקומען צום שלוס, אַז דאָס לעבען איז גאָרנישט. עס איז בעל כרחך אתה חי, און ווייטער איז גאָרנישט.

איוב גיסט אויס זיין ביטער הארץ מיט אַ שרעקליכען פּראָטעסט און פרעגט: למה יתן לעמל אור? וחיים למרי נפש? המחכים למות ואיננו ויחפרהו ממטמונים, השמחים אלי גיל ישישו כי ימצאו קבר וגו׳ (איוב ג׳ כ״-כ״ב) און אפילו ביי היינטיגער צייט אין וועלכער די גרויסע געלעהרנטע האָבען אריינגעדרונגען אין אַלע פאַרבאָרגענע ווינקעלאַך פון דער נאַטור, מען קען שוין ארומקרייזען די וועלט אין זיבען טעג, מען האָט שוין געמאַכט רייזעם צום נאָרד פּאָל און סאָוטה פּאָל, מען ווייס דעם גאַנג פון די פּלאַנעטען, און זייער ערשיי־נונג ווערט אויסגערעכענט אויף דער מינוט, אויף דער סעקונדע. מען בענוצט זיך מיט עלעקטריק אויף אַלע געביטען פון לעבען, און די שטימע פון ראַדיאָ ווערט געהערט פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען אין איין מינוט, — און דאָך איז די פראַגע פון לעבען נאָך ניט ער־קלעהרט געוואָרען. און ניט נאָר די פּראָבלעמע פון לעבען איז ניט ערקלעהרט געוואָרען, נאָר אפילו די פראַגע פון דעם מענשענס גע־זונטהייט איז נאָך אויך ניט קלאָהר גענוג. נאָך אַלע גרויסע אָנ־שטרענגונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין דער מעדיצינישער ווי־סענשאַפט, וואָס אין פילע פאַלען האָט זיי אָפּגעגליקט און זיי האָבען היבש פּראָגרעסירט צו ערפינדען פאַרשיידענע מיטלען צו פיעלע קראַנקהייטען, און מען מאַכט היינט צו טאָג אַזעלכע וואונדערליכע אָפּעראַציעס, וואָס מיט יאָהרען פריהער האָט מען אפילו ניט גע־חלומ׳ט וועגען זיי, — נאָך די אַלע גרויסע ערפינדונגען ווי די רענט־גען שטראַהלען און די פאַרשיידענע סערומס צו פּאָקען, דיפטעריע, א. א. וו., נאָך די אַלע גרויסע אויפטהואונגען, זיינען נאָך ביי היינ־טיגען טאָג דאָ פיעל קראַנקהייטען, וואָס די מעדיצין ווייס צו זיי קיין מיטעל ניט, ווי קענסער ר״ל, אויף וועלכער מען קען זאָגען, כי רבים חללים הפילה ועצומים כל הרוגיה. און נאָך פאַרשיידענע מחלות, וואָס אַלע חכמי הרפואה שטעהען פאַר זיי הילפלאָז און פאַרוואונ־דערט און ווייסען ניט וואָס צו טאָהן.

דער היינטיגער דור האלט זיך פאַר זייער קלוג. און באַזונדערס די יונגוואַרג אונזערע, די אויסשטודירטע דאָקטוירים, אינזשעניערען, אַרכיטעקטען, מאַטעמאַטיקער, און אַסטראָנאָמען, וועלכע ריידען אויף פערשיידענע שפּראַכען: כינעזיש, אשדודית, האָטענטאָטיש און נאָך אַזעלכע שפּראַכען, — דענקען זיי אַז זיי וויסען שוין אַלעס, און די מצוות פון תורה האָבען אין זייערע אויגען קיין ווערדע ניט. אָט זאָ־גען זיי „וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל" איז נאָר גע־ווען אין דעם מדבר, פאַר האַלב ווילדע ניט ציוויליזירטע מענשען. און אויב אין דער תורה שטעהט למשל, אַז אַ אידישע טאָכטער דאַרף געהן טבילה, אין אַ כשר'ע מקוה, לאָבען זיי זיך אויס און זאָגען, אַז דאָס איז ניט געזאָגט געוואָרען פאַר היינטיגער מאָדערנער צייט, ווען אין יעדען הויז איז דאָ אַ וואַנע מיט וואַרימע און קאַלטע וואַסער.

איך וואָלט זיי אָבער וועלען פרעגען: קענען זיי מיר ערקלעה־רען און איבערזעצען ריכטיג די ווערטער „טמא" און „טהור"? ווען די מיינונג וואָלט געווען „ריין" און „ניט ריין", וואָלטען זיי פיליכט גערעכט געווען. אָבער קען מען געפינען אין וועלכע עס איז ניט שפּראַך אַ ריכטיגע דעפיניציע אויף דעם וואָרט „טמא", „טהור", „כשר", „טריפה"? ניין, בשום אופן ניט, ווייל אַלע איבערזעצונ־גען אין וועלכער עס איז שפּראַך, אויסער תרגום אונקלוס, זיינען ניט ריכטיג, און גיבען ניט אַרויס די ריכטיגע כוונה, און אין פיעלע פעל־צער איז די כוונה גראַדע אַ פאַרקעהרטע דורך די ניט ריכטיגע אויס־טייטשונג, ווייל קיין שפּראַך איז ניט אימשטאַנד צו איבערזעצען די תורה הקדושה, וועלכע איז געגעבען געוואָרען אויפן באַרג סיני אין לשון קודש די „געטליכע שפּראַך", און דעריבער איז די וועלט גע־ווען פינסטער דריי טעג, ווען די זקנים האָבען איבערזעצט די תורה אויף גריכיש פאַר תלמי המלך.

און אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָך ניט געלייזט געוואָרען די גרויסע רע־טעניש, די פּראָבלעמע, וואָס איז לעבען, און וואָס איז טמא און טהור, האָט דער מענש קיין רשות ניט צו נאָכקלעהרען די תורה. ווייל „זאת חקת התורה", דאָס איז דער געזעץ פון דער תורה, „אדם כי ימות", די וואונדער פון לעבען און שטאַרבען ווייסטו ניט, ובכן שריי־זשע אויס „מבשרי" אחזה אלוה! פון מיין אייגענער עקזיסטענץ זעה

איך די געטליכקייט! דע מאין באת ולאן אתה הולך — וויס פריהער פון וואנען דו קומסט צום לעבען און וואוהין דו געהסט נאכ׳ן טויט — און פון דעם ועסטו פארשטעהן לפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון!

און אויף דעם זאגט איוב (י״ד א־ד) אדם ילוד אשה (איינער פון גאט׳ס וואונדער) קצר ימים ושבע רוגז, כציץ יצא וימל, ויברח כצל יעמוד, אף על זה פקחת עיניך. ואותי תביא במשפט עמך מי יתן טהור מטמא לא אחד—דאס מיינט: דו, מענש, אזוי לאנג ווי דו ביזט אין גאט׳ס הענט כחומר ביד היוצר, מיט דיין לעבען און געזונט, — האסטו קיין רעכט ניט צו פרעגען פראגעס וואס איז די אדער יענע מצוה, און וואס איז דער טעם פון זיי און געבען אויף דעם דיינע ערקלעהרונגען. אויב דיין אייגענער עקזיסטענץ און דיין געזונטהייט איז פארבארגען פון דיר, ווי ערלויבסטו זיך צו וועלען וויסען די סודות פון גאט?

און הגם פילע פון די נאטור־וואונדער זיינען די לעצטע צייט ענטדעקט געווארען פאר דעם מענשען דורך טעאריעס און פאקטען, אבער דער וואונדער פון דיין אייגענעם לעבען איז נאך אלץ פאר דיר א חידה סתומה, טא ווי ערלויבסטו זיך צו קריטיקירען גאט׳ס ווארט און דאס וואס אנבאלאנגט אין מקיים זיין די מצות פון דער תורה?

איך גלויב, אז ס׳וועט זיין זעהר אינטערעסאנט צו ברענגען דא די תשובה, וואס דער רמב״ם גיט אין זיין „מורה נבוכים״ (חלק שני פרק י״ז) אין זיין ענטפער צו אריסטאטעלען, וועלכער וויל אויפוויי־זען מיט ראיות געגען חדוש העולם. און דער רמב״ם שלאגט אפ זיינע ראיות מיט א וואונדערליכען משל, אז די באווייזען פון דער נאטור קענען ניט מבטל זיין אונזער אמונה, ווייל די געזעצען פון דער נאטור זיינען ניט אבסאלוט און גאט קען זיי ענדערען.

דער רמב״ם זאגט אזוי: זאלען מיר זיך פארשטעלען א פולקאָ־מען קינד איז געבוירען געווארען אויף א וויסטען אינזעל. זיין מו־טער האט איהם געזויגען אייניגע מאנאטען און איז געשטארבען. גוט הארציגע מענשען האבען אויף איהם אויפגעפאסט און דארטען האט ער זיך אויסגעהאדעוועט ביז ער איז געווארען א פולקאמענער ענטוויקעלטער מענש. פרעגט ער איינמאהל ביי זיינעם א מיט־מענ־

שען: „ווי אזוי איז פאַרגעקומען אונזער ענטשטעהונג, און ווי אזוי קומען מיר צום לעבען?״ ענטפערט איהם דער מענש: „דער מענש ווערט באַשאַפען אין אַ קערפער פון אַ לעבעדיגען מענשען פון אונזער מין. נייען מאָנאַטען געפינט ער זיך דאָרט, לעבט און באַוועגט זיך און ווערט געשפּייזט און וואַקסט, און נאכהער, ווערט ער געבוירען און אַנטוויקעלט זיך ביסלעכווייז און ווערט אַן ערוואַקסענער מענש ווי דו און איך״. פרעגט איהם ווידער דער יתום, וואָס האָט אגב אין זיין גאַנצען לעבען קיין פּרוי ניט געזעהן — ניט קיין מענשליכע און ניט פון אנדערע בעלי־חי: ווי קאָן דאָס זיין אז דאָס קינד זאָל קע־נען עסען און טרינקען, אָטעמען און באַוועגען זיך?

— פאַר די גאַנצע ניין מאָנאַטען — ענטפערט איהם דער מענש — עסט טאַקע ניט דאָס קינד, און טרינקט ניט, און אָטעמט אויך ניט.

— ניין! — שרייט אויס דער יתום — עס קען ניט זיין! אָט איך וועל דיר ברענגען אַ באַווייז פון מיר אליין. ווען איך זאָל פאַרהאַלטען מיין אָטעם דורך פאַרמאַכען די נאָז אויף אייני־גע מינוטען, וואָלט איך גלייך געשטאָרבען. טאָ ווי קען אַ לעבעדיגע זאַך עקזיסטירען אין אַ פאַרמאַכטען פּלאַץ איינינע מאָנאַטען און דאָך לעבען? ווען אַ מענש זאָל איינשלינגען אַ קליין פייגעלע, וואָלט עס דאָך גלייך דערשטיקט געוואָרען אין מאָגען, לאַנג בעפאָר עס וואָלט נאָך געקומען צו איהם אין בויך, און ווען אַ מענש זאָל ניט עסען און ניט טרינקען און ניט טאָהן זיינע באַדערפענישען איינינע טעג, וואָלט ער דאָך געשטאָרבען אָדער קראַנק געוואָרען, טאָ ווי קען אַ לעבעדיגע זאַך עקזיסטירען נייען מאָנאַטען אָהן אָטעם, עסען און טרינקען?״ דוכט זיך גאַנץ ריכטיגע פאַקטען, אָבער ווען דער זעל־בער פרעגער וועט קומען אין אַ פּלאַץ וואו עס וואוינען מענשען מיט פאַמיליעס, וועט ער זיך באַלד איבערצייגען, אז אלע זיינע פאַקטען זיינען גאָרניט ווערט, ווייל גאָט ענדערט די געזעצען פון דער נאַטור. ווי עס ווערט געבראַכט אין מדרש תנחומא (תזריע ג׳) היה איוב רואה את בני האדם... ואשה יולדת זכר... וספינה שטה בים... תמה על הדברים הללו, ואמר: „אשא דעי למרחוק ולפועלי אתן צדק״ (איוב ל״ו ג׳) — דאָס מיינט, זעהענדיג אז אונזער גאַנצע עקזיסטענץ איז

דורכאוים וואונדער, מען ווערט געבוירען, מען שטארבט, דור הולך ודור בא און קיין ערקלעהרונג האט ער אויף דעם ניט געפונען; ואשה יולדת זכר, וואס דאס איז אויך געגען דער נאטור, ווייל, נאטירליך, געבוירט יעדער מין זיין גלייכען; וספינה שטה בים — ווי אזוי? ווייל די שיף איז גרינגער פון דעם וואסער, און דאס איז טאקע א כלל, אז יעדע גרינגע זאך געהט ארויף אויף דער שווערער זאך. אויב אזוי איז דאך די וואסער גרינגער פאר דער ערד, האט דאך דאס וואסער געדארפט זיין אויף דער ערד, און ניט אין דער ערד. באטראכטענדיג אט די אלע זאכען, איז לפועלי, צו מיין באשעפער, אתן צדק, מוז איך איהם געבען גערעכט. ווייל איך זעה פיעל זאכען זיינען געגען דער נאטור, מוז איך דאך זאגען, אז עס איז פאראן א פועל. און דעריבער אפילו שלמה המלך, וואס האט געוואוסט און פארשטאנען ווען עס איז דער סוף פון מענשען, ווי עס ווערט געבראכט אין מדרש (במ"ר פרשה י"ט) את מוצא כשביקש שלמה לבנות את בהימ"ק, שלח אצל פרעה נכה, אמר לו:.. „שלח לי אומנין בשכרן שאני מבקש לבנות בית המקדש". מה עשה? כנס כל אצטרלוגין שלו, צפו וראו בני אדם שעתידין למות באותה שנה ושלחן לו. כשבאו אצל שלמה צפה ברוח הקודש שהם מתים באותה שנה, נתן להם תכריכיהן ושלחן אצלו ואמר לו: לא היה לך תכריכין לקבור את מתיך? הרי לך הן ותכריכיהן". און דער פסוק זאגט עדות אויף איהם: ויחכם מכל מצרים", אפילו ער האט ניט געקענט פארשטעהן אט דעם סוד, נאר — אלקים הבין את דרכה.

דעריבער, בן אדם, פרעג קיין קשיות! דאס לעבען איז א חוק, די תורה איז א חוק, ואין לך רשות להרהר אחריה! געה אין גאט'ס וועגען באמונה, און נאר מיט אמת'ע אמונה וועסטו לעבען און גליק־ליך זיין!

דרוש טז.

פרשת החדש

ראשי חדשים לעמך נתת

ויאמר ד' אל משה ואל אהרן בארץ מצרים לאמר: החדש הזה לכם ראש חדשים ראשון הוא לכם לחדשי השנה.
(שמות י"ב, א.־ב').

מצות קדוש החודש, הגם אויבערפלעכליך ווייזט זי אויס צו זיין אן איינפאכע, אומבעדייטענדע מצוה, איז זי אָבער באמת אַ זעהר וויכטיגע, ווי עס איז צו זעהן פון די אויבענדערמאָהנטע פסוקים אין דער תורה, דאָס בעפאָר גאָט ב"ה האָט נאָך ארויסגענומען די אידען פון מצרים, האָט ער שוין אָנגעזאָגט די מצ"ה פון חודש, און דאָס איז די ערשטע מצוה וואָס איז געזאָגט געוואָרען צום כלל ישראל.

און רש"י אין בראשית (א־א) מאכט אויפמערקזאַם, דאָס די תורה האָט זיך געדאַרפט אָנפאַנגען פון „החדש הזה לכם", און פאַרוואָס **הויבט זי זיך אָן פון בראשית?** צוליב — כח מעשיו הגיד לעמו (עיין שם ברש"י). און ווען די יונים האָבען באַהערשט די אידען אין ארץ ישראל, און האָבען געוואָלט מבטל זיין חדש, שבת, און מילה, — האָבען די אידען זיך מוסר נפש געווען אויף „חדש", גלייך ווי אויף שבת און מילה. און די חז"ל זאָגען: כל המקדש את החודש בזמנו, כאילו מקבל פני השכינה.

ווען גאָט ב"ה האָט די וועלט באַשאַפען, שטעהט אין דער תורה: ויעש אלקים את שני המאורות הגדולים — את המאור הגדול לממשלת היום, ואת המאור הקטן לממשלת הלילה (בראשית א ט"ז) און אריינ־טראַכטענדיג זיך אין דעם ענין פון מאור גדול ומאור קטן, מוז מען

קומען צום בעשלום, אז דאָס איז געטאָהן געוואָרען צוליעב דער טובה פון די מענשען. ווי בעוואוסט שטרעבט דער מענש שטענדיג נאָר צו נייעס. די אַלטע זאכען, מעגען זיי זיין די גרעסטע וואונדער, אינ־טערעסירען איהם מעהר ניט, ווי מער זעהען דאָס אין דעם פּראקטישען טאָג טעגליכען לעבען. זאכען וואָס דער מענש האָט געדאַרפט פ׳ין זיי נתפעל ווערען און זיין באגייסטערט, נאָר ווייל זיי זיינען אַ מעהר אָפטע אָדער אַ טעגליכע ערשיינונג, פאַרליהרען זיי דעם רייץ פאַר דעם מענ־שען, און ער קוקט זיך שוין אויף זיי גאָרניט אום. אָט צום בייי־שפּיל, ווען עס ערשיינט אויפ׳ן הימעל אַ קאָמעט, אָדער אַן אַנדער הימלישער קערפּער, ווערט ער באוואונדערט פון אַלע מענשען מיט גרויס בעגייסטערונג, און פון זייערע ליפּען רייסען זיך ארויס די ווער־טער, „כמה גדולים מעשי אלקינו״, וואָס פאַר אַ גרויסען באַשעפער מיר האָבען, אַז ער האָט באַשאַפען אַזעלכע וואונדערליכע זאכען. און די זעלבע מענשען פאַרגעסען, אַז טאָג טעגליך ערשיינט פאַר זייערע אויגען די זון, דער גרעסטער און שענסטער הימלישער קערפּער אין איהר גאַנצען פּראַכט און גלאַנץ און גיט אונז ליכטיגקייט און וואַ־רימקייט, וועלכעס איז ווירקליך ווי דוד המלך זאָגט: „השמים מספרים כבוד אל״ — און ווערען שוין גאָרניט נתפעל. ווייל דאָס איז אַן ער־שיינונג וואָס זיי זעהען אַלע טאָג. די זעלבע זון געהט זיך איהר וועג פון ששת ימי בראשית אַין רינגעלט אַרום דעם כדור הארץ אָהן אויפ־הער, איז ניטאָ פון וואָס בעגייסטערט צו ווערען. און אום צו באַ־פרידיגען די מענשליכע שטרעבונג צו נייעס, האָט גאָט ב״ה באַשאַפען דעם מאור הקטן, די לבנה, צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם מענשען, און ער זאָל דערפון עפּעס לערנען. סיי אין דער גוטער צייט, ווען ער איז באַזאָרגט מיט אַל דאָס גוטס און איהם פעהלט גאָרניט. זאָל ער זעהען ווי די לבנה, נאָכדעם ווי זי קומט צו איהר העכסטען גלאַנץ, הויבט זי אָן צו ווערען קלענער און קלענער, — וועט ער פאַר־שטעהן, אַז אויך זיין רייכטהום איז ניט קיין אייביגקייט, און סיי ווען דעם מענשען הויבט אָן צו געהן באַרג אַראָפּ, און איהם דוכט זיך, אַז עס איז שוין גאָר קיין האָפענונג ניטאָ פאַר איהם, זאָל ער זעהן ווי די לבנה ווערט באַנייט יעדען מאָנאַט, וועט ער ניט פאַרצווייפעלט ווערען און עס וועט אין איהם דערוועקען האָפענונג דאָס אויך זיין

שטערען קען אנפאנגען שיינען פון דאס ניי, ווי דער אבודרהם זאגט, אז די ראשי תבות פון „שמע" איז „שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה" — ער זאל זעהן און בעטראכטען די וועלט, און ניט דענקען, דאס אזוי ווי זי איז באשאפען געווארען אין ששת ימי בראשית, אזוי איז זי פארבליבען אהן שום ענדערונג. און אז עס קומט אויף איהם חלילה א צרה, איז שוין קיין האפענונג ניטא עס זאל ווערען אנדערש. ניין, ער דארף געדענקען, אז לעולם ד׳ דברך נצב בשמים, אז גאט'ס ווארט „יהי רקיע" באשאפט א נייעם הימעל יעדע רגע. און דער הימעל, וואס מיר זעהן, איז א נייע בריאה יעדע מינוט. ווי מיר זאגען אין דאווענען: המחדש בטובו בכל יום — אין ניט נאר אלע טאג, נאר תמיד מעשי בראשית, און דער וואס האט אפענע אויגען, זעהט טאקע יעדע מינוט א נייע בריאה.

און דעריבער ווערט געברויכט אין „לבוש", אז ביי א גט דארף מען שרייבען „ירח", מרומז אויף „גרש ירחים" און אין א כתובה — „חודש", נאכ'ן פסוק „כי יקח אשה חדשה", ווייל דער מענש גאר נאך נייעסען און דאס קאן ער נאר זעהן אין דער לבנה, וועלכע בייט איהר אויסזעהן אלע טאג און ווערט באנייט אלע מאנאט, און דאס וועט איהם געבען מוט ער זאל ניט פארצווייפלען. ווי דער של"ה הקדוש זאגט וועגען דעם: מה שעבר אין ומה שעתיד עדיין, ישועת ד׳ כהרף עין, אם כן דאגה מנין? — וואס איז געווען איז דאך שוין ניטא, און דעם עתיד ווייסטו דאך ניט, די ישועה פון גאט קומט אין אן אויגענבליק, צו וואס זשע דאגה'ן?!

און מיט דעם געדאנק קען ערקלעהרט ווערען דער געדאנקען פון דעם נוסח התפילה, וואס די אנשי כנסת הגחולה האבען מתקן געווען אין תפלת מוסף של ר"ח: ראשי חדשים לעמך נתת, זמן כפרה לכל תולדותם, זכרון לכלם יהיו ותשועת נפשם מיד שונא. די בענייאונג פון דער לבנה יעדען חודש ברענגט אריין אפטימיזם אין אונזער הארצען און ערוועקט אונז צו א נייעם לעבען..

ווי באוואוסט איז תחילת נפילה, ניסה — ווען דער מענש פארליהרט דעם קאנטראל איבער זיך און פארליהרט דעם גלויבען אין זיינע אייגענע קרעפטען, איז שוין קיין האפענונג ניטא ער זאל באזיגען דעם שונא. אבער ראשי חדשים לעמך נתת — צוליב צווי זאכען:

ערשטענס, עס זאָל זיין זמן כפרה לכל תולדותם, ווייל פון ענדע חודש ווען די לבנה ווערט פארהוילען ווערט דער מענש זיך אראָפּנעמען א מוסר, אז ימינו כצל עובר, אז דעם מענשענס לעבען איז נאָר ווי א שאָטען, און לא איברה לילה אלא לגירסא — אמת טאָקע, בייטאָג איז דער מענש פארנומען מיט זוכען פרנסה, און האָט קיין צייט ניט צו לערנען און טראַכטען. אָבער ביינאַכט דאַרף ער האָבען א חשבון הנפש, דער סוף חודש דאַרף איהם מעורר זיין אויף דעם זמן כפרה לכל תולדותם: צווייטענס, זכרון לכלם יהיו ותשועת נפשם מיד שונא — דער אָנפאַנג חודש דאַרף איהם אויפמונטערען און ערוועקען אין איהם נייע קרעפטען ער זאָל זיך קענען העלפען פון דעם שונא. און דעריבער האָט גאָט געגעבען די אידען די ערשטע מצוה נאָך בעפאָר זיי זיינען ארויסגעגאַנגען פון מצרים, די מצוה פון קידוש החודש, כדי זיי זאָלען אַלעמאָל אויפהויבען זייערע אויגען צום הימעל, און זיי זאָלען משעבד זיין זייער הארץ לאביהם שבשמים, און דאַן וועט זיין, ישראל נושע בדי תשועת עולמים.

מיר בעטען מִין השי"ת ער זאָל ממלא זיין פגימת הלבנה, הגם ביי היינטיגער צייט דאַרפען מיר דאָס ניט האָבען. די עלעקטריק באַלייכט אונז די נאַכט ווי בייטאָג אָבער עס קען ערקלעהרט ווערען, ווי דער „עוללות אפרים" ערקלעהרט דעם מאמר חז"ל, פני משה כפני חמה, ווייל משה רבינו האָט אונז איבערגעגעבען די תורה, וואָס זי איז ברה כחמה, און לייכט בייטאָג און ביינאַכט, און ווען אפילו די הימלען ווערען באַדעקט מיט וואָלקענס, דאָס מיינט, ווען אפילו ח"ו מען היט ניט די תורה און איהרע מצוות, איז זי אָבער די זעלבע און עס ווערט פון איהר גאָרניט געמינערט. אָבער יהושע האָט אונז איבער־געגעבען ארץ ישראל, איז טאָקע אין דער צייט וואָס אידען טוען ניט דעם ווילען פון גאָט. מפני חטאינו גלינו מארצנו ונתרחקנו מעל אדמתנו. — אזוי ווי די לבנה ווען זי פאַרגעהט. און ווען אידען טוען אָבער רצונו של מקום, דאַן איז „וישכן ישראל בטח, בדד ושאנן בארצו". אזוי ווי די לבנה אין איהר פולער גרויס. דעריבער בעטען מיר אַז גאָט זאָל ממלא זיין פגימת הלבנה, ס'מיינט מיר זאָלען צוריק האָבען ארץ ישראל, און ער זאָל אונז ברענגען דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן.

דרוש יז.

מעות חטים

לויט מענשליכען פארשטאנד און דעם לאָגישען שכל האָט דער אפיעל פאר מעות חטים געמעגט זיין דער שוואכסטער פון אלע אנ־דערע אפילען וואָס א דרשן אָדער רב קומט אוים צו מאכען פון צייט צו צייט.

וואָרים פאר אזא דערהויבענעם יום טוב ווי דער „חג חרותינו" וואָס מיר געהען אי"ה בקרוב פייערען, ווען מיר געהען זיך אוועקזעצען ביי אונזערע גערעקטע טישען, דער מאן אלס מלך און זיין פרוי אלס מלכה און די קינדער אלס בני מלכים, פאַרזאָרגט דאנקען זיין ליבען נאָמען מיט אלדאָס גוטס, וועט דען אונזער הארץ מנוחה האָבען, אויב מיר וועלען וויסען אז ערגעץ וואו איז דאָ א אידישע פאמיליע, אויך די זעלבע מלכים און בני מלכים ווי מיר, און אין דער צייט וואָס מיר אונטערהאלטען זיך און לאָזען זיך אזוי וואויל געהן, וועלען ח"ו יענע אָרימע לייט זיצען פאר'צרה'ט און פאר'חושך'ט און ליידען הונגער און נויטה, וועלען מיר דען, ישראל רחמנים בני רחמנים, דערלאָזען אזא סקאנדאל? היה לא תהיה! מיר וועלען זיי אויפזוכען די אָרימע און נויטבאדערפטיגע, און ווי וויט זיי זאָלען פון אונז ניט זיין, וועלען מיר זיי באזוכען און מיר וועלען זיך מיט זיי טהיילען מיט אלעם וואָס גאָט האָט אונז געגעבען, און זאָלען זיי אויך האָבען א פרעהליכען יום טוב גלייך מיט אונז...

דאָס דוכט זיך איז די ריכטיגע לאָגיק, און אויב אזוי האָט דער רב אָדער מטיף גאָרניט פיעל צו רעדען נאָר צו דערמאָנען אז עס איז שוין נאָהענט צו פסח און מיר וועלען דארפען טאָהן אונזער פליכט. און אידען האָבען דאָך גוטע הערצער, וועלען זיי שוין אומ־באדינגט טאָהן זייער פליכט אויפ'ן שעהנסטען און בעסטען אופן.

דער רב וועט זיך אפילו ניט דארפען באמיהען, זיין אפיעל איבערצו־זאגען צוויי מאהל, איינמאהל איז גענוג און איבער גענוג.

נאר עס איז אבער דא א חסרון, די וועלט זאגט א ווערטעל אז „דער זאטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען", וועט אפשר דער רב האבען א שווערע ארבייט מיט אט די זאטע זיי איבערצוציייגען אז הונגער איז ניט קיין געשמאקער ביסען, און ער וועט זיי דארפען אונטעריאגען אז זיי זאלען טאהן זייער פליכט כדי די ארימע לייט זאלען ח"ו ניט דארפען הונגערען אין דעם היילינען יום טוב?

וועגען דעם חסרון האט שוין די השגחה אליין ארויסגעהאלפען דעם רב. ניט לאנג צוריק האבען מיר געהאט א קריזיס, וועלכער האט כמעט קיינעם ניט אויסגעלאזען, זי האט אלעמען באזוכט און האט אלעמען געגעבען צו פיהלען דעם טעם פון הונגער און נויטה, און אלע ווייסען דעם טעם פון הונגער און זיי וועלען שוין גלויבען דעם ארימען און וועלען זיך איילען איהם צו ראטעווען אין זיין נויטה.

אבער ענטשולדיגט מיינע טייערע, דער חשבון איז זעהר ריכטיג, נאר א פעהלער איז דא פאראן וואס דער רב האט געמאכט דעם חשבון אהן דעם בעל הבית, פון בעל־הבית'ס וועגען איז שוין ניט גענוג אז דער רב זאל איינמאהל רעדען, ער מוז שוין גאר רעדען עטליכע מאהל, און דאן איז ניט גענוג אויב ער רעדט גלאט אזוי א דרשה, ער מוז טאקע אנווענדען כחות, ער מוז שווער ארבייטען אז זיינע ווערטער זאלען מאכען דעם געהעריגען איינדרוק און די געוויגשטע ווירקונג.

אין ש"ע הלכות פסח סימן תכ"ט ווערט געבראכט דער דין „שאין נופלים על פניהם כל ניסן". אין סעיף א' זאגט דער מחבר: שואלין ודורשין בהלכות הפסח קודם לפסח שלשים יום", זאגט דער רמ"א דערויף, הגה"ה, „ומנהג לקנות חטים לחלקן לעניים לצורך פסח וכל מי שדר בעיר י"ב חודש צריך ליתן לזה".

איז דאך באמת א פלא, דער מחבר רעדט וועגען תחנון זאגען, ער הויבט אן „שאין נופלים על פניהם", מען פאלט ניט קיין תחנון אום ניסן, און דער רמ"א פיהרט גאר אוים אז עס איז א מנהג צו קויפען ווייץ צו פארטהיילען צו די ארימע לייט אויף פסח. וואס

פאר א סמיכות הפרשיות האט נפילת אפים מיט מעות חטים פאר אָרימע לייט? וואס פאר א שייכות האבען זיי איינס מיט דאס אנ־דערע? מה ענין שמיטה אצל הר סיני?

האב איך געהערט זאגען בשם הצה״ק ר׳ מאיר פרעמישלאנער זצ״ל, אז דער רמ״א האט דאס בכיון אריינגעשטעלט דעם סעיף דוקא דאָ, ווייל—זאגט ער—יא זאגען תחנון אדער נישט, אבער דאס אין זינען האבען צו באזארגען דעם אָרימאן אויף פסח, איז וויכ־טיגער, ווייל דאָ שטעקט שוין א געפאהר פון הונגערען חלילה, וחמירא סכנתא מאיסורא, די „סכנה" אז דער אָרימאן מיט זיין פא־מיליע וועלן ח״ו בלייבען אָהן מיטלען, און נאך אין דעם הייליגען יום טוב, שטעהט פיעל העכער ווי דער איסור פון זאגען „תחנון".

מען דערצעהלט פון׳ם גרויסען וועלט גאון וקדוש דער סאנדזער רב זצ״ל, אז ער פלעגט זיך נוהג זיין יעדען „שבועות" צו באפעה־לען זיין משמש אז ער זאל אויסקלייבען צווישען זיינע חסידים־געסט, די אנגעזעהענסטע בעלי בתים גרויסע תלמידי חכמים, און זיי איינלאדען צום טיש, וואו נאכ׳ן דאווענען האט זיי דער רב געזאגט א גרויסען „פלפול", דערנאך פלעגט מען מאכען קדוש און געבען כיבוד.

איין מאהל — ביי אזא געלעגענהייט — רופט זיך אפ דער סאנדזער" צו די חשוב׳ע געהויבענע געסט, רבותי! אין מיינע יונגע יאהרען פלעגי איך זיך נוהג זיין צו זאגען א גרויסען פלפול לכבוד מתן תורה, יעצט אבער האב איך נישט קיין כח מאריך בפלפול צו זיין, על כן וועל איך אייך זאגען א קורצען אבער א שארפען „פלפול". זיי שטעלען אלע אויף מויל און אויערען צו הערען „דברי אלקים חיים".

איך האב דאָ אן אָרימע אלמנה — רופט זיך אן דער רבי — וועלכע דארף האבען צוויי טויזענד רייניש אויף חתונה צו מאכען איהרע צוויי ערוואקסענע טעכטער „יתומות" שהגיעו לפרקם, און זי פארמאגט נישט א פרוטה. יעצט וויל איך פון אייך מיינע ליבע געסט איהר זאלט מיר זאפארט געבען אייער ווארט אז אין אווענט וועט איהר מיר צושטעלען דעם דאזיגען סכום אין פול, אז נישט

געה איך נישט קדוש מאכען, און איז גלייך ארוים אין זיין פּריוואַטען חדר.

די געסט האָבען פארשטאַנען אז עס וועט דאָ גאָרנישט העלפען, האָבען זיי צווישען זיך גלייך געגומען מסדר זיין וויפיעל יעדער איי־נער זאָלביישטייערען צו דעם פּלפּול פון „הכנסת כלה" און האָבען זיך שנעל פארגלייכט, אום מען זאָל דעם הייליגען צדיק נישט לאָזען לאַנג פאסטען.

דאָס זעלבע, רבותי, וועל איך אייך זאָגען, עס איז יעצט קיין צייט זיך צו פּלפּול'ען, ווייל די אָרימע לייט הונגערען.

און דאָס איז די כונה — קען מען זאָגען — פון'ם רמ"א. דער מחבר זאָגט א דין שאין נופלים על פניהם כל ניסן, וועלכעס מיינט מען זאָגט נישט קיין נפילת אפים, און דאן, שואלין ודורשין בהלכות פּסח קודם לפּסח, וועלכעס מיינט, מען פרעגט און מען דרש'נט אין הלכות פּסח. קאָמענטירט דערויף דער רמ"א, ונהגו לקנות חטין לחלקם לעניים לצורך פּסח, מען דארף זעהן אז אויך דער אָרימאַן זאָל נישט דארפען פראַוועז קיין נפילת אפים, דאָס הייסט ער זאָל נישט דארפען פאלען אויפ'ן פּנים פון דחקות און אָרימקייט אָדער פאר חרפּה, און דאָס קען פארמידען ווערען דורך דעם וואָס מען וועט איהם באַזאָרגען מיט מעות חטים, דורך „שואלין ודורשין" בעטען און פארלאַנגען ביי דעם וואָס קען נאָר געבען, אז זיי זאָלען ביישטייערען צו דעם נויטווענדיגען פאָנד.

רבותי! מיר דארפען האָבען געלד צו פארזאָרגען אונזערע אָרימע בעלי בתים און אלמנות ויתומים מיט זייער הצטרכות אויף פּסח, זאָל זיך קיינער פון אונז נישט ענטזאָגען צו טאָהן זיין פליכט, גיט „איש כמתנת ידו" אום מיר זאָלען האָבען געגוג צו דער פרנסה־ען די הערצער פון די דערשלאָגענע ל"ע.

און א כלל איז דאָ דערביי, „אָדער גיב אָדער נעהם", ווער עס פיהלט ביי זיך אז ער דארף נישט נעהמען קיין „מעות חטים", מוז געבען.

בזכות זה וועט השי"ת געבען אז מיר וועלען האָבען א פרעה־ליכען און כשר'ן פּסח, און וועט אונז שיקען דעם גואל צדק, בב"א.

דרוש יח.

שבת הגדול

אמונה בדי

וישא העם את בצקו טרם יחמץ משארתם
צרורות בשמלותם על שכמם.
(שמות י"ב ל"ד).

מיר שטעהען אויפ'ן שוועל און גרייטען זיך מקבל פנים זיין דעם חג המצות, זמן חרותינו. דעם פסח אונזער ליבלינג יום טוב פון אלע ימים טובים, דער קעניג פון אלע פייערטעג, וועלכער טהיילט זיך מיט אונז זיין קעניגליכע גדולה, ער טוט אונז אן בגדי מלכות, און הויבט אונז אויף זיין טראָהן ארויף, און זעצט ארויף אויף אונזער קאָפּ א קרוין פון אן אמת'ן בן חורין.

ווען מיר זעצען זיך צום סדר, פּראַווען אונזער פרייהייט'ס יום טוב אין פייערען דעם גרויסען היסטאָרישען נצחון, וואָס איז פאַרבונדען מיט יציאת מצרים, דאַרפען מיר נעמען אין בעטראַכט, אַז ניט מיט עסען פעטע קניידלעך אליין און ניט מיט אַרונטערשלינגען א כזית מרור קענען מיר יוצא זיין אונזער חוב צו דיזען ערהאַבענעם יום טוב. ניט קניידלאַך, ניט ביטערע אָדער זיסע געריכטען האָבען אונז געבראַכט אונזערע היסטאָרישע נצחונות.

אונזער קאַמף איז אימער געפיהרט געוואָרען הויפּטזעכליך מיט גייסטיגע אינסטרומענטען. לא בחיל ולא בכח כי אם ברוח — דער עיקר אין די סדרים איז דעריבער ניט די קניידלאך, זאָנדערען די הגדה. דעריבער האָבען אונזערע הייליגע חכמים געזאָגט, אַז כל המרבה לספר ביציאת מצרים, הרי זה משובח, ווייל זיי האָבען

געוואָלט, אַז מיר זאָלען זיך פאַרטיפען אין די פּאַסירונגען וואָס זיינען פאַרבונדען מיט אונזער ערשטער גאולה, וועלכע זיינען אויך דער יסוד פון דער צווייטער גאולה — בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל — און זאָלען אַרויסטראָגען פון זיי דעם מוסר השכל.

און דער הויפּט ציעל פון אונזער שטודירען און איבער־דערצעהלען דעם נס פון יציאת מצרים איבער אַ נייעם יעדעס יאָהר און אפילו יעדען טאָג, איז — אום אונז צו דער־מאָנען דאָס דער כח פון אמונה אין גאָט'ס וואָרט, און אין זיין שליח משה, איז געווען דער הויפּט פאַקטאָר וועלכער האָט געפיהרט דערצו, דאָס די מעכטיגע קעניגרייך פון מצרים איז צובראָכען געוואָרען, דאָס די וואַסערען פון ים האָבען זיך געשפּאָלטען, דאָס די טויערען פון הימעל האָבען זיך געעפענט, און וואָס מיר זיינען געוואָרען אַ פריי פאָלק.

מיט אַ שוידערליכען יאוש איז ישראל געווען אַרומגענומען אין מצרים, די געמיטער שרעקליך דערשלאָגען, מיט קיין פיזישע און מאַ־טעריעלע כחות איז בשום אופן נישט מעגליך געווען זיך צו בעפרייען פון דער מעכטיגער, רייכער און קולטורעלער מצרים און ישראל האָט זיך שוין מיאש געווען פון אַלץ: ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה... — און מש'ה באַפרייאונג'ס בשורה איז געפאַלען אויף טויבע אויערען.

ווען, ישראל האָט זיך אָבער גייסטיג אַ הויב געטהאָן אום שבת הגדול, וואָס איז דאַן אויסגעפאַלען צעהן טעג אין ניסן, און זיי האָבען זיך איינגעשטעלט אין דער גרעסטער געפאַהר. הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלונו?!... איז דען מעגליך, אַז מיר וועלען נעמען שעכטען זייער גאָט, דעם גאָט פון מצרים (זייער גאָט איז געווען אַ שעפּס) און זיי זאָלען אונז ניט פאַר־וואַרפען מיט שטיינער? אַז אידען האָבען אָבער געהאַט אמונה אין גאָט ב"ה, האָבען זיי גענומען די מצרים'שע געטער, דאָס שעפּסעלע, און צוגעבונדען צו די פיסלאַך פון זייערע בעטען, גרייט צו קווי־לענען דעם פערצעהנטען טאָג.

און — געטליכער וואונדער! — די מצרים זיינען מאַכט־לאָז, קראַפטלאָז געוואָרען און זיי האָבען ניט געהאַט די

מעגליכקייט צו טאָהן די אידען שלעכטס, און צוליעב דיזען גרויסען נס איז דער שבת באַטיטעלט געוואָרען מיט'ן נאָמען שבת הגדול.

דער צווייטער גרויסער שריט אין דער גאולה שפּילט די הויפּט ראָלע דער אידישער מוטה און בטחון. — וואונדער — איבער וואונדער: אידען געהען ארויס פון א לאַנד פול מיט כל טוב, צו אַן אומבעשטימטער טעריטאָריע אויף אַן אומבאַגרענעצטע צייט, און פרעגען ניט קיין קשיות, ואם תאמר מה נאכל? — וואו וועלען מיר נעמען צו עסען אונטערוועגענס, פאַר זיך און פאַר די פרויען און קינדער, אין א פלאַץ, וואו פון איין זייט איז איז נאָר וואַסער, פון דער אַנדער זייט — דער שונא, מצרים, און פון די איבעריגע זייטען נחשים ועקרבים, ווילדערניש און וויסטעניש?

און דער פסוק דערצעהלט אונז: וישא העם את בצקו טרם יחמץ, משארותם צררות בשמלותם על שכמם. ובני ישראל עשו כדבר משה — און דאָס פאָלק האָט גענומען דאָס טייג אײדער עס האָט געוירען, איינגעוויקעלט אין זייערע קליידער, און געטראָגען אויף זייערע אַקסלען. און דער מכילתא באַמערקט דערויף זעהר כאַראַקטעריסטיש: וכי לא היתה שם בהמה? והלא נאמר, וגם ערב רב עלה אתם וצאן ובקר... עין רש"י הקדוש בשם המכילתא... אעפ"י שבהמות הרבה הוליכו עמהם, — אַבוואָהל זיי האָבען זיך גאַנץ לייכט געקאָנט באַנוצען מיט די דאַמאָלסדיגע טראַנספּאָרטאַציע מיטלען, צו לאָזען די בהמות טראָגען זייערע פּעקלעך, — אלא שהיו מחבבים את המצות!

אָט דאָ ליגט דער סוד פון דער גאולה. אזא מסירות־נפש'דיגען גלויבען אין בורא יתברך שמו האָט געפיהרט נאָך צו גרעסערע נסים ונפלאות. און דער נביא ירמי' שרייט בעגייסטערט אויס מיט טויזענטער יאָהרען שפּעטער: הלוך וקראת באזני ירושלים לאמר: כה אמר ד׳ — זכרתי לך חסד נעוריך, אהבת כלולותיך, לכתך אחרי במדבר, בארץ לא זרועה. — געה און רוף אויס אין די אויערען פון ירושלים, כה אמר ד׳, אזוי האָט גאָט געזאָגט: איך געדענק דיר דעם חסד פון דיין יוגענד, דאָס ליבשאַפט פון דיין חופה, ווען דו ביזט ארויסגעגאַנגען נאָך מיר אין אַן אומגע־

זייט לאנד, אין א מדבר, און דו האסט אפילו קיין שפייז נישט גע־נומען מיט דיר, דען דו האסט געגלויבט אין מיר.

און דאן, ביים נס פון קריעת ים סוף, האבען זיך ישראל צוזונ־גען — אלע ווי איינער — מיט אן אומפארגלייכבארער נאציאנא־לער הימנע, וואס זיין גלייכען געפינט זיך נישט אין דער געשיכטע פון קיין אומה ולשון אויף דער ערד, און וואס האט זיי אזוי בעגייסטערט און זיי אויפגעהויבען אויף די ספערען פון שירה העכער פון אלע הימלען, אז זיי האבען מיט'ן נאקעטען אויג געזעהן די געטליכקייט אליין — ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל — און מיט די פינגער האבען גרויס און קליין געטייטעלט: „זה אלי ואנוהו. די ישועה ביים ים? ניין! די נקמה אין מצרים? ניין! די גרויסע וואונדער וואס השי"ת האט באוויזען אין מצרים? ניין! — ויושע ד' ביום ההוא את ישראל מיד מצרים! און ישראל זאגט נישט קיין שירה. וירא ישראל את היד הגדולה אשר עשה ד' במצרים — ישראל זאגט נאך אלץ גארניט. וואס דען? — ויאמינו בד' ובמשה עבדו, דאן — אז ישיר משה ובני ישראל. נישט ווי ביי די אומות העולם, וועלכע באזינגען נקמה, גבורה. ניין! ישראל האט באזונגען די לויבענסווירדיגקייט און דעם אלמעכטיגען כח פון אמונה בד'! און אין דעם זכות האט זיי השי"ת געשפייזט אין דעם מדבר פערציג יאהר, מיט מן פון הימעל. דאס צייגט אז דער כח פון אמונה בד' און אין זיין קנעכט משה ברענגט שפע, ברכה והצלחה, ישועות ונחמות און זיכערקייט.

רבותי, לאמיר זיך ניט פארלירען אין א יאוש שלא מדעת ר"ל. לאמיר נעמען דעם לעסאן פון דער הגדה דעם היינטיגען פסח, און לאמיר אויפלעבען די עצמות היבשות, וועלכע זיינען איינגעפאלען אין א מורא'דיגער פארצווייפלונג, וואס ברעכט צוזאמען דעם בנין פון ישראל ח"ו ממסד ועד הטפחות. יא, מיר לעבען איבער א מורא'־דיגען עקאנאמישען קריזיס, א דעפרעסיע, וואס איז אפשר צו איהר קיין גלייכען נישט צו געפינען אין דער געשיכטע. אבער, אום גאט־עס ווילען, געדענקט! אז „עצבי" הגוים כסף וזהב, דער עצבות פון גוים איז נאר צוליעב כסף וזהב, אבער מיר אידען דארפען זיך

שטארקען און גערענקען: אם אמרתי מטה רגלי חסדך ד׳ יסעדני. ווען איך דענק דאָס מיינע פיס זיינען געבויגען צום פאַלען. שטעל איך זיך אָבער אויף און זאָג מיט שטאָלץ: דיין חסד וועט מיך אָנ־לעהנען און נישט לאָזען פאַלען, און עס וועט מקוים ווערען אין אונז — כימי צאתינו מארץ מצרים יראני נפלאות, אמן.

דרוש יט.

פסח

דער דרך הממוצע איז דער בעסטער

שבעת ימים תאכל מצות וביום השביעי חג לד׳ מצות יאכל את שבעת הימים, ולא יראה לך חמץ ולא יראה לך שאור בכל גבולך. והגדת לבנך ביום ההוא לאמר: בעבור זה עשה ד׳ לי בצאתי ממצרים.
(שמות י״ג, ו׳ ח׳).

אין דעם ענין פון באקען מצות ברענגען די פוסקים דעם דין, אז מען טאר ניט קנעטען דאס טייג אין א פלאץ וואס די זון שיינט, ווייל עס קען לייכט ברענגען דאס טייג לידי חימוץ און אלץ, דאס קנעטען און דאס באקען דארף מען מאכען זעהר שנעל.

ווייל אויב עס ווייזען זיך אויפ׳ן טייג סימנים אז עס פאנגט אן צו זייערען, איז אויב אויף דעם טייג ווייזט זיך אזוי ווי שפעלטעלעך, איז דאס חמץ גמור און אויב מען עסט דאס, קומט כרת. אויב דאס טייג האט נאר געענדערט זיין אייסזעהן, איז דאס אויך חמץ, נאר עס קומט ניט קיין כרת.

עס איז ידוע, אז דער שורש פון דעם ווארט „מצה" איז דאס זעלבע ווי פון דעם ווארט „מצה ומריבה", קריג און מחלוקת. און די מצה וועלבע איז ריין פון אלע זויערקייט (שאור), וואס דאס סימ־באליזירט גאוה און שטאלץ, איז אן אנווייזונג, אז מיר זאלען זיך דערווייטערען פון קריג און גרויסהאלטונג. אזוי ווי די מצה איז איינ־פאך, אהן א תערובות פון אנדערע עלעמענטען, אזוי זאל ביי אונז עקזיסטירען שלום און אחדות (עוללות אפרים, אות ס״ז־ע״ד), ווייל

צוליב דעם זכות פון אחדות זיינען אידען אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים. ווי אונזערע חז"ל זאָגען: „על שלא היה בהם דלטוריא". און צוליב דעם זכות פון אחדות האָבען זיי אויך זוכה געוועזן צו קבלת התורה. ווי דער פסוק זאָגט דאָרטען: „ויחן שם ישראל נגד ההר" — בלשון יחיד און ניט „ויחנו", ווייל זיי זיינען אלע געוועזן פאַראייניגט בלב אחד ובדעה אחת — אלע ווי איין מענש. און ווען עס איז פאָרגעקומען צווישען זיי אַ פירוד הלבבות, האָט דאָס גורם געוועזן צו מאַכען דעם עגל, וואָרים ווי דער אבן עזרא און אַנדערע מפרשים ערקלעהרען, איז זייער כונה ניט געוועזן צו דינען עבודה זרה ממש, נאָר זיי האָבען געוואָלט האָבען אַן אַנדער פיהרער אָנשטאָט משה'ן, און זיי האָבען גאַנץ לייכט געקאָנט געפינען אזעלכען צווישען זיי אליין. אָבער זייער שטאָלץ האָט זיי ניט דערלאָזען צו צוטהיילען כבוד צו איינעם פון זיי, און אויך צוליב די בעלי מחלוקת האָבען זיי זיך נישט געקענט אייניגען וועגען אַ נייעם פיהרער, און דעריבער איז אַרויס דער עגל.

און אום צו ערציהען די אידען און זיי איינגעוואוינען צו ערוויטערען זיך פון גאוה, התרוממות און פירוד, האָט גאָט אָנגעזאָגט: לא יראה לך חמץ ולא יראה לך שאור, וועלכע סימבאָליזירען גאוה און מחלוקת, ווי מיר זעהען אַז בעת דאָס טייג הויבט אָן צו זייערען, ווערט עס אויפגעבלאָזען און עס צייגען זיך אין איהם לעכעלעך, וואָס יעדעס איינס בלאָזט זיך... ריכטיג ווי יעדער שטיקעל טייג וויל זיך ערוויטערען פון דער צווייטער, און האָט אונז אָנגעזאָגט מיר זאָלען עסען מצה, וואָס סימבאָליזירט איינפאַכקייט און פאַראייניגונג.

און ווען עס באַווייזט זיך נאָר אין דעם טייג סימנים פון פאַר־נאַנדערטיילונג, איז דאָס חמץ און מען איז חייב כרת. ווייל מחלוקת ברענגט דעם מענשען צו די גרעסטע אומגליקען, ווי מיר געפינען ביי קורח'ן ענד קאָ. וירדו הם וכל אשר להם חיים שאולה" און צוליב דעם זעלבען טעם איז אויך פאַרזאָגט געוואָרען ניט צו קנעטען דאָס מצה־טייג אין אַ פּלאַץ וואו עס קען זיך דערוואָרימען. און אויך דאָס וואַסער, מיט וועלכע מען קנעט, דאַרף זיין „מים שלנו", וואָס האָט איבערגענעכטיגט די נאַכט, און זיי דאַרפען געשעפּט ווערען פאַרנאַכט,

ווען עס זיינען שוין ניטאָ די זונען שטראַהלען, וועלכע וואַרימען דאָס וואַסער.

ווייל מצה איז דער מאכל השלום, מיכלא דהימנותא, און דאַרף ווערען אָפּגעהיט פון יעדער ווירקונג, וואָס פייער קען דערויף מאַכען. ווייל פייער, וואָס ציהט זיך נאַטירליך נאָר אין דער הויך, איז אויך אַ סימן פון גאוה און פרוד לבבות. און דעריבער איז דער דין, אז אויב אין די מצה־טייג זעהען זיך נאָך ניט אפילו קיין סדקים־שפּעלט־לעך, וועלכע ווייזען שוין אויפ'ן ריכטיגען פירוד, נאָר דער טייג האָט בלויז געענדערט זיין אויסזעהן, כאדם שהכסיפו פניו, — ווי אַ מענש וואָס ענדערט זיין קאָליר פון פנים ווען ער ווערט אין כעס און אויפ־געדעגט, איז שוין אויך חמץ און מען טאָר דאָס ניט עסען.

מיר זיינען אָנגעזאָגט געוואָרען צו איילען זיך ביים באַקען די מצות און אויך ביים עסען דעם קרבן פסח — ואכלתם אותו בחפזון — צו לערנען אונז, אז ביי אַ דבר מצוה דאַרף מען זיך צואיילען צ'ו זיין אַ זריז ונשכר. דאַגעגען ווען עס קומט ח"ו אַרויף אויפ'ן געדאַנק צו טהאָן אַן עבירה ר"ל, דאַרף מען זיין זעהר געלאַסען, ווי דער בעש"ט ז"ל טייטשט דעם פסוק „ועוד מעט ואין רשע, אז בעת עס ברענט דער אש התאוה אין האַרצען צו באַגעהן אַן עבירה ר"ל, זאָל מען נישט זיין געאיילט, „האַריאַפּ", נאָר „מתון־מתון", עס אָפּלייגען אויף שפּעטער, אויף מאָרגען, און דאָס איז די מיי־נונג פון „ועוד מעט". ווען דער מענש זאָל זיך נאָר אָפּהאַלטען אַ ביסעל ווען עס קומט צו אַן עבירה, און ניט זיין איבערגעאיילט, דאַן „ואין רשע", וועט ער שוין קיין רשע ניט זיין, וואָרים ער וועט זיך באַרעכענען דעם שכר העבירה כנגד הפסדה, און די תאוה וועט אָפּ־געקיהלט ווערען.

און דאָס איז אויך דער געדאַנק פון פסוק „חשבתי דרכי" — ווען איך האָב באַרעכענט וואָס איך וויל טאָן, און זיך ניט געאיילט, נאָר איבערגעטראַכט מיט ישוב הדעת, „ואשיבה רגלי אל עדותיך", האָב איך זיך צוריקגעקעהרט צום דרך התורה, ווייל „אני אמרתי בחפזי", ווען מען טהוט אַ זאַך איילענדיג, ניט באַרעכענט, איז „כל האדם כוזב".

דעם זעלבען געדאַנק געפינען מיר אָנגעוואונקען אין די ווערטער

וואָס גאָט האָט געזאָגט צו ירמיהו הנביא (ירמיה א׳): מה אתה רואה, ירמיהו? ויאמר: — מקל שקד אני רואה. ויאמר די לירמיהו — היטבת לראות, כי שוקד אני על דברי לעשותו... ויהי דבר די אליו שנית לאמר: — מה אתה רואה? ויאמר: — סיר נפוח אני רואה ופניו מפני צפונה. ויאמר די: — מצפון תפתח הרעה על כל יושבי הארץ.

ווילט זיך פרעגן: וואָס עפּעס האָט איהם השי״ת באוויזען א מקל שקד, דעם סימבאָל פון מאַנדלען? אויך ביי דער מחלוקה פון קורח׳ן געפינען מיר (במדבר יז־כג): והנה פרח מטה אהרן לבית לוי ויוצא פרח ויצץ ציץ ויגמל שקדים. ערקלעהרט דאַרטען רש״י ז״ל לויט די חז״ל: פאַרוואָס עפּעס גראַדע שקדים? — ווייל דאָס איז א פרוכט, וואָס בליהט פריהער ווי אַלע אנדערע פרוכטען. מיט דעם האָט גאָט געוואָלט צייגען, אז דער וואָס קריגט אויף דער כהונה, ווערט זעהר גיך באַשטראָפט. ווי מיר געפינען ביי עזיהו, וועלכער האָט זיך גע־נומען טהאָן די עבודה אין בית המקדש נישט זייענדיג קיין כהן: והצרעת זרחה במצחו (דה״י ב׳ כ״ו).

און אום דאָס צו פאַרשטעהן ריכטיג, דאַרפען מיר ווענדען אונ־זער בליק אויף אונזער היינטיגען דור.. עס איז דאָך מערקווירדיג: היינטיגע צייטען זעהען מיר צעהן יאָהריגע קינדער קענען לעזען און שרייבען, ווייסען היסטאָריע, געאָגראַפיע, מאַטעמאַטיק און אַלגעברא, זאַכען וואָס אמאָל האָבען דאָס ניט געוואוסט צוואַנציג און דרייסיג יאָהריגע. מען זעהט, אז די מענשהייט פּראָגרעסירט, און אז מען וועט היינטיגע צייטען א פרעג טהאָן איינעם: מה אתה רואה? וועט ער געוויס ענטפערען: מקל שקד אני רואה — אונזער יונגוואַרג איז ווי דער מאַנדעל־בוים, וואָס בליהט שנעל און גיט אַרויס פרוכט פריי־הער פון אַלע ביימער. זייענדיג נאָך גאַנץ יונג זיינען זיי שוין באַ־הבנה׳ט אין אַלע שבע חכמות, זיי ווייסען אַלץ און קענען אַלץ. און עס וועט זיך געוויס פּאַסען אויף זיי דער ענטפער: היטבת לראות. עס איז טאַקע ריכטיג אזוי. אונזער דור איז טאַקע אַן אויסנאַהם מיט זיינע חריפות און בקיאות. אָבער אז דו וועסט זיך גוט צוקוקען און וועסט נאָך אמאָל א פרעג טהאָן: מה אתה רואה? וואָס פאַר א נור־צען באמת ברענגט אינז זייער איילעניש צו שטודירען די אַלע קענ־

טעניש און אין נאָמען פון וועלכען אידעאַל ווערען געלעהרענט אַט די אַלע חכמות, — וועט דער ענטפער זיין: סיר נפוח אני רואה — ס'איז און אַנגעבלאָזענער פוסטער טאָפּ... ניטאָ קיין אידעאַל, ניטאָ קיין מאָ־ראַל, ופניו מפני צפונה — דאָס גאַנצע שטרעבען פון היינטיגען דור איז נאָר צוליב צפון, מצפון זהב יאתה, די גאַנצע בילדונג היינטיגע שטרעבט נאָר צו דאָלאַרען און סענטען, צו קענען זיך באַזאָרגען מיט אַלע פאַרגעניגענס, ערלויבטע און ניט ערלויבטע. און וואָס איז דער פועל־יוצא פון אַזא סאָרט „האַרי־אָפּ" בילדונג? — ויאמר ד' מצפון תפתח הרעה על כל יושבי הארץ. אַזא בילדונג און אַזעלכע קענערס, וואָס זייער צוועק איז נאָר צו ערווערבען געלט און אַלע מעגליכע פאַר־געניגענס, ברענגען אויף אַ דור פון פאַרדאָרבענע מענשען: יעווסע־קען, אַנאַרכיסטען, סאָציאַליסטען, בונדיסטען, היטלעריסטען, און אַלע סאָרטען איסטען, וועלכע לייקענען אין גאָט און זיין תורה, לייקענען אין משיח, אין ברענגען אַלע אומגליקען אויף דער וועלט און צו די שרעקליכסטע קאַטאַסטראָפעס, אַזוי ווי ביי קורח שטעהט: וירדו הם וכל אשר להם חיים שאולה, ותכס עליהם הארץ. אַזוי ווי גאָט ב"ה האָט געזאָגט צו ירמיהו: „מצפון" תפתח הרעה על כל יושבי הארץ... ווי מיר זעהען דאָס היינט מיט אונזערע אויגען, דאָס דוקא די סטודענ־טען, וועלכע בליהען ווי דער מקל שקד, די צוקונפטיגע אַריסטאָקראַ־טיע, די דאָקטוירים, לאָיערס, פילאָזאָפען און דיפּלאָמאַטען, זיי זייַ־נען די גרעסטע כוליגאַנעס און פּאָגראָמשטשיקעס, שלאָגען זייערע חברים, די אידישע סטודענטען. אין די אַממערסטען ציוויליזירטע און קולטורעלע לענדער, וועלכע מיר וואָלטען זיך דאָס קוים פאַרגע־שטעלט, און בלויז אַ „סיר נפוח" זעהט מען פון זיי. די יוגענד איז דעמאָראַליזירט, זיהן האָבען נישט קיין דרך ארץ פאַר עלטערן, אונערוואַקסענע לאַכען זיך אוים פון זייערע לעהרער, מאַכען חוזק פון זייערע גייסטליכע, דער מאַן פאַרראַט זיין פרוי, און די פרוי איז פאַלש צו איהר מאַן, אַ ברודער האָט קיין מיטלייד ניט מיט זיין ברו־דער, דער רייכער שלינגט אַליין פאַר זיך און פיהלט ניט מיט דעם אָרימען, און די נויט טרייבט דעם הונגעריגען צו גנבה, גזלה און רציחה, און ער ווערט אַ רעקעטיר, אַ גענגסטער, אַ האָלדאָפּניק.

אין דיזען געדאַנק ווערט ערקלעהרט אין ספר „תורה שלמה" דער

פסוק (ישעיה מט־יז) מהרו בניך, מהרסיך ומחריביך ממך יצאו. „מהרו ביניך", איב דיינע קינדער איילען זיך, אויב מען לעהרענט שנעל און מען טוט זאכען שנעל, אלץ „הארי־אפ", דאן „מהרסיך ומחריביך ממך יצאו", פון זיי אליין קומען ארויס די צושטערער און פארוויסטער. פון איילעניש צו עראבערען ארץ ישראל דער לשם סאציאליזם, דער לשם קאמוניזם, דער לשם רעוויזיאניזם, — פון אזא איילעניש האט געקענט פארקומען, אז מען זאל טויטען דע־האנען ארויסגעהענדיג פון שיהל, און שיסען ארלאזאראוו'ן געהענדיג שפאצירען אום שבת . . . דעריבער האט משה רבינו אויסגעקליבען די שקדים, צו ווייזען די אידען, אז אפילו געהן פארווערטס דארף מען אויך ניט זיין איבעראיילט. פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס. אפילו איבעראיילטע אידעען ווערען אויך גיך פארוועלקט. אזוי ווי די געוויקסען, וועלכע בליהען אויף גיך, פארוועלקען אויך פריהער ווי אנדערע. די מאטא דארף זיין: עוד מעט — נאר אביסעלע זיך אפהאלטען, ואין רשע, דאן בארעכענט מען זיך און מ'איז שוין ניט קיין רשע. ווי מיר געפינען ביי און בן פלת, ווייל ער האט זיך צוגעלייגט שלאפען און די פרוי האט ניט געלאזען קורח'ן איהם אויפוועקען, איז ווען ער איז אויפגעשטאנען, איז שוין געווען נאך אלעמען און ער איז אזוי ארום ניצל געווארען פון קורח'ס מפלה.

און צוליב דיזען צוועק איז אונז געגעבען געווארען דער יום ט"ו פסח אין דעם חודש האביב, דעם פריהלינגס מאנאט, ווען די לופט איז מיטעלמעסיג, ניט צו הייס און ניט צו קאלט, מיר זאלען לעהרנען פון דעם, אז דער בעסטער וועג איז דער דרך הממוצע. און מיר זיינען אויך פארזאגט געווארען צו עסען מצה, דער סימבאל פון אחדות און שלום. און אויך זיין פארזיכטיג מיט די וואסער צו באקען מצה, עס זאל אין זיי ניט זיין קיינשום ווארימקייט, ווי די חז"ל ערקלעהרען דעם פסוק: „לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת", מיינט דאס דער פייער פון כעס און מחלוקת — מען זאל זיך היטען אום שבת ניט אין כעס צו ווערען און ניט ברענגען צו מחלוקת, וואס איז געגליכען צו וואסער. ווי שלמה המלך זאגט: פוטר מים ראשית מדון. אויך דאס עסען דעם קרבן פסח בבית אחד יאכל, נאר אין איין הויז — איז א רמז אויף אחדות און שלום. אזן ווען

ביי אונז וועט זיין שלום און אחדות, וועלען מיר זוכה זיין צום קומען פון דעם מלאך השלום, ב"ב, אזוי ווי השי"ת האט אונז מבטיח גע־וועז: הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא והשיב לב אבות אל בנים ולב בנים אל אבותם. אמן.

דרוש כ.

פסח

מצה, מיכלא דמהמנותא

והיה היום הזה לכם לזכרון וחגותם אותו חג לד׳ לדורותיכם חקת עולם תחגוהו: שבעת ימים מצות תאכלו, אך ביום הראשון תשביתו שאור מבתיכם כי כל אוכל חמץ ונכרתה הנפש ההוא מישראל. מיום הראשון עד יום השביעי:

(שמות י״ב, י״ד-ט״ו).

ווי עס איז צו זעהן פון די איבענדערמאָנטע פסוקים, וואָס זיי־נען געזאָגט געוואָרען אין מצרים נאָך בעפאָר מכת־בכורות, בעפאָר דער גאולה, — קומט אויס, אז די מצוה פון אכילת מצה איז געווען אזוי ווי א פאָרבאַרייטונג צו דער גאולת מצרים. דער בעל הגדה אָבער, ווי ער גיט דעם ענטפער אויף דער פראגע „מצה זו שאנו אוכלים על שום מה? על שום שלא הספיק בצקם של אבותינו להחמיץ״ — נאָך זיין ענטפער קומט אויס, אז מצות מצה איז א פועל יוצא פון יציאת מצרים.

אום צו פארשטעהן די צוויי פארשיידענע מיינונגען, דארפען מיר זיך אַריינטראַכטען און בעגרייפען וואָס איז אייגענטליך געווען דער צוועק פון יציאת מצרים, און צוליעב וואָס האָט השי״ת בעפרייט די אידען פון שעבוד — געוויס ניט אנדערש ווי נאָר צוליעב קבלת התורה והמצוות און קבלת עול מלכות שמים. ווי דער פסוק זאָגט בפירוש: בהוציאך את העם ממצרים, תעבדון את האלהים על ההר הזה (שמות ג׳, יב) — דער צוועק פון חג המצות איז ניט עררייכט

געוואָרען בשלימות ביז דעם יו"ט שבועות זמן מתן תורתנו, און ניט אומזיסט זיינען די צוויי ימים טובים פערבונדען געוואָרען מיט ספירה, צו צייגען אַז דיביידע ימים טובים זיינען פערבונדען איינער מיט דעם צווייטען כיומא אריכתא. און דער צווייטער איז ממלא דעם ערשטען, ווייל אָהן דער „תורה" איז ניטאָ קיין ריכטיגע פריי־הייט. ווי די גמרא זאָגט: אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה, דער מענש, וואָס איז אַריינגעטאָהן בראשו ורובו אין הבלי עולם הזה, איז גאָר ניט פריי. ער איז פאַרשקלאַפט צו אַלע זיינע איבערטריבענע געוואוינהייטען, וועלכע גיבען איהם קיין איין מינוט רוהע ניט, און טאָג און נאכט קלעהרט ער נאָר וואו נעמט מען געלט, צו באַפרידיגען אַלע זיינע תאוות.

פריי און גליקליך איז דער מענש, וואָס איז עוסק אין תורה און לעבט נאָך איהרע געזעצען און איז זיך אַ מסתפק במועט, ווי דער תנא זאָגט אין אבות: כך היא דרכה של תורה: „פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן וכו' אם אתה עושה כן, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא (אבות פ"ד). אייגענטליך איז דער לשון פון מאמר אביסעל שווערליך צו פאַרשטעהן. וואָס חזר'ט אי־בער דער תנא דעם לשון אם „אתה" עושה כן. ער האָט דאָך שוין פריהער געזאָגט, „כך היא דרכה של תורה", האָט ער געדאַרפט ענדיגען „אם עושה כן". וואָס מיינט ער מיט דעם „אתה"? קען מען דאָס ערקלעהרען מיט דעם, וואָס דער רמב"ם פסק'נט, הכל חייבים בתלמוד תורה, בין עני ובין עשיר וכו'. ווייל דער אָרימאַן וויל זיך בעפרייען פון דעם חוב צו לעהרנען תורה צוליעב זיין אָרימקייט, זאָגט מען איהם, — זאָלסט וויסען זיין אַז כל המקיים את התורה מעוני, סופו לקיימה מעושר, מען זאָגט איהם די מעשה פון הלל'ן, וואָס ער איז מחיב עניים. ווי עס ווערט געבראַכט אין דער גמרא(יומא ל"ה):

ווען אַן אָרימאַן קומט אויף יענער וועלט און מען פרעגט איהם, וואָרום ער האָט ניט איבערגעגעבען צייט אויף צו לערנען די תורה, און ער ענטפערט: „איך בין געווען אָרים און איך בין אימער געווען פאַרטהאָן זאָרגענדיג צו פאַרדינען אויף ברויט,—ענטפערט מען איהם צוריק: — ביזטו דען געווען אַ גרעסערער אָרימאַן פון הלל'ן?

אויף הלל'ן דערצעהלט מען אַזוי: ער איז געווען אַזוי אָרים,

דאָס מעהר ווי אַ קליינע מטבע, אַ טרפעיק, אַ טאָג האָט ער ניט פאַר־דינט. פלעגט ער אַ העלפט פון דעם אָפּגעבען צום שמש פון בית המדרש, ער זאָל איהם אריינלאָזען לערנען, און אויף דעם אנדער האַל־בען טרפעיק האָט ער געלעבט מיט זיין פאמיליע. איין טאָג האָט זיך געמאַכט, אז ער האָט גאָרנישט פאַרדינט. האָט איהם דער שמש ניט געוואָלט אריינלאָזען. האָט הלל ארויפגעקלעטערט אויפ׳ן דאַך, און האָט זיך דאָרט אויסגעצויגען איבער דעם דאַך פענסטערל, כדי ער זאָל קענען הערען די תורה, וואָס עס האָבען דאָרט געלערענט די צוויי גרויסע אידישע לעהרער שמעיה און אבטליון. יענער טאָג איז גראַדע געווען ערב שבת, און אין רעכטען מיטען ווינטער. אָבער הלל האָט זיך פאַרגעסען וואָס אין הויז ביי איהם איז נאָך ניטאָ קיין זאַך אויף שבת, און ער האָט אויך ניט געפיהלט דעם שנעה, וואָס איז געפאַלען אויף איהם. דער שנעה האָט איהם שפעטער אין גאַנצען פאַרדעקט, און הלל איז אזוי געלעגען דורך דער גאַנצער נאַכט. אויף מאָרגען אין דער פריה האָט שמעיה געזאָגט צו אבטליון: „ערקלעהר מיר, ברודער, וואָרום איז היינט אזוי פינסטער אין בית המדרש? איז עס דען אזוי וואָלקענדיג?" האָט מען גענומען זיך איינקוקען און מען האָט באַמערקט אַ געשטאַלט פון אַ מענשען אין דעם פענסטער וואָס אויפ׳ן דאַך. איז מען אַרויף און מען האָט איהם דאָרט געפו־נען באַגראָבען אין שנעה דריי איילען הויך. מען האָט איהם אַרי־בערגעטראָגען, אויסגעטהאָן זיינע קליידער, איהם אַרומגעוואַשען, אויסגעזאַלבט מיט אויל, און איהם אַוועקגעזעצט נעגען פייער זיך צו דערוואַרימען. און אַלע האָבען געזאָגט: „אַזאַ מענש פאַרדיענט, אַז מען זאָל צוליעב איהם מחלל שבת זיין", ע"כ.

אין דער אָרימאַן, שוין ממילא מקיים דעם „כך הוא דרכה של תורה", ווייל ער לעבט דאַך סיי ווי סיי אַזאַ סאָרט לעבען. אָבער דער רייכער מאַן, וועלכען גאָט האָט געבענשט מיט כל טוב, און ער קען זיך דאָך פאַרגינען צו לעבען אין פערגעניגען אויב ער איז מקיים דעם „כך הוא דרכה של תורה" מיט זיין גוטען ווילען, ווייל ער איז איבערגע־געבען צו דער תורה בכל נפשו ובכל מאודו. צו איהם זאָגט דער תנא, אם „אתה" עושה כן, אויב דו זעלבסט זאָגסט זיך אָפּ פון אַלע מותרות צוליעב דער תורה, איז אשריך בעולם הזה, גליקליך וועסטו

זיין אויף דער וועלט ווייל דאס וואס דו זאגסט זיך אפ פון פערשיידענע לוקסוסען איצט, ווען דו ביזט פארמעגליך, וועט דיר זעהר גוט צוניץ קומען שפעטער, ווען, בעהיטע גאט, דאס רעדעל וועט זיך איבערדרע־העז און דו וועסט דארפען לעבען און ארימען לעבען, וועסטו דאס לייכט קענען איבערקומען ביז גאט וועט דיך ווידער אויפריכטען. איז טאקע אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא, ווייל דו האסט פארביטען דעם עולם עובר אויף דעם עילם קים. און מיט דעם גע־דאנקען ערקלעהרען די מפרשים דעם פסוק: מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים (שיר השירים) — ווי שעהן און ווי אנגענעהם איז די ליבע צו גאט „בתענוגים", ווען דו ביזט אין שטאנדע צו געניסען אלע פארגעניגענס. אזא ליבע און איבערגעבענהייט צו גאט איז זעהר שעהן. ווי די גמרא ברענגט אין נדרים ט' ע"ב: תניא אמר שמעון הצדיק, מימי לא אכלתי אשם נזיר טמא אלא אחד. פעם אחת בא אדם אחד נזיר מן הדרום וראיתי שהוא יפה עינים וקווצותיו סדורות לו תלתלים. אמרתי לו: „בני מה ראית להשחית את שערך זה הנאה?" אמר לי: „רועה הייתי לאבא בעירי, הלכתי למלאות מים מן המעין ונסתכלתי בבואה שלי ופחז עלי יצרי ובקש לטורדני מן העולם. אמרתי לו: — רשע למה אתה מתגאה בעולם שאינו שלך, במי שהוא עתיד להיות רמה ותולעה? העבודה שאגלחך לשמים". מיד עמדתי ונשקתי על ראשו, אמרתי לו: „בני, כמוך ירבו נוזרי נזירות בישראל. עליך הכתוב אומר: — איש כי יפליא לנדור נדר נזיר להזיר לד' ".

אין די געבענשטע דרום־געגענדען פון ארץ ישראל האט גע־וואוינט א יונגער מאן וואס האט געפאשעט זיין פאטער'ס פיה אין די דארטיגע גרינע פעלדער. דער יונגער מאן האט איינמאל אויף זיך א נדר גענומען צו לאזען וואקסען זיינע האר, צו ווערען א נזיר, און לעבען אין פרישות, אין אבוועזענהייט און אין פרומקייט.

ער פלעגט זיצען אין פעלד און זיינע אויגען פלעגען ארומוואנדע־רען איבער בארג און טהאל און באוואונדערען גאט'ס שעהנע וועלט, וואס ער האט געגעבען צו די מענשען. נאכדעם פלעגט ער ווארפען זיין בליק צו די ריינע קלאהרע הימלען, טראכטענדיג פון די פארבאר־

גענע וועלטען, דאָרט, אין דער הויך, און דערביי פלעגען זיינע ליפּען מורמלען א שטיל געבעט.

איינמאָהל האָט זיך געמאכט, אז דער נזיר איז צוגעגאנגען צו א קוואל וואסער צו נעהמען א טרונק. ווען ער האָט זיך איינגעבויגען האָט ער אין די קלאָהרע וואסערען געזעהן ווי עס האָט זיך דאָרט אָפּגעשפּיגעלט זיין אייגענער פּנים מיט זיינע לאָקען, וועלכע האָבען זיך געקרייזעלט אזוי ווי קליינע בערג. ער האָט צום ערשטען מאָהל איינגעזעהן, אז ער איז שעהן, זעהר שעהן, און ער האָט זיך גענומען טראַכטען: פאר וועמען לעבט ער און וואָס האָט ער פון זיין שעהנ־הייט? און דער יצר הרע האָט גענומען צו איהם ריידען: „געה, פארלאָז דיין שווערען, איינזאמען לעבען, געה ארויס אין דער גרויסער וועלט, וואו עס זיינען דאָ די בעסטע פארגעניגענס פון לעבען און וואו מיט דיין שעהנהייט קענסטו געווינען פרידען און גליק". אַן אויגענבליק האָט זיך דער נזיר צוגעהערט צו דער שטימע, וואָס האָט גערעדט אין איהם, אָבער פּלוצלונג האָט זיך אין איהם דערוואכט דער נזיר, און ער האָט אויף זיך אַליין אָנגעשריהען:

דו רשע! וואָס האָלסטו זיך אזוי גרוים מיט א וועלט, וואָס איז ניט דיינס? וואָס שטאָלצירסטו מיט דיין שעהנעם קערפּער, וואָס וועט אמאָהל ווערען קריכענדע באשעפענישען און ווערים? איך שווער ביי גאָט, אז איך וועל אָפּשערען דיינע לאַנגע האָר!

גלייך נאָכדעם איז דער יונגער נזיר אוועק אין ירושלים צו שמעון הצדיק, וועלכער איז דאַן געוועזן כהן גדול, און געזאָגט צו איהם, אז ער וויל ברעכען זיין נדר, וואָס ער האָט זיך געגעבען ניט צו שערען זיינע האָר, און וועט זיי איצט אָפּשערען, און ווי דער דין פאָדערט, איז ער איצט געקומען צו ברענגען א קרבן.

ווען שמעון הצדיק האָט דערזעהן דעם שעהנעם נזיר מיט זיינע געקרייזעלטע האָר, האָט ער איהם געפרעגט:

— ווארום איז דיר איינגעפאלען אזא געדאנק צו פארדארבען דיינע שעהנע האָר?

האָט איהם דער פאסטוך דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע. האָט שמעון הצדיק איהם א קוש געטהאָן אין קאָפּ און געזאָגט:

— הלואי זאָלען ביי אידען זיין א סך אזעלכע ווי דו! ע"כ.

און אום איינצוגעוואוינען די אידען בדרכה של תורה, זיי זאָלען ווערט זיין צו מקבל זיין די תורה און אויך האָבען די מעגליכקייט צו היטען זי ווי עס באַדאַרף צו זיין, — האָט אונז גאָט געגעבען די דריי ימים טובים: פסח, שבועות און סוכות, וועלכע סימבאָליזירען מיט זיך און ווייזען אָן דעם מענשען ער זאָל שטענדיג זיין אַ שמח בחלקו און אַ מסתפק במועט. ער זאָל מקיים זיין די תורה אונטער אַלע אומשטענדען, סיי רייך און סיי ח"ו אָרים, און איבערהויפט זיך דערוייטערען פון לוקסוס, פון זאַכען, וואָס מען קען זיך לייכט באַגעהן אָהן זיי.

דער חג הסוכות, די מצוה פון בסכות תשבו שבעת ימים, איז מרמז אויף דעם מענשענס לעבען — ימי שנותינו בהם שבעים שנה, אַז דעם מענשענס פאַרווייַלען אויף דיזער וועלט איז נאָר צייטווייליג, ס'איז אַ דירת ארעי ווי אַ סוכה. און נאָר ווען מיר באַשיצען זיך בצל שדי, זיינען מיר זיכער פון אַלע אומאַנגענעהמליכקייטען וואָס פּאַסירען אין לעבען. כידוע בשם צדיק מפורסם אויף דעם מאמר „המצטער פטור מן הסוכה" — המצטער, אַ איד וואָס האָט צער ל"ע, פטור, ווערט ער פטור פון זיין צער — מן הסוכה — דורך מקיים זיין מצות סוכה כהלכתו. די סוכה לערענט אונז צו דערוייטערען זיך פון מותרות און צו באַנוגענען זיך מיט ניט קיין באַקוועמען וואוינונג אויך.

די צוויי ימים טובים פסח און שבועות, וואָס זיינען באמת נאָר איינס, ווי מיר האָבען אויבען ערקלעהרט, לערנען אונז, ווי אַ מענש דאַרף זיך אויפפיהרען מיט זיין עסען: כך היא דרכה של תורה, שבעת ימים מצות תאכלו, לחם עוני, דאָס מיינט אויך אַז אין די ימי שנותינו בהם שבעים שנה. דאַרף דער איד זיך בענוגענען מיט וואָס עס איז, אום דער יאָגען זיך נאָך אַלע לעבענ'ס פאַרגעניגען זאָל איהם ניט שטערען זיך עוסק צו זיין אין תורה און אָפּצוהיטען איהרע מצוות.

אַז מען זאָל גוט באַטראַכטען וואָס פיהרט אַראָפּ דעם אידען פון ריכטיגען וועג, ער זאָל אויפהערען דאַווענען, פאַרשוועכען דעם שבת, און ניט האָבען קיין צייט צו ערציהען זיינע קינדער אין אידישען וועג, נאָר די יאָגעניש נאָך אַלע לוקסוסען. עס ווילט זיך געהן געקליידט ווי דער פּרינץ אָוו וועילס, וואוינען אין קעניגליכע פּאַלאַצען, דאָס ווייב זאָל טראָגען פולע פינגער מיט דימענטען, דאָס מעבל זאָל זיין

פין דאס בעסטע און פון דער לעצטער מאדע. און ווי קען דאס א פראסט אידעל פון ליטא אדער פון גאליציע זיך באגעהן אהן אן אויטאמאביל מיט א שאופער? אט די אלע אומנויטיגע זאכען יאָ־ גען איהם ארויס די נשמה. אימער איז ער פארהאוועט און פארשמאַ־ יעט, אז ער האט גאר קיין צייט ניט זיך ארומצוקוקען וואו איז ער אין דער וועלט. ווער דאווענען, ווער שבת, ווער קינדער? איין גע־ דאנק עגבערט זיין מח, וואו נעמט מען געלט און געלט.

און דעריבער האט די תורה געוואלט זיי מחנך זיין דורך די אכילת מצה. זיי זאלען ניט זיין להוט נאך מותרות און אימער זיין מסתפקים במועט. און מיר זעהן, אז דאס האט טאקע געמאכט אויף זיי א גרויסען איינדרוק, גלייך ווי זיי זיינען ארויס פון מצרים, האבען זיי גענומען משארותם צרורות בשמלותם על שכמם, גענומען דאס ביסעל טייג אויפ'ן אקסעל, מיט צופרידענהייט, אהן פאדערונגען פאר בעסערע שפייז. און זיינען געווען גרייט צו מקבל זיין די תורה, די מצוה פון שבת, תרומה, שמיטה און יובל, מעשר און צדקה, וואס דאס איז שוין א הויכע מדרגה פון אידעאליזם, פון מאראל. וויסענ־ דיג אז אין מצרים זיינען זיי געווען איבערגעגעבען צו דער תאוה פון געלט, און האבען געדינט צו דעם אפגאט מאמאן, און אויך צו שאף, וואס זיינען דער סימבאל פון רייכטום, ווי רש"י ז"ל ערקלעהרט דעם ווארט „עשתרות," מפני שמעשרות את בעליהן, און מהאי טעמא האט גאט אנגעזאגט אז מען זאל קוילענען דעם שאף, דאס מיינט דעם גאט פון גאלד, און זאלען זיין צופרידען מיט א דירה ווי א סוכה, און מיט שפייז ווי לחם עוני, ווי דער פסוק איז מרמז: „איש לפי אכלו", יעדערער זאל זיך בענוגענען מיט דאס וואס ער האט נאר צום עסען.

און מיט דעם געדאנק קען אויך ערקלעהרט ווערען די תפילה: על כן נקוה לך ד' אלקינו לראות מהרה בתפארת עוזך להעביר גלולים מן הארץ והאלילים כרת יכרתון לתקן עולם במלכות שדי — מיר בעטען גאט, דאס די וועלט זאל אויפגעריכט ווערען במלכות „שדי". וואס איז גראדע דער שם שדי און ניט קיין אנדערער? נאר מיר גע־ פינען דעם זעלבען שם ביי יעקב אבינו, ווען ער האט געשיקט

בנימינ׳ען צו יוסף׳ן, האָט ער געזאָגט: ואל שדי יתן לכם רחמים — ערקלעהרען די חז״ל, אז ער האָט מיט דעם געמיינט צו זאָגען: מי שאמר לעולמו די, יאמר לצרותי די, און דאָס איז די כונה פון אונזער תפלה, אז די וועלט זאָל איינגעאָרדענט ווערען במלכות שדי, יעדערער זאָל זאגען, די, ער זאָל זיך בענוגענען מיט דאָס וואָס ער האָט און ניט זוכען קיין מותרות. דאַן וועלען פאַרשווינדען אַלע פאַרברעכענס פון דער וועלט: גזלה, גנבה און דאָס גלייכען, ולא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה. ווייל די אַלע איבלען זיינען דער רעזולטאַט און אַ קאָנזעקווענץ פון וועלען אַלעם איינשלינגען פאַר זיך. אָבער ווען יעדערער וועט זיין אַ שמח בחלקו, דאַן וועט הכל על מקומו יבוא בשלום.

און דאָס דערצעהלט אונז די תורה ויעקב נסע סוכותה ויבן לו בית ולמקנהו עשה סוכות — יעקב דער איש תם יושב אוהלים האָט זיך קיינמאָל ניט געיאָגט נאָך די הבלי העולם הזה, ווייל „ויעקב נסע סוכותה״, זיין גאנצען לעבען האָט ער געדעכענט פאר א סוכה, א דירת ארעי. ויבן „לו״, פאר זיין „איך״, פאר זיין נשמה האָט ער געבויט „בית״, א הויז, דאָס האָט ער געדעכענט פאר א דירת קבע. „ולמקנהו עשה סוכות״, אָבער פאר זיין פארמעגען האָט ער בלויז געמאַכט אַ דירת ארעי. דער שכר פון א מסתפק במועט איז, דאָס אפילו וואָס ער פארלאַנגט ניט, ווערט איהם אויך געגעבען. ווי מיר געפינען ביי שלמה המלך (מלכים א׳ ג׳-י״ג) וגם אשר לא שאלת אתן לך, וגוי וגוי גם עושר גם כבוד.

עס קען געזאָגט ווערען נאָך אַ טעם פאַרוואָס עסען מיר לחם עוני אום פסח. ווי בעוואוסט איז בפסח נדונים על התבואה, און מיט דעם עסען מצית צייגען מיר, אַז מיר זיינען ניט להוט נאָך מותרות. און ווי די חז״ל זאָגען: כל הרודף אחר הכבוד, הכבוד בורח ממנו. איז מיט דעם עסען מצה ווייזען מיר, אַז מיר אַנטלויפען פון מותרות, און בזכות זה וועט גאָט בענשען דעם יאָהר ואת כל מיני תבואתה לטובה. מען קען זאָגען, אַז דאָס וואָס מיר עסען אַ ביצה בליל פסח איז אויך לסימנא, וסימנא מילתא! ווי באַוואוסט איז דער בית הבליעה מחזיק כביצה. מיט דעם ווילען מיר באַצייכענען, אַז מיר האָפען דאָס

דער בית הבליעה וועט זיין פול און מיר וועלען ניט דארפען ליידען קיין הונגער. אויך ווילען מיר מיט אכילת ביצה בפסח דערמאָנען, אז מיר זיינען ראוי לנשיאת פנים לטובה, ווי די גמרא ערקלעהרט אויף דעם פסוק: „ישא ד׳ פניו אליך״, האָבען די מלאכים אין הימעל געפרעגט: „ומי איכא נשיאת פנים כלפי שמיא?״ האָט הקב״ה זיי געענטפערט: צו ישראל, יאָ! ווייל איך האָב געזאָגט — ואכלת ושבעת וברכת״, אז ברכת המזון איז מען נאָר מחויב ווען מען עסט צו זאַט, און זיי זיינען מדקדק עד כזית עד „כביצה״, זיינען זיי ווערט מען זאָל זיי נושא פנים זיין.

דער בעל הגדה וויל דאָ דערצעהלען דעם שבח פון עם ישראל. אזוי ווי ביי קבלת התורה האָבען זיי מקדים געווען „נעשה״ ל„נשמע״, אזוי דאָ אויך. ווי גאָט האָט נאָר פארזאָגט על אכילת מצה, האָבען זיי ניט געפרעגט קיין קשיות, און ניט געפאָדערט קיין ערקלעהרונגען, נאָר גענומען משארותם צרורות בשמלותם וכו׳ און געגאַנגען. און דורך דעם האָבען זיי זוכה געווען צו דעם מן. ולכ״ט, און דאָס צו זיין א שמח בחלקו, און א מסתפק במועט איז די ריכטיגע פריי־הייט.

אל תקרי חרות אלא חרות (פרייהייט). חרות ממלאך המות, פריי פון מלאך המות וועלכער איז לויט די חז״ל „מלא עינים״ — דער וואָס האָט גרויסע אויגען און קוקט צו יעדען אין טעפעל. און אז יענער האָט וויל איך אויך — דאָס איז דער מלאך המות, און דארום בעטען מיר: וישזבינא מעינא בישא ומחרבא דמלאך המות. ראַטעווע מיך, רבונו של עולם, פון א שלעכט אויג, וועל איך ממילא ניצול ווערען מחרבא דמלאך המות. ווייל פאר דער מענשליכער באַ־קוועמליכקייט איז נישט קיין דיפערענץ, מעבעל, וואָס קאָסט צעהן טוי־זענט דאָלאר אָדער 500 דאָלאר. עס איז מער נישט אַן עסק פאר׳ן אויג. זאָל יעדער זעהן אז איך האָב אזוינס און אזעלכעס!

דאָס איז אָבער דער געפעהרליכסטער מלאך המות פאר׳ן מענשען, ווייל נאַכטאנצענדיג אלע לוקסוס, ברעכט ער צוזאמען און געהט איינגאַנצען צו גרונט.

און אזוי ווי עס איז מקובל בשם הבעש״ט, אז לפני ביאת המשיח וועלען אידען האָבען א צייט פון רחבות און שפע, און נאכהער, שוין

זייענדיג צוגעוואוינט צו א לוקסוסעריעזען לעבען, וועט קומען אויף דער וועלט א גרויסער קריזיס מיט אָרימקייט, און אידען וועלען זיך שוין נישט קענען ענטזאגען פון זייערע לוקסוס געוואוינהייטען, וועלען זיי דארום ליידען גרויס צער, און דאָס וועט זיין חבלי משיח.

אל תקרא חרות אלא חרות!

דרוש כא.

שביעי של פסח

ולא קרב זה אל זה

ויגד למלך מצרים כי ברח העם, ויהפך לבב פרעה ועבדיו אל העם, ויאמרו מה זאת עשינו כי שלחנו את ישראל מעבדנו: ויאסר את רכבו ואת עמו לקח עמו; ויקח שש מאות רכב בחור, וכל רכב מצרים ושלשים על כלו.
(שמות י״ד, ה׳ ו׳ ז׳).

כשיצאו ישראל ממצרים, ראה מה עשה פרעה, לקח שש מאות רכב בחור וכל רכב מצרים ושלישים על כלו, שלשים איש יצאו על כל אחד מישראל. ראה כמה אוכלוסין יצאו עם פרעה, כשראו ישראל כך נבהלו מפניהם. ואומרים, מי יוכל לעמוד כנגד אלו? השיב הקב״ה, כולם לפני כאיש אחד וכרכב אחד, שנאמר כי בא סוס פרעה, וכלן מתו בנשימה אחת.
(תנחומא ״ ראה. ילקוט ראובני שמות)

ווען מיר זאָלען זיך טיף אריינטראַכטען אין די אויבענגעבראַכ־טע פסוקים, וועלען מיר מוזען קומען צום באשלוס, אז די מלחמה צווישען די מצרים און די אידען איז ניט געווען קיין איינפאַכע גע־וועהנליכע מלחמה ווי אַלע מלחמות, אין וועלכע די פיזישע מאַכט שפּילט די הױפּט ראָל. דען וואָס פאר א ווערדע האָבען געקענט האָ־בען דאָס ביסעל אידען אין פּראָפּאָרציע קעגען די מצרים. א פאָלק, גרויס אין צאָהל און מעכטיג מיט די בעסטע כלי זיין. און צו וואָס האָט פרעה, א קעניג פון א גרויסען פאָלק, אַן אויסגערוהטע און אנט־

וויקעלטע אין אַלע תכסיסי מלחמה, געדאַרפט מאַכען אַזעלכע הכנות צו באַזיגען די אידען — אַן אויסגעמאַטערט און הילפלאָז פאָלק, אין גייסטיגען זין זעהר נידעריג, ווי דער פסוק זאָגט: ואת ערום ועריה, אין וויסענדיג אַז זיי האָבען קיין אויסוועג ניט זיך צו ראַטעווען: פון פאָרענט דער ים, פון הינטען די מצרים, און פון די זייטען דער מדבר. היינט צו וואָס אָט די אַלע הכנות?

פילע פון די מפרשי התורה מאַטערען זיך צו פאַרענטפערען אַן אַנדער פראַגע: צו וואָס האָט גאָט געדאַרפט שלאָגען די מצרים מיט צעהן מכות? אום אַרויסצונעמען די אידען פון מצרים? האָט ער זיי ניט געקענט אַרויסנעמען באַלד? גאָט וואָס האָט באַשאַפען די וועלט, דעם הימעל און די ערד מיט אַ וואָרט — בעשרה מאמרות נברא העולם — האָט געדאַרפט געגען אַ נישטיגען מענשיל אָנווענדען אַזעלכע מיטלען? עס איז שווער צו פאַרשטעהן צו וואָס האָט מען געדאַרפט אָט די אַלע צוגרייטונגען?

אַריינקלעהרענדיג זיך אין דעם ענין פון גלות ושעבוד מצרים, ווערט אַנטפּלעקט פאַר אונזערע אויגען אַ מאָדנע וואונדערליכע ער־שיינונג אין היינטיגער צייט. עס איז דאָך צו שטוינען — אַ גרויס ציוויליזירט פאָלק פון 65 מיליאָנען מענשען, וואָס זיצט זיך רוהיג אין זיין אייגען לאַנד, האָט מיטאַמאָל פאַרגעסען אָן אַלע זיינע דאגות פּאָליטישע און עקאָנאָמישע און האָט זיך אָפּגעלייגט נאָר אויף איין זאַך: טאָג און נאַכט קלעהרען זיי נאָר הבא־נתחכמה'דיגע פּלענער, וואָס פאַר אַ נייע געזעצען צו שאַפען צו דריקען און שטיקען דאָס בי־סעלע אידען, וואָס געפינען זיך צווישען זיי, אַ וואָסערע זעקס הונ־דערט טויזענד נפשות, פון וועלכע דער גרעסטער טהייל זיינען פאַר־אָרעמט נאָך פון דער גרויסער מלחמה. אויף אָט דעם הייפעלע שוואַ־כע אידען, וואָס האָט קיין מלוכה, קיין אַרמיי, קיין פלאָטע, קיין מילי־טער, ואין כחו אלא בפה, — האָט זיך אָנגעזעצט אַ פאָלק, וואָס איז הונדערט מאָל גרעסער אין צאָהל, האָט אַן אַרמיי און פלאָטע, און וויל זיי פאַרניכטען. איז דאָס ניט אַ וואונדערליכע ערשיינונג?

באַטראַכטענדיג דאָס אַלץ מוזען מיר קומען צו'ם אויספיהר וואָס די מקובלים זאָגען, אַז פון דער צייט וואָס אדם הראשון האָט געזינדיגט און גענעסען פון עץ הדעת טוב ורע, האָט זיך אויסגע־

מישט דער רע בטוב און דער טוב אין רע. דאָס וואָס בעפאָר זיינען זיי געווען אָפּגעטהיילט באזונדער. און אלס א פּועל יוצא פון דעם, איז ער געשאָלטען געוואָרען בזיעת אפיך תאכל לחם, וקוץ ודרדר תצמיח לך. און פון דאן אָן ראנגלען זיך די צוויי כחות: דער טוב מיט דעם רע.

דאָס אידישע פאָלק, דער בחיר שבאומות, אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלען די פליכט, דער גורל ארויסצוברענגען דעם טהייל טוב וואָס געפינט זיך אין די מצרים, וועלכע זיינען אָנגעהויפען געוואָרען „ערות הארץ" און געבען זיי א תיקון. און אזוי האָבען זיי טאַקע געטהאָן. ווי דער פסוק זאָגט, „וינצלו את מצרים". און דעריבער זיי־נען די אידען פאַרזאָגט געוואָרען ניט מעהר צו געהן אין מצרים און די מצרים זיינען פארשוואונדען פון דער וועלט, ווייל דער רע אליין, אָהן א ניצוץ קדושה קען ניט עקזיסטירען.

ווי דער הייליגער צדיק דער דינאווער זצ"ל ערקלעהרט אויף דער פראַגע וואָס דער רשע פרעגט: „מה העבודה הזאת לכם?" ענטפערט דער בעל הגדה: „ואף אתה הקהה את שניו!" וואָס איז דאָס פאַר אַן ענטפער? אין דער תורה שטעהט דאָך גאָר אַן אַנדער ענטפער? ער־קלעהרט דער דינאַוועד אזוי: — אין דער אמת'ן וואָלט דער רשע ניט געקענט עקזיסטירען אפילו איין מינוט ווען ניט דער ניצוץ הקדושה, וואָס געפינט זיך אין איהם, כידוע, און דאָס איז דער אות „שין" וואָס אין דעם רשע. אָבער אז דו וועסט צונעהמען פון איהם דעם „שין", בלייבט נאָר בלויז דער „רע" און ער קען מעהר ניט עקזיסטירען. און דאָס איז די כונה פון דעם בעל הגדה — אזא רשע, וואָס לאַכט אָפּ פון אידישקייט, און איז מבזה דעם פאָטער, האָט ניט קיין עקזיסטענץ בארעכטיגונג. דעריבער זאָגט דער בעל הגדה: הקהה את „שניו", דאָס מיינט נעהם ארויס דעם „שין" פון דעם וואָרט רשע, וועט בלייבען נאָר „רע", וועט ער ממילא שוין ניט עקזיסטירען.

דאָס זעלבע איז געווען אין מצרים. ווען די אידען זיינען ארויס פון דאָרטען און האָבען ארויסגענומען די ניצוצות הקדושה פון די מצרים, האָבען זיי שוין מעהר ניט געקענט עקזיסטירען און זיינען אראָפּ פון דער וועלט סצענע. דאָס זעלבע איז געווען אין בבל, און אויך אין שפּאַניע. ווי זיי האָבען נאָר ארויסגעטריבען די אידען,

זיינען זיי אראפּ פון זייער גדולה. און אזוי וועט אויך זיין מיט דייטש־לאנד — קוים האבען זיי זיך גענומען צו פארטרייבען די אידען פון זייער לאנד, איז דאס א סימן אז זייער ענדע איז נאהענט, און זייער סוף איז געקומען.

ווייל אויך דא מוזען מיר אנערקענען דעם פאקט, אז די פאר־פאלגונגען וואס די דייטשען פיהרען אן געגען די אידען, איז ניט קיין איינפאכע פיזישע מלחמה. מיר האבען דאך געזעהן אז צום צעהנטען מאי האבען זיי אויפגעשטעלט אן אויטא־דע־פע און פאר־ברענט טויזענטער וויסענשאפטליכע ביכער פון אידישע געלערנטע. און זייערע פארניכטונג פלענער זיינען געציעלט ניט אזוי געגען קערפּער, נאר מעהרסטענטהייל געגען אלע ערהאבענע און הויכע אידעאלען, וועלכע זיינען פּראקלאמירט געווארען פון אידישען פאלק שוין מעהר ווי דריי טויזענט יאהר — פון אברהם אבינו ביז איינשטיין'ען. און ווען מיר וועלען דאס באטראכטען מיט א דורכדרינגענדען בליק, וועלען מיר מיט זיכערקייט באהויפּטען, אז דער זיג וועט זיין אויף אינ־זער זייט. ווי אזוי? דאס איז א פראגע וואס „מיר" דארפען פאר־ענטפערען. ניתי ספר ונחזה:

די געשיכטע ווידערהאלט זיך. אין כל חדש תחת השמש. קיין נייעסען ווערען ניט באשאפען. וכבר היה לעולמים, אלעס האט שוין אמאל פאסירט.

דער ילקוט ראובני ברענגט אין נאמען פון האר"י הקדוש אן ערקלעהרונג אויף דעם פסוק: ויקח שש מאות רכב בחור וכל רכב מצרים ושלשים על כלו, דאס פרעה דערזעהענדיג דאס די „סיטרא דקדושה" איז זעהר מעכטיג, האט ער געוואלט איהר איבערמעכטיגען מיט דער „סיטרא אחרא" און האט אנגעווענדעט אלע זיינע קרעפטען און פארזאמעלט ארום זיך אלע „כחות הטומאה". ווי עס איז בא־וואוסט אז זה לעומת זה עשה האלקים. ויקח שש— ער האט אראפּגענו־מען די צאהל שש, מאות — פון דעם ווארט — רכב, איז געבליבען דער מספר „בחור" רט"ז, וואס דאס איז דער מספר פון „אריה" דקדושה, וואס געפינט זיך אין כסא הכבוד. ווי דער פסוק זאגט: ופני „אריה" אל הימין לארבעתם. „וכל רכב מצרים", מיינט דאס דער שר של מצרים מיט אלע זיינע חיילות. ווי אונזערע חז"ל ער־

קלעהערען אין מדרש תנחומא אויף דעם פסוק: וישאו בני ישראל את עיניהם והנה „מצרים" נוסע אחריהם. ראו שרו של מצרים נוסע מן השמים לעזור למצרים, און דעריבער, וייראו מאד, האבען זיי זיך זעהר דערשראָקען. און ווי מיר זעהן פון די ווייטערדיגע פסוקים ווייזט אויס, אז עס איז געווען א שרעקליכער קאמף צווישען די צוויי פארשיידענע כחות: ויסע מלאך האלקים ההולך „לפני" מחנה ישראל וילך „מאחריהם", ויסע עמוד הענן „מפניהם" ויעמד „מאחריהם". גאָט, וועלענדיג העלפען די אידען, האט געביטען, ווי א גוטער סטראַטעגיקער, די פאָזיציעס פון „מלאך" און דעם „עמוד הענן" אום צו ראטעווען די בני ישראל פון דעם אנגריף פון די „כחות הטומאה". און דאָס איז די מיינונג פון די פסוקים: ויבא בין מחנה מצרים ובין מחנה ישראל, ויהי הענן והחושך ויאר את הלילה, ולא קרב זה אל זה כל הלילה — גאָט האָט געמאַכט אז די פינסטערניש און דער וואָלקען זאָלען זיין צו די מצרים, און עס זאָל לייכטען די נאַכט צו די אידען. ולא קרב זה — די מחנות של טומאה אל זה — צו די מחנות פון קדושה. פון דעם איז געקומען די ישועה צו די אידען. משה האָט אויסגעטריקענט דעם ים, די אידען זיינען אריבער בשלום, און פון די מצרים איז ניט געבליבען ביז איינעם.

דאָס זעלבע זעהען מיר היינט, ביז איצט האָבען דאָס דייטשע פאָלק געהאָט א זכות הקיום, ווייל זיי האָבען געהאָט עטוואָס א שייכות צו קדושה. אונזער אידישע שפראך שטאמט פון דייטש. אָבער איצט, אז היטלער ימ״ש וויל אויסראָטען דעם ניצוץ הקדושה און אויסוואָרצלען אלע הייליגע אידעאלען פון זיין לאַנד, דאָס איז א צייכען, אז אין ניכען וועט דייטשלאַנד ארונטער פון דער וועלט סצענע. און זייער גאַנצער אימפעט און ברען איז געגליכען צו א ליכט בעפאַר עס געהט אויס. דער פייער־שפרינגט און הויבט זיך מיט די לעצטע כחות ביז עס ווערט איינגאַנצען פארלאָשען. אזוי איז געווען אין מצרים, בבל, און אין ספרד, און אזוי ווי איצט, אזוי איז אויך דאַמאָלסט געווען פארשיידענע פארטייען מיט פארשיידענע מיינונגען, ווי צו באקעמפען דעם שונא.

ווי דער ירושלמי זאָגט (תענית פ״ב הלכה ה׳) תניא ארבע כתות נעשו לאבותינו על הים. איין כתה האָט געזאָגט: נפול אל הים, וחסל.

די צווייטע כתה האט געזאגט: נחזור למצרים — מיר וועלען זיך צוריקקעהרען אין מצרים. איין כתה האט געזאגט: נעשה עמהם מלחמה — מיר וועלען מלחמה האלטען געגען זיי, און איין כתה האט געזאגט: נצווח כנגדם — מיר וועלען פראטעסטירען געגען זיי.

די ערשטע כתה, דאס זיינען געוועזן די עקסטרימע פעסימיסטען, האבען זיך איינגעגעבען פארלוירען, און האבען קיין אנדער אויסוועג ניט געזעהן ווי נאר אריינוואַרפען זיך אין ים און — געענדיגט. די צווייטע, די אסימילאטארען, האבען געוואלט צוריקגעהן אין מצרים. כי טוב לנו עבוד את מצרים, האבען זיי געשריהען. די דריטע כתה, דאס זיינען די רעוויזיאניסטען, די ביתרים. זיי האבען געזאגט : נעשה עמהם מלחמה — מיר: א קלייניגקייט— מיר זיינען פיקס און פערטיג צו מלחמה... גיט אונז נאר א געלעגענהייט... די פערטע כתה — די אמעריקען דזשוּאיש קאנגרעס, האט געזאגט, נצווח כנגדן — מיר וועלען מאכען פראטעסט דעמאנסטראציעס.

אבער משה רבינו האט זיי געענטפערט יעדען איינעם באזונדער. צו די פעסימיסטען האט ער געזאגט: זייט ניט פארצווייפעלט. „התיצבו וראו את ישועת ד׳. ווען די נויט איז אמהעכסטען איז די הילף אמנעקסטען. צו די אסימילאטארען האט ער געזאגט: „כאשר ראיתם את מצרים היום לא תוסיפו לראותם״. אזוי ווי דער נביא יחזקאל האט געזאגט: ועל אשר אמרתם נהיה ככל הגוים בית ישראל חי די אם לא ביד חזקה ובחמה שפוכה אמלוך עליכם. איהר וועט מוזען זיין און בלייבען אידען! צו דער כתה וואס האט געוואלט מלחמה האלטען, האט ער געזאגט: ד׳ ילחם לכם״, און צו דער פראטעסט כתה האט ער געזאגט: „ואתם תחרישון״.

אויך איצט דארפען מיר ניט פארצווייפלען. די הילף איז נאענט. מיר דארפען נאר מקיים זיין „ויצעקו בני ישראל אל די — אונזער קראפט ליגט נאר אין אונזער מויל. מיר דארפען תשובה טהאן.

דער פסוק זאגט „ופרעה הקריב״, איינענטליך האט דאך געדארפט שטעהן „ופרעה קרב״, נאר דאס איז א רמז, אז פרעה האט דערנעהערט די אידען לאביהם שבשמים. און אז מיר וועלען דערנעהענטערען זיך און אונזער הארץ צו גאט און מיר וועלען בעטען השיבנו

די אליך ונשובה, וועט נאָט מקיים זיין דעם חדש ימינו כקדם, און מיר וועלען זוכה זיין צו ישועות און נחמות לנו ולכל ישראל.

* *
*

אין צוזאמענהאַנג מיט דעם איז כדאי צו דערמאָנען א גוט וואָרט פון'ם הייליגען צדיק „אוהב ישראל" מאפטא, אויפ'ן פסוק וכל קרני רשעים אגדע תרוממנה קרנות צדיק.

וכל קרני רשעים אגדע, אז דו וועסט אָרונטערהאַקען די „קרנות" — די עקען — פון'ם וואָרט „רשעים", דאָס הייסט, נעם אוועק די אותיות „ר"מ", דאָס ערשטע און דאָס לעצטע אות פון וואָרט רשעים, האָק אוועק דעם „עמלק" וועלכעס באַטרעפט די זעל־בע צאָהל פון „ר"ם" פון די רשעים, בלייבען איבער די מיטעלע אותיות „ישע", וועט קומען די ישועה.

תרוממנה קרנות צדיק, דאַן וועלען דערהויבען ווערען קרנות — די עקען — פון צדיק, דאָס ערשטע און דאָס לעצטע אות פון וואָרט צדיק, מאַכט קץ, און השי"ת וועט העלפען עס וועט זיין כי „יד" די מיטעלע אותיות פון וואָרט צדיק, על כס יה, מלחמה לד' ב„עמלק" מדר דר.

אין השם שלום ואין הכסא שלם עד שימחה שמו של עמלק, ונזכה לגאולה שלמה במהרה בימינו, אמן.

פתגמים

הרב הג' ר' צבי הירש ליסקאר ז"ל ברײנגט אַ רמז פון דער תורה צום מאמר חז"ל אין אבות, אל תרבה שיחה אם האשה, ווייל ביי די טמאים שטעהט, משה האָט זיי געזאָגט: עמדו ואשמעה מה יצוה ד' לכם, שטעהט אַ ווייל און איך וועל הערען וואָס גאָט וועט מיר וועגן אייך זאָגען, און ביי צלפחד'ס טעכטער שטעהט: ויקרב משה את משפטן לפני ד', זייער קיים האָט ער גלייך פאר גאָט גע־בראַכט און זיי ניט געהייסען וואַרטען ווייל מיט פרויען דארף מען פיעל ניט ריידען.

*   *
*

דער ריזינער ז"ל האָט געזאָגט: ושני תמידים כהלכתם, מיינט די צוויי תמיד'ן זאָל יעדער היטען ווי דער דין איז, שויתי ד' לנגדי תמיד, און דעם וחטאתי נגדי תמיד.

*   *
*

דער וואַרשעווער רב ר' בעריש מייזליש ווען ער איז געזעסען אין סיים צווישען די לינקע, פרעגט איהם דער פרעזידענט, פארוואָס זיצט איהר גאָר צווישען די לינקע.

— אידען האָבען קיין רעכטע! — האָט ער גלייך געענטפערט.

*   *
*

פאר היינטיגע מחברים

אַ געוויסער מחבר איז געקומען צום וועלט גאון הרב ר' יעקב אורינשטיין זצ"ל פון לעמבערג און געבעטען דעם רב'ס הסכמה

אויף זיינעם א חבור. דעם גאון איז דער מאנוסקריפט ניט געפעהלען געוואָרען, און ער האָט געפרעגט דעם מחבר, וואָס וועט זיין דער נאָמען פון ספר? אויף דעם האָט דער מחבר זיך ענטשולדיגט, זאָגענדיג, דאָס ער האָט נאָך קיין נאָמען ניט צוגעקליבען און געבעטען דעם גאון ער זאָל דעם ספר א פאסענדען נאָמען געבען. מיר ווע־לען דעם ספר אָנרופען „פלאי פלאים״, דאָס מיינט: וואונדער איבער וואונדער, האָט דער רב געזאָגט

— ווארום עפעס אזא געהויבענעם נאָמען? האָט דער מחבר געשטוינט.

— איך וועל דיר זאָגען, האָט דער רב געענטפערט, — צו מא־מאכען פון שמאטעס פאפיר איז א וואונדער, אָבער דו האסט גאָר גענומען און געמאכט פון פאפיר — שמאטעס, דאָס איז שוין גאָר וואונדער איבער וואונדער.

דרושים לכל עת מצוא

דרוש כב.

ומקדשי תיראו

אחת שאלתי מאת ה׳ אותה אבקש, שבתי בבית ה׳ כל ימי חיי לחזות בנועם ה׳ ולבקר בהיכלו.

(תהלים כ״ז).

דער בית המדרש האָט ביי אידען אין גלות אלע מאָל פאַר־נומען דעם אויבען אָן. שוין אָפּגערעדט פון די שטענדיגע יושבים אין בית המדרש וועלכע האָבען עוסק געווען בתורה יומם ולילה אָהן אַ הפסק. ביי זיי, איז דער בית־המדרש געווען זייער שטענדיגע היים, און זייער אמת׳ע היים וואו זייערע פאַמיליעס האָבען זיך אויפגעהאַלטען, איז ביי זיי געווען מעהר נישט ווי אַ ביי־זאַך, עפּעס כאילו כפאו שד, און די גאַנצע דרויסענדיגע וועלט מיט איהר גאַנ־צער שעהנקייט און פּראַכט, מיט אלע איהרע פאַרגעניגענס, האָט זיי גאָר נישט געקימערט. איי פּרנסה ? אויך אַ דאגה! עס איז דאָ אַ גרויסער גאָט אין הימעל וועלכער שיקט צו אלע הצטרכות׳ן צו יעדען באַשעפעניש, מקרני ראמים עד בצי כינים, לויט זיינע באַ־דינגונגען. עיני כל אליך ישברו, ואתה נותן להם את אכלם בעתו, האָט געזאָגט דער נעים זמירות ישראל, דער בורא כל העולמים גיט אלע באַשעפענישען זייער עסען, יעדען איינעם אין זיין צייט, אָט וואָס זיך זאָרגען?... זיצט מען בבית ה׳ יומם ולילה על התורה ועל העבודה.

נישט יעדער איינער קען אָבער זיין אַ „פּרוש״ און זיך אבסאָלוט ענטזאָגען פון עניני עולם הזה. הרבה עשו כר׳ שמעון בן יוחאי ולא עלתה בידם!... פאַרנעמען זיי זיך טאָקע מיט מלאכה אָדער מסחר דורכ׳ן טאָג, פון וועלכען זיי ציהען זייער חיונה, און זיינען מפרנס זייערע פרויען און קינדער פון זייער יגיע כפים, זיי האַלטען

קאַמפּאַני מיט זייער בני בית. איז אָבער אויך דער בית־המדרש ביי זיי געווען נישט ווייניגער וויכטיג ווי זייער אייגענע היים, אין פיעלע הינזיכטען נאָך וויכטיגער. נעמליך:

אין דער פריה ווען א איד איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, איז געווען ראשית חכמה זיך פאַרבערייטען צו געהן אין שוהל, און דאַווענען. נאָכ'ן פאַרברייינגען עטליכע שטונדען אין שוהל, האָט מען זיך — ערשט דאַן — גענומען צו היימישע ענינים.

פאַרנאַכט, ווידער אַמאָהל די זעלבע זאַך, געגאַנגען אין שוהל דאַווענען מנחה און מעריב, צו דער זעלבער צייט, אריינגעכאַפּט א בלאַט גמרא, א פרק משניות, א שטיקעלע עין יעקב, וכדומה. דאַן איז מען ערשט אהיים שלאָפען. און ווער רעדט נאָך פון שבתים און ימים טובים, פאַרבּרענגט מען דאָך ערשט אין שוהל, כדבעי.

אַלזאָ! א איד קען זיך פיהלען אין שוהל א גאַנץ היימישער מענש, און דאָס איז זיכער א גרויסע מעלה, ווייל באַטראַכטענדיג אונזער ביטערע מערכה אין גלות, איז דער בית המדרש אימער געווען א באַלזאַם צו אונזער פאַרוואונדעט האַרץ, א רעטונגס שיף אינ'ם שטורמדיגען גלות ים. האָט מען זיך טאַקע זעהר היימיש גע־פיהלט אין בית המדרש, נישט ווי די „יהודים" וועלכע קומען אין טעמפּעל איין מאָהל א יאָהר אָדער אין וואָך, דעריבער פיהלען זיי זיך דאָרטען זעהר פרעמד.

איז דוד המלך דערויף מתפלל — אחת שאלתי מאת ד' אותה אבקש, איך בעט פון דיר, ליבער באַשעפער, שבתי בבית ד' כל ימי חיי, — זאָלסט מיר העלפען דאָס איך זאָל קענען זיצען אין בית ה' מיין גאַנצען לעבען.

איז אָבער דאָ דערביי א גרויסער חסרון. נעמליך, אַז א מענש קומט אַמאָל צו גאַסט צו זיינעם א פריינד, באַנעמט ער זיך מיט דרך ארץ, פיהרט זיך אויף מיט רעספּעקט. איז מען אָבער אַן אָפּטער גאַסט ביי יענעם און מען איז גוטע ברידער, ערלויבט מען זיך שוין נישט צו זיין אַזוי שטרענג. א פשיטא שוין אין א פּלאַץ וואו מען איז א בעזוכער יעדען פריהמאָרגען און אָווענט — ווי דער בית המדרש — ערלויבט מען זיך שוין ניט צו זיין אַזוי שטרענג. און מען כאַפּט א שמועס'ל מכח נייעס, און גלאַט דברים בטלים, און מען ערלויבט

זיך שוין צו ריידען אפילו ביים דאווענען, און מען פארגעסט זיך גאר וואו מען געפינט זיך.

דער רמב"ם זאגט: אף שישיבה בבית הכנסת למצוה יהשב, אבל המדבר שיחה בטילה, עבירה מכבה מצוה, ואסור לדבר שיחה בטילה אף שלא בשעת התפילה מכל שכן בשעת התפילה.

אבוואהל זיצען און פארברענגען אין א שוהל ווערט גערעכענט פאר א מצוה, אויב אבער מען רעדט דברים בטלים, טוט דאס שוין פארדונקלען די מצוה, ווייל מען טאר ניט ריידען קיין פוסטע רייד אין א שוהל אפילו נישט בשעת'ן דאווענען, און כל שכן ביי'ם דאווענען.

און אין ספר „הגן" איז ער מוסיף: על כן מן הראוי שכל קהילה וקהילה מקום אשר דבר המלך מלכו של עולם ודתו מגיע, יעמדו אנשים על זה, אשר ישגיחו בעיניהם על המדברים, ויביישו אותם ברבים. ובזה נראה כבוד ד' בארץ. וכל העם ישמעו ויראו ולא יזידון עוד. ויתנו במתג רסן לבלום את פיהם בבית הכנסת מלדבר דיבור של חול ושיחה בטילה. ומי שיש בידו מקל ורצועה יחוש על כבוד קונו ולא ישא פני איש ולא יהדר פני גדול עד כי יחדל חדול, והמזהיר והנזהר יזכו לחזות בנועם ד' ולבקר בהיכלו.

לא מיביעא — אויב מען פארפעהלט צוליב'ן רעדען אן אמן, אדער אן אנדער זאך פון די תפילות, אז דער עונש איז אומגעהויער גרויס ר"ל, נאר אפילו דאס בלויזע רעדען איז א גרויסער פארברעכען.

מיר זיינען מקיים דעם שבתי בבית ד' כל ימי חיי, איז אבער דער חסרון דאס צופיעל היימישקייט וועלכעס מיר פיהלען זיך דארטען, און מען פארלירט דעם רעספעקט.

דעריבער בעט דוד המלך ווייטער: ולבקר בהיכלו, איך זאל זיין א גאסט אין גאט'ס הויז, וועלכעס איז אין פלוג סותר דאס פריער־דיגע: שבתי בבית ה' כל ימי חיי, נאר דוד המלך מיינט צו בעטאנען, אז טראץ דעם וואס איך וועל זיין א יושב בבית ה' „כל ימי חיי", דאך זאל עס זיין ביי מיר אזוי חשוב און הייליג ווי א גאסט, וועלכער באַ־זוכט זיין פריינד בלויז פון צייט צו צייט און זיך באנעמען מיט ד"א.

עס דארף זיין ביידע זאכען: שבתי בבית ה' כל ימי חיי, און דאך זאל זיך פיהלען דער רעספעקט אזוי ווי פון א מבקר בהיכלו.

* *
*

רעדענדיג וועגן קדושת בתי כנסיות ובתי מדרשות, איז נויטיג צו דערמאָנען, וועגען אן אַלטען איינגעוואָרצעלטען איבעל וועלכער עקזיסטירט דאָ אין לאַנד בנוגע די אקציאָנס־געזעלשאפטען, וועלכע פארקויפען שעהרס און זיינען אָרגאניזירט אין א גרופּע, וואו יעדער שעהר־האָלדער קריגט אונטער געוויסע בעדינגונגען א הלואה פאר וועלכער ער דארף צאָהלען א געוויסען פּראָצענט. אין א געוויסען גראַד איז עס א סאָרט באַנק־ביזנעס, מיט א גאנצען קלאַפּערגעצייג כנהוג, א פּרעזידענט, א סגן, א טרעזשורער און א סעקרעטער, מיט בוך־פיהרער, און איין מאָהל יעדע וואָך קלויבען זיך צוזאַמען אָט די גאַנצע קאָמפּאַניע אין שוהל, און עס טומעלט זיך א ביסעל. די קנאַקערס געהען אין די בלויזע קעפּ, קייען און שפּייען די גראָבע ציגאַרען, און דער המון שעהר־האָלדערס טומלען ארום מענער און פרויען, בחורים ובתולות, דער באָרגט געלד דער צאָהלט אָפּ, דער פּראָטעסטירט, דער — — — און דאָס אַלץ אין מקום קדוש אין שוהל.

איך וואָלט געדארפט זיין אַן אויס־שטודירטער אקאונטענט אויסצורעכענען די צאָהל עבירות וואָס ווערען דאָ באַגאַנגען בשאט נפש ביי דער דאָזיגער טראַנזאַקציע.

קודם כל איז דאָך מדינא דגמרא פארבאָטען צו טאָהן מסחרים און מאַכען געשעפטען אין א שוהל. די גמרא (מגילה כ״ח ע״א) זאָגט: בתי כנסיות אין נוהגין בהן קלות ראש ומאי ניהו? חשבונות! און אזוי פסק׳נט דער רמב״ם אין הלכות תפילה (פרק י״א הלכה ז׳) ואין מחשבין בהם חשבונות אלא אם כן היו חשבונות של מצוה, כגון קופה של צדקה ופדיון שבויים וכיוצא בהן. און אזוי ווערט גע׳פסק׳נט אין שלחן ערוך אורח חיים (סי׳ קנ״א).

דער באר היטיב ברענגט בשם הסמ״ק, ובעון זה מתהפכין בתי כנסיות לבתי עכו״ם. ר׳ אסי זאָגט (מגילה שם ע״ב) בית הכנסת שמחשבין בו חשבונות, לסוף מלינין בה את המת.

דער פארברעכען איז אָבער נאָך טויזענד מאָהל ערגער, מען איז

עובר אויף א גאנצע רייהע לא תעשה'ס, לאחיך לא תשיך, אל תקח מאתו נשך ותרבית, את כספך לא תתן לו בנשך, דער עונש פון נעהמען און אפילו געבען — רבית — איז שרעקליך. און דא אין לאנד איז בכלל אין פוצה פה ומצפצף. באנוסעס, פראצענטען, און גלאט הויט שינדעריי ווערען פראקטיצירט אומגעשטערט. אין א צייט ווען דאס אלעס קען געטאהן ווערען על פי תורה, דורך א היתר־עיסקא וואס די ראשונים האבען מתקן געווען מפני תקנת הלווין, ועד שתאכלנו באסור, תאכלנו בהיתר.

* *
*

א הימעל שרייענדער סקאנדאל קומט פאר אין אונזערע בתי כנסיות ובתי מדרשות, מיט'ן אנשטעלען חזנים אקטיארען און אפע־רא זינגער, מגולחי זקן אויסגעפוצט ווי א „ביוטי פארלאר" שעהן אפגעפארבט די באקען מיט אן אפ־טו־דעיט „מאניקיור", אנגעצוי־גען מיט א שווארצע ראסע און א שווארצען גלאק אויפ'ן קאפ, ווי א ריכטיגער גלח, און צו דעם איז ער א „מתנהג בעונות ומוחל בחסידות" ארום גערינגעלט מיט די ששים גבורים, דער כאהר און דער „למנצח בנגינות" דער דיריגענט בדומה לו, וועלכער שטעהט פאר'ן ארון הקודש און מאכט משוגענע העויות, ווי א „קלאון" אין צירקוס, און דאס זיינען די שליחי צבור אוים צו בעטען א גוט יאהר. און באלד נאך דער פארשטעלונג אין שוהל, געהען זיי געבען א פארשטעלונג אין טעאטער, לכבוד שבת און לכבוד ראש־השנה... א שעהן שווארץ יאהר ר"ל קען אזא שליח צבור אויסבעטען... און דער נביא זאגט צו זיי מיט כעס: חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי, **כי תבואו לראות פני, מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי?**

די גמרא אין תענית (ט"ז ע"ב) ברענגט דעם פסוק היתה לי נחלתי כאריה ביער נתנה עלי בקולה על כן שנאתיה (ירמיה י"ב) מאי נתנה עלי בקולה? אמר מר זוטרא בר טוביה אמר רב, ואמרי לה אמר רבי חמא אמר רבי אלעזר זה שליח צבור שאינו הגון היורד לפני התיבה.

און דער חטא איז א צוויי־פאכיגער, איינמאָל פאר צולאָזען אזא חזן צום עמוד אלס אַ שליח צבור; צווייטענס, פאר דעם פארקויפען די איינלאס־טיקעטס אום שבת. דאָ שרייט דער נביא מיט פאטאָס: ידיכם דמים מלאו! מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי?

* *
*

דער מחבר אין אורח חיים (סימן קכ"ד סעיף ז') זאָגט: לא ישיח בשעה ששליח צבור חוזר התפילה, ואם שח הוא חוטא וגדול עונו מנשוא וגוערין בו. מען טאָר ניט ריידען בעת דער חזן זאָגט די הויכע שמונה־עשרה, און ווער עס רעדט איז אַ חוטא ר"ל און מען דאַרף אָנשרייען אויף איהם. דאָס זעלבע ברענגט דער מחבר אין סימן קמ"ז (סעיף י"ב) וועגען ריידען בעת קריאת התורה. כיון שהתחיל הקורא לקרות בספר תורה אסור לספר אפילו בדברי תורה. ווי באלד דער בעל קורא פאנגט אָן לייענען אין דער תורה טאָר מען ניט ריידען בשעת'ן לייענען אפילו אין דברי תורה. און ער ברייננט בשם הרי"ף (סעיף קטן ה') דאסור אפילו להורות לאדם ששואל לפי שעה, און אפילו לפרש שום דבר תורה אסור.

דער „יש שכר" ברייננט: בעת קריאת התורה יעמוד כל העם באימה וביראה לשמוע קול הקורא בספר תורה, כדאיתא בזוהר פרשת ויקהל (דף ר"ו) כד סלקא ספר תורה לתמן כדין בעאן כל עמא לסדרא גרמייהו באימתא בדחילו ברתת בזיעו כולא לתתא, ולכוונא לביהו כמא דהשתא קיימן על טורא דסיני לקבלא אורייתא, ויהון צייתין וירכין אודניהון, ולית רשו לעמא ולא לאחרא למפתח פומיה באורייתא, „וכל שכן במלה אחרא" אלא כולהו באימתא כמאן דלית ליה פומא, והא אוקמוהו ובפתחו עמדו כל העם ואזני כל העם אל ספר התורה עכ"ל.

פון דאנען זעהען מיר ווי מען דאַרף זיך באַנעהמען אין אַ מקום קדוש בעת'ן דאווגען און לייענען.

וד' בהיכל קדשו הס מפניו כל הארץ!

* *
*

גם זה רעה חולה! פיעלע שוהלען וועלכע פרעטענדירען אז זיי זיינען אָרטאָדאָקסישע, שטעלען אָן פאר רע־בנים אינגלאך וועלכע לא קרו ולא שנו ולא שמשו תלמידי חכמים. טאקע געקראָגען אַ קאָ־לעדזש־דעגרי, אָבער די גאַנצע חכמה זיינע נעמט ער פון באַלי־הו ליטעראטור, און די טיפעע פילאָזאָפישע געדאנקען וועלכע ער פרע־דיגט פאר זיינע צאן־קדשים זיינען גענומען פון אַ בפירוש׳ן „דעילי ניוס" און „דעילי מיראָר" און אלס אַ צוגאָב אויך דעם "איווינינג זשורנאל" וועלכע דערלאנגען דעם ערגסטען שמוץ פון דעם אָפ־פאל אין דעם גרויסען ניו יאָרקער שמעלץ־טאָפּ.

זיי ווייסען שוין ווי אָנצוגעהן מיט זייערע שאָף, ווי די „ראָ־באָטס" (אין פּראָסטען אידיש מיינט דאָס פשוט׳ע גולם׳ס) זיצען זיי אין די „סינאָגאָגע" און דער מייסטער גיט אַ פּרעס דאָס עלעקטרי־שע קנעפּעל און — יעמוד — אַלע גיבען זיך מעכאניש אַ שטעל אויף די פיס. אַ צווייטען דרוק אין קנעפּעל און די ראָבאָטס זיי־צען. ער — דער ראבאי — מורמעלט עפּעס דאָרטען, אָנגעטאָהן אין שווארצען ווי אַ גלח, און דער עולם שלאָפט. גיט ער אַ באַפעהל, רעפּיט עפטער מי, און די ראָבאָטאָס זאָגען נאָך — ווי אַ שכיב מרע, ווידוי — עס הערט זיך אַ זשומעריי, אזוי ווי ביי אַ טערקישע לויה, און דערמיט פאַסירט.

אַנדערע פון די זאָגענאַנטע אָרטאָדאָקסישע שוהלען, טהוען כאָטש אנערקענען דעם פאקט אז זיי ליידען פון דער מאָדערנער קאָנסער־קראנקהייט, וועלכעס רופט זיך אין אידיש „ראַק", גענומען פון „רק אין יראת אלקים במקום הזה", און דעריבער רופען זיי זיך נעבאך מיט דעם טרויעריגען נאָמען "קאָנסערוואטיווע" ווייל מיט זייערע פארדעקטע מעשים פון זיין אן עושה מעשה זמרי ומבקש שכר כפינחס" פרעסען זיי דעם אידישען קערפּער און פארפעסטען גלי־דערווייז דעם גאנצען בית ישראל מיט זייער קאָנסער־וואַטיווען דזשודאַאיזם, ד׳ ירחם.

מיר ריידען פון די יעניגע שוהלען, אין וועלכע מענער און

פרויען זיצען נאָך נישט צוזאמען, און היטען נאָך אנדערע טראַדיציאָנעלע מנהגים. זיי שטעלען אָן אזעלכע אינגלאָך דלא ידעי מאי דקאמרי רבי'צין און זיינען עובר אויף א לאו לא תטע לך אשרה כל עץ אצל מזבח ה' אלהיך (דברים ט"ז כ"א). זאָגען דערויף די חז"ל, אמר ריש לקיש כל המעמיד דיין שאינו הגון כאלו נוטע אשירה בישראל שנאמר שופטים ושוטרים תתן לך, וסמיך ליה לא תטע לך אשרה, אמר רב אשי, ובמקום תלמיד חכם, כאלו נטעו אצל מזבח, שנאמר אצל מזבח ד' (סנהדרין ז' ע"ב) און זיי זיינען גורם לשכינה שתסתלק מישראל. אוי לדור שכך עלתה בימיו!

* *
*

מצוה לפרסם!

עס איז פאראן אן איסור אויף וועלכען אלע גדולי ישראל זיינען אונטערגעשריבען, הובא בס' לב העברי ח"ב, בזה הלשון:

א) אסור לדרוש דרשה בלשון אומות העולם, וכן אסור לשמוע דרשה האמורה בלשון אוה"ע. על כן צריך כל בר ישראל אשר ישמע, שרב און אחר דורש בלשון נכרי, לעזוב ביהכנ"ס ולצאת החוצה, והדורש צריך לדרוש בלשון יהדות שמדברים בו ישראל הכשרים, אנשי המדינה הזאת.

ב) אסור לכנוס להתפלל בבהכנ"ס אשר אין לה בימה באמצע.

ג) וכן אסור לעשות בית הכנסת כמגדל.

ד) אסור לעשות מלבושים מיוחדים להש"ץ והמשוררים באופן שיהיו דומים לשאר נימוסי הדתות.

ה) אסור לעשות המחיצה המבדלת בין עזרת נשים והאנשים, רק באופן אשר לא יוכלו להסתכל אנשים בנשים, רק יעשו כנהוג מימי קדם, וכן אם כבר נעשה לא יכנסו בה.

ו) אסור לשמוע תפילת „קאָהר" (כנראה מתערובות, המעתיק) קל וחומר להתפלל עמהם, אין לענות אמן, אף אם הוא מוכרח על ידי זה לקים ישב בדד וידום וגו'.

ז) בתי כנסיות הנקראים "קאָהר שוהלען" (טעמפעל בלע"ז, המעתיק) מאחר שהוא בית אפיקורסות, אסור לכנוס לתוכם, כדאיתא במסכת שבת (קט"ז ע"א) אמר ר' טרפון — שאפילו אדם רודף אחריו להרגו, ונחש רץ להכישו, נכנס לבית עבודה זרה, ואינו נכנס לבתיהן של אלו, שהללו מכירין וכופרין, והללו אין מכירין וכופרין.

ח) אסור להעמיד החופה בבית הכנסת, רק תהיה תחת השמים. (ע"ז צריך להקדיש מאמר מיוחד, וכבר צוחו ע"ז קמאי, וקולם קול קורא במדבר, המעתיק).

ט) אסור לשנות שום מנהג יהדות או שום נימוס בית הכנסת אשר מקובל מאבותינו ואבות אבותינו.

אלו בתי כנסיות אשר כתבנו שאסור לכנוס בתוכם, אין חילוק בין שאר ימים לשבת וראש השנה ויום הכפורים, ואף אם צריך על ידי זה להתפלל ביחידות.

למען ידעו ידיעה ברורה שכל מנהגי ותקנת ישראל יסודתם בהררי קודש, ועומדים ברומו של עולם, ומאן חשיב ומאן ספין בדור היתום הזה, לשנות את אשר כבר עשהו, הלא אמרו חז"ל אם ראשונים כמלאכים, אנו כבני אדם, אם ראשונים כבני אדם, אנו כחמורים, ולא כחמורו של ר' פנחס בן יאיר, ומעתה אם יפתוך חטאים אל תאבה, הא חדא.

ושנית, ידעו שכל דבר שעושין לשנות מנהגי ישראל להתדמות איכה יעבדו, הוא עובר על כמה ל"ת, וחמור מאכילת חזיר באיכות וכמות, בכמות הוא עובר על כמה ל"ת, ובאיכות, כי ל"ת האלה המה אביזרייהו דע"ז, ויש ספק אם המה בכלל יהרג ואל יעבור,

ובאמת לפי חומר הנושא היה ראוי לצאת עבור ענין זה בחרמית ושמתתא, ובלטותא דנחש דלית לה אסותא, אבל אנחנו עשינו זאת רק לעם ה' שמאמינים בתורתו, וחפצים בקיומה, רק כמה וכמה דימו וסברו מה בכך, על הענינים הנ"ל, ואפשר רק בכלל חסידות הוא, ואינו כדאי שיעשה עבור זה פירוד לבבות, ומכש"כ מחלוקת. מעתה ידעו נא, שהן המה עיקרי תורה, ובכלל אביזרייהו דע"ז (ושנוי לשון הוא בכלל י"ח דבר, שעמדו עליהן בחרב, ואפילו אליהו אם יבוא לבטלם אין שומעין לו, והתייר הגדול רבן של ישראל בדורנו דור האחרון, מאור הגולה אדמו"ר בעל החת"ם זצל"ה, צוה

לקהלתו שלא יהי' להם דורש כזה, שידרוש בלשון לאומים, כי אם כאשר שמעתם ממני, ושנה עוד בתשובות לחו"מ סי' קצ"ז. וזה לשונו: שלא יהי' מהלועזים בלע"ז ואסור לקבל תורה מפיו, וכמעמיד אשרה בהיכל ה') וממילא ישמעו. ועשינו זאת בפומבי ובפהרסיא, בקיבוץ ובוועד גדולי חכמים, כי היכא דלפול באורנא, ומעתה לא יהיו צריכים יראי ה' שבכמה וכמה קהלות לשו"ת להריץ אגרותיהם לרבנים איכה יעשו בענינים הנ"ל.

זאת אשר יצא מאתנו הח"מ בועד אשר נתועדנו ונשאנו ונתנו בדבר, עפ"י דת, והנם דברים ברורים עפ"י דתוה"ק בלי שום שינוי.

דאָ קומען די חתימות פון אלע צדיקים גאוני וגדולי ישראל, צווישען זיי דער הייליגער סאנדזער רב, רי אייזיקעל זידיטשובער.

זאָל דאָס יעדער רב, און בעל הבית וועלכער איז אַ יודע ספר לעזען מיט אויפמערקזאמקייט, הפוך בה והפוך בה.

וד' ברוב רחמים יזכנו לראות בבנין ציון וירושלים בב"א.

דרוש כג.

חנוכת הבית פון אַ שוהל

ה׳ בדד ינחנו ואין עמו אל נכר.
(דברים ל״ב י״ב).

עס איז שוין אַן אָנגענומענער מנהג ביי אונזערע ראשים און מנהיגים דאָ אין אַמעריקע, אַז כמעט ביי יעדע היילינגע אונטערנעמונג, ווי בעת מען געהט בויען אַ שוהל אָדער אירגענד וועלכע עס איז היילינגע קהל׳שע אינסטיטוציע, לאַדט מען איין צו דער צערעמאָניע אָנגעזעהנע מענשען פון דער קריסטליכער וועלט. דאָס זעלבע טהוט מען אויך ביי אַלע גרעסערע אונטערנעהמונגען וועגען צדקה אָדער חינוך. און זאָגאַר וועגען כשרות. פאָדערט זיך צו זאָגען וועגען דעם ענין עטליכע ווערטער:

דוד מלך ישראל זאָגט: מזמור שיר חנוכת הבית לדוד, ארוממך די כי דליתני ולא שמחת אויבי לי (תהלים ל׳ א׳־ב׳) — האָט ער דאָך אייגענטליך געדאַרפט זאָגען: מזמור שיר לדוד על חנוכת הבית, וואָס דאָס וואָלט געווען אויסגעהאַלטענער לויט די כללים פון דער העברעאישער שפּראַך. און ווידער איז אַ קשיא: וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג און שייכות האָט דער צווייטער פסוק „ולא שמחת אויבי לי״ — דו האָסט ניט דערפרעהט מיינע פיינד צו דער שמחה פון חנוכת בית המקדש?

דער היילינגער גאון חתם סופר זצ״ל דערקלעהרט דעם ענין אויף אַ זעהר געלונגענעם אופן, כדרכו בקודש. וואָרים ווי באַוואוסט איז איינער פון די גורמים אין די חורבנות, אין דער צעשטערונג פון אונזערע צוויי בתי מקדשות געווען, ווייל די אומות העולם, די געצענדינער, האָבען געהאַט אַ חלק אין זייער בויען. און וואָס מעהר זיי האָבען זיך באַטהייליגט אין זיין בנין, מעהר כח און קראַפט האָט

דאָס געשאַפען פאַר די אומות העולם. ווייל מיט זייער הילף האָבען די אידען געקענט טאָהן די הייליגע ארבייט פון בנין בית המקדש.

דעם ערשטען בית המקדש וואָס שלמה המלך האָט געבויט, ווייל ער האָט זיך פאַרזינדיגט דערמיט וואָס ער האָט געהייראַט פרעה'ס טאָכטער, איז ער ניט געווען אין דער לאַגע צו בויען דעם בית המקדש אליין, נאָר מיט דער הילף פון חירם מלך צור. — דער צווייטער בית המקדש איז געבויט געוואָרען מיט דער ערלויבניש פון כורש און מיט די געלדער וואָס אסתר האָט געקראָגען פון המנ'ס פאַרמעגען. א צווייטען מאָהל ווידער איז דער בית המקדש געבויט געוואָרען דורך הורדוס'ן, וועלכער איז געווען אַן עבד אדומי. און דאָס איז געווען די אורזאַך פון זייער טרויעריגען סוף, זיי זיינען צושטערט געוואָרן דורך די גוים, די שונאי ישראל. אויף דעם האָט זיך באַקלאָגט דער נביא ירמיהו (ל"ב ל"א) כי על אפי ועל חמתי היתה העיר הזאת למן היום אשר בנו אותה ועד היום הזה להסירה מעל פני. — פון דעם ערשטען טאָג, וואָס די שטאָט איז געבויט געוואָרען איז זי מיר ניט געווען צום הארצען, זאָגט גאָט ב"ה . . .

אָבער דוד המלך בעת ער האָט געמאַכט די פאַרבאַרייטונגען צו בויען דעם בית המקדש, האָט ער זיך אָנגעשטרענגט אז עס זאָל אין דעם ניט זיין קיין יד גוים באמצע, קיין גוי'אישע מיטהילף, און ער האָט זיך אנטזאָגט אָנצונעהמען פון ארונה היבוסי די אָקסען און די דרעש־געצייג, וואָס ער האָט איהם פאַרגעשלאָגען פאַר קרבנות און פאַר האָלץ זיי מקריב צו זיין. דוד האָט גאַנץ דייטליך אנטזאָגט זיין אָנ־באָט: לא אעלה לה' אלקי עולות חנם (שמואל ב' כ"ד כ"ב) פאַר מיין גאָט זוך איך ניט קיין אומזיסטע קרבנות! און דעריבער האָט ער אין זיין שיר וועגען חנוכת הבית זיך אויסגעדריקט מיט אַ טאָפּעלטע שפּראַך „מזמור" און „שיר" — מזמור וועגען דעם חנוכת הבית, און שיר, ווייל דאָס איז געווען זיינע, דוד'ס אליין, און קיין גוי האָט אין דעם חלק ניט געהאַט.

און אין זיין באַגייסטערונג פון הייליגע פרייד זאָגט דוד המלך ווייטער: ארוממך די כי דליתני, איך לויב דיך, מיין גאָט, פאַר דעם וואָס דו האָסט מיך דערהויבען פון די פרעמדע נאַציאָנען, אז זיי זאָלען מיט אונז ניט האָבען קיין חלק אין דעם בנין בית המקדש, ולא שמחת

אויבי ל׳, אז זיי זאלען זיך ניט באטייליגען אין אונזער שמחה, ווארים חסד לאומים חטאת — דעם חסד וואס זיי טוען מיט אונז איז פאר אונז ניט קיין טובה, נאר א פעהלער, און דערפאר, אז זיי וועלען קיין חלק ניט האבען אין אונזער בית המקדש, וועלען זיי דורך איהם ניט האבען קיין זכות און דאס וועט זיין א פארזיכערונג, אז ער וועט מאריך ימים ושנים זיין און דערפאר: ד׳ אלקי שועתי אליך ותרפאני און אזוי ווייטער ביז צום ענדע פון קאפיטעל.

און מיט דעם געדאנק באלייכט החכם ר״א אשכנזי דעם מאמר הגדה:.. ואלו לא הוציא הקב״ה את אבותינו ממצרים, הרי אנו ובנינו ובני בנינו משועבדים היינו לפרעה. וואלט גאט ניט ארויס־גענומען אונזערע עלטערן פון מצרים, וואלטען מיר געהאט א פליכט, א התחייבות צו פרעה ביז אויף דעם היינטיגען טאג. ווארים אייגענ־טליך האט דאך גאט ב״ה געקענט אריינגעבען פרעה׳ן א געדאנק, אז ער זאל די אידען ארויסשיקען פון זיין לאנד מיט זיין גוטען ווילען, אבער גאט ב״ה האט עס ניט געטאהן, ווארים דאן וואלטען מיר גע־דארפט זיין דאנקבאר צו פרעה אזוי לאנג ווי מיר עקזיסטירען, פרעה וואלט אויך געהאט א זכות אין מתן תורה, ווארים דורכדעם וואס ער האט אונז געלאזט געהן דינען גאט ביים בארג סיני, וואלט דאס גע־הייסען, אז ער האט מיט אונז געטאהן א גרויסען חסד. און וואס מעהר מיר וואלטען געלערענט די הייליגע תורה, און וואס מעהר מיר וואלטען אפגעהיט די מצוות אלץ מעהר זכות וואלט דאס געוועזען פאר פרעה, ווייל ער איז דאך די סבה פון דעם, ווארים ער האט דאך אונז באפרייט און געגעבען אונז די געלעגענהייט מקבל צו זיין די תורה און די מצוות. דאס איז אבער א צו גרויסער זכות פאר פרעה׳ן, א זכות, וואס ער האט איהם גאר ניט פארדינט. דערפאר, אנשטאט זיין הארץ זאל ווייכער ווערען ווען משה מיט אהרן קו־מען ביי איהם בעטען רחמים פאר זייער פאלק, און ער זאל זיי אויפ־נעמען ווי עס האט געפאסט פאר זייער כבוד, און ער זאל זיי זאגען א גוט ווארט, וואס זאל קרעפטיגען זייער הארץ און זאל אין זיי אריינ־פלימען טרייסטונג, — אנשטאט דעם איז גאר (שמות ח׳ ט״ו) ויחזק לב פרעה ולא שמע אליהם, כאשר דבר ד׳ — פרעה׳ס הארץ האט זיך געשטארקט און ער האט זייערע ווערטער ניט געוואלט צו־

הערען. און נאכהער, אז ער איז עפ"י הדבור, דורך גאָט'ס באפעהל, און דורך די עשר מכות, וואָס ער און זיין פאָלק זיינען געשלאָגען גע־וואָרען, געצוואונגען געווען ביד חזקה ובזה"ע נטויה די אידען ארויס־צושיקען פון זיין לאנד, געגען זיין ווילען, דאן האָט ער אין דעם קיין זכות ניט, און מיר זיינען איהם קיין דאנק ניט שולדיג.

און די חכמי התלמוד (בבא בתרא יו"ד ע"ב) האָבען זאָגאר אונז פארבאָטען אז מיר זאָלען פון די אומות העולם אָננעמען צדקה, ווייל עס שטעהט אין פסוק (ישעיה כ"ז י"א) ביבוש קצירה תשברנה, אז עס וועלען אָפטריקענען די צווייגען וועלען זיי אָפגעבראָכען ווערען, וואָרים די אומות העולם טהוען מיט אונז ניט קיין צדקה, נאָר כדי זיי זאָלען קענען אויף אונז לענגער אָנהאַלטען זייער ממשלה.

און דערמיט איז רעכט וואָס דער פסוק זאָגט (דברים ל' ט') ונתן ד' אלקיך את כל האלות האלה על אויביך ועל שונאיך אשר רדפוך, כי ישוב ד' לשוש עליך לטוב כאשר שש על אבותיך — אלע קללות וועט גאָט ב"ה אוועקגעבען דיינע שונאים, און מיט דיר וועט ער זיך פרעהען, ווייל ביי דעם בנין פון די צוויי בתי מקדשות האָבען זיך אויך אונזערע שונאים געפרעהט, וואָרים זיי האָבען גע־האָט א זכות אין זייער בויען, דעריבער האָבען זיי זיך אויך געפרעהט ווען די בתי מקדשות אונזערע זיינען נמסר געוואָרען אין זייערע הענט, און זיי האָבען זיי חרוב און וויסט געמאַכט. אָבער לעתיד לבוא, ביים בויען דעם דריטען בית המקדש, שיבנה במהרה בימינו, וועלען אונזערע שונאים אין איהם ניט האָבען קיין שום זכות, קיין חלק, זיי וועלען מיט אונז ניט זיין קיינע שותפים אין אונזער הייליגקייט, און ניט האָבענדיג קיין זכות אין קיין כפרה, וועט אויף זיי פאַלען די אלע קללות און זיין ליבער נאָמען וועט אונז דערפרעהען מיט דעם בנין ירושלם, וואָס הייסט טוב, ווי די הייליגע חכמים אונזערע זאָגען אויפ'ן פסוק „על ההר הטוב הזה" אז „טוב" מיינט ירושלים, „כאשר שש על אבותיך" ווי ער האָט זיך געפרעהט מיט אייערע עלטערען ביי „מתן תורה", וואו קיינע אומות העולם האָבען זיך ניט באטהייליגט אין אינזער שמחה.

און דערפאר איז רעכט, וואָס מיר מאַכען יעדען טאָג די ברכה: „ברוך אלקינו שבראנו לכבודו, והבדילנו מן התועים, ונתן לנו תורת

אמת, וחיי עולם נטע בתוכנו — צום אלעם ערשטען האט ער אונז אפגעשיידט פון די וועלכע זיינען פאראירט, דאס זיינען די אומות העולם, אז זיי זאלען גאר ניט האבען צו טאהן אין אונזערע זכיות, און נאכהער, „וחיי עולם נטע בתוכנו” האט השי״ת אונז געגעבען די תורה, דעם אייביגען לעבען, ווייל מיר האבען ניט די גוים פאר קיין שותפים אין דעם, דעריבער איז עס א „חיי עולם”.

דאס איז א מוסר השכל געגען דעם מנהג דא אין אמעריקע, אז צו יעדער דבר שבקדושה, וואס קומט פאר ביי אידען, לאדט מען איין מענשען פון פרעמדע נאציאנען, אז זיי זאלען זיך באטהייליגען אין אונזערע שמחות, אין דער צייט וואס דער פראמינענטסטער גוי, בלעם הרשע האט שוין אונז מאל געגעבן דעם וואונדערליכסטן קאמפלימענט — מה טובו אוהליך יעקב, משכנותיך ישראל! — ער האט באוואונדערט די שעהנקייט וואס עקזיסטירט ביי די אידען אין זייערע בתי כנסיות ובתי מדרשות.

אבער א קללה פון גאט איז אויף אונז אט די ברכה דא אין אמעריקע. פינף שוהלען האבען מיר אין א בלאק, און אין זיי קומט פאר דער גרויסער נס וואס איז פארגעקומען ביי אונזער בית המקדש — עומדים צפופים — זיי, די שוהלען, שטעהען צונויפגעשפארט איינע ביי דער אנדערער, ומשתחוים רוחים — און די אידען אין די שוהלען זיינען זעהר באקוועם, ווייל זיי זיינען פוסט, עס איז ניטא ווער עס זאל זיי באזוכען און א יעדער דאווונער קען זיך פארגינען צו פארנעמען צוויי־דריי בענק. און וואס איז די ענדע פון דעם? — זעהר א טרויעריגע. די הכנסות זייערע זיינען ניט גענוג צו דעקען זייערע הוצאות און זיי פאלען אריין אין די הענט פון זייערע מארטגעדזשירערם, אדער זיי פארקויפען זיך פאר טשווירטשעס צו קריסטען.

דעם זעלבען סוף האבען ליידער פיעלע פון אונזערע אינסטיטוציעס, זיי קענען אויך קיין קיום ניט האבען, ווייל ביי דעם חנוכת הבית האבען זיי ניט געזארגט, אז מיר ישראל זאלען זיין פאר זיך בטח, ווען קענען מיר זיין בטח, נאר ווען מיר זיינען „בדד”, ווען מיר זיינען אליין, ווי אין פסוק שטעהט: די בדד ינחנו, ואין עמו אל נכר (דברים ל״ב י״ב) גאט פיהרט אונז אליין, ווען? נאר דאן, ואין עמו אל נכר, ווען מיר נעהמען ניט אריין קיינע פרעמדע עלעמענטען.

אזוי אויך דער אומגעלומפערטער מנהג, וואס עקזיסטירט דא אין אמעריקע אפצודינגען קריסטליכע טשוירטשעס פאר שוהלען וואו אידען זאלען דאוונען און גאט בעטען אין די היילינסטע טעג פון יאהר, אום ראש השנה ויום כפור. אזוי אויך די טהעאטערע און מוא־ווינג פיקטשורס פלעצער, וואס ווערען אפגעדונגען פאר אידען, אז זיי זאלען דארט געהן אויסבעטען א גוט יאהר, און א שנת ברכה וחיים פאר זיך און פאר זייערע פאמיליעס. און דער המון עם פאר־גאכלעסיגט די ריכטיגע שוהלען, וואס זיינען אפען דעם גאנצען יאהר, וואו מען דאווענט און מען לעהרענט יעדען טאג אין דער פריה און פארנאכט. און דאס רואינירט זייער עקזיסטענץ. — אזוי אויך אין אונ־זערע אידישע צענטערס איז יעדען מאנטאג און דאנערשטאג, אזוי גוט ווי שבת, ווערען איינגעלאדען רעדנער, דוקא קריסטליכע רעדנער, און דאס אלעס ווערט געטהאן מיט דעם הייליגען צוועק מקרב צו זיין לבם של ישראל לאביהם שבשמים...

אונזערע אינטעליגענטען האבען אויך א געוואוינהייט יעדעס יאהר פאר ראש השנה צו לויפען זיך בענשען און אויסבעטען א כתיבה וחתימה טובה ביי יעדען פאליטישען און כלומר'שט באריהמ־טע שרייבער, אז זיי זאלען בענשען דאס אידישע פאלק מיט א גוט יאהר, און זיי מאכען אונז צו חרפה און צו שאנדע, ווען די קאמעדי־אנטען זעהן מיט וואס פאר א רעספעקט מען בעט פון זיי א ברכה פאר די אידען, גלייך ווי זיי וואלטען געווען גרויסע רבנים און עהרלי־כע אידען יראים ושלמים. דאס אלץ ווייל אונזער אינטעליגענץ ליידט פון דעם אינפעריאריטי קאמפלעקס...

וכדי בזיון וקצף.

דער פסוק זאגט (דברים ז׳ י״ד) ברוך תהיה מכל העמים, לא יהיה בך עקר ועקרה — דו וועסט זיין געבענשט פון אלע פעלקער, עס וועט ניט זיין צווישען דיר קיין קינדערלאזער. איז דאך באמת א פראגע, וואס פאר א צוזאמענהאנג און וועלכען שייכות האבען די צוויי זאצען איינער צום אנדערען? אבער דאס קאן רעכט ווערען מיט דעם מאמר חז״ל: מפני מה היתה רבקה עקרה, כדי שלא יאמרו האומות ברכותינו שברכנו אותה אחותינו את היי לאלפי רבבה (בראשית כ״ד ס׳) עשתה פרי. — פאר וואס איז רבקה געווען אן עקרה? כדי

די אומות העולם זאָלען ניט קענען זאָגען אז אונזער ברכה וואָס מיר האָבען איהר געבענשט איז מקוים געוואָרען. דעריבער איז אונז גאָט ב"ה מבטיח לעתיד, אז אַבוואָהל די גוים וועלען דיר געבען זייער ברכה, פון דעסטוועגען וועט זייער ברכה דיר ניט זיין קיין שטערונג, און דו וועסט דאָך ניט זיין קיין עקר ועקרה.

זאָל גאָט העלפען, אז די ברכות פון אונזערע שונאים זאָלען פאַר אונז ניט פאַרוואַנדעלט ווערען אין קיינע קללות, און מיר זאָלען גע־בענשט ווערען מיט די ברכות פון גאָט ב"ה, דער מקור הברכה. אמן.

דרוש כד.

חנוכת וקדושת בית הכנסת

גדולה מקדש שנתנה בין שתי אותיות
שנאמר (שמות ט"ו ט"ז) פעלת ה' מקדש
ה'.
(ברכות ל"ב).

בויען א שוהל, א מקום תורה ותפלה, איז זעהר א הויכער און א טהייערער ענין און איז חשוב פאר השם יתברך. דאס איז איינע פון די גרעסטע זאכען, וואס אידען קענען אויפטהאן, וואס זאל זיין לרצון לד'. איז דאך דער מקדש מעט דער פלאץ וואו מענשען קומען אויסבעטען וואס זיי פעהלט, אויסגיסען זייער הארץ פאר השי"ת אין ליידען און דאנקען און לויבען צו השי"ת אין פריידען.

דער מקום מקדש האט אונז שטענדיג אויסגעהיט פון אונטער־גאנג און געראטעוועט פון כליה ח"ו. די שוהל האט אין אונז אריינגעפלאסען מוטה איבערצוטראגען אלע אונזערע צרות אין די פינסטערע צייטען. הייליג און טהייער איז ביי דעם כלל ישראל די שוהל פון אייביג אן.

ווען אבער איז די שוהל באליבט אויך ביי גאט ב"ה, ווען איז „אוהב ד' שערי ציון"? — זאגען די חז"ל: „שערים המצוינים בהלכה", נאר דאן איז די שוהל א נחת רוח פאר זיין ליבען נאמען, כביכול, אז זי צייכענט זיך אוים אין הלכה, אז דארט לעהרענט מען און מען איז אויך עוסק אין תורה ועבודה. אבער ליידער קלויבט הקב"ה גאנץ ווייניג נחת פון אונזערע שוהלען דא אין אמעריקא, וויל גאנץ אנדערש זיינען דא ליידער די כונות ביי דעם בויען שוהלען.

עס איז א באוואוסטער פאקט, אז עס טרעפט אמאל, אז מעמ־בערם אין א שוהל קריגען ניט די ריכטיגע „עליה", וואס זיי דענקען

אז זיי דארפען קריגען. צום ביישפיל, איינער קריגט „ששי" און ער האט געוואלט „מפטיר". ווערט גלייך א „מחלוקת", אין דער כלומרשט געקריוודעטער קריגט א צד און מען מאכט א נייע חברה, און מען דינגט א קראם פאר א שוהל, וועלכע מען רופט מיט'ן נאָמען „בית אלקים". דער נאמען איז א חשוב'ער, גאט'ס נאמען, און עס דארף מיינען, אז מען וועט געהן אין זיינע וועגען. איז די פראַגע צי זיינען שוהלען, וואס ווערען געבויט צוליב מחלוקת איבער עליות, אדער א ביסעל כבוד, לרצון פאר גאט ב"ה? איז דען באמת אן אונטערשיעד צווישען איין עליה און די אנדערע? קויפט מען א פלאץ אין מען בויט א שוהל, מיינט דאס, אז די התחלה און דער סיום איז לכבוד השי"ת. און דאן קויפט מען אן ארון קודש פאר א קאלאסאלע סומע, און דאס ווערט דאניטעד ביי דער לידים אָקזילערי. דאס געלט פאר דעם הייליגען פרוכת איז געשאפען געווארען דורך א טעאטער בענעפיט — מען האט, הייסט עס, אריינגעפיהרט גאט, כביכול, אין טהעאטער ער זאל זעהן ווי אונזערע אקטיארען מאכען חוזק פון אלעם וואס איז ביי אידען הייליג און טהייער! און מען אראנזשירט פרעכע בעלער, וואו עס טאנצען בחורים עם בתולות און מענער מיט פרעמדע פרויען — אלעם צוליב דעם ארון קודש מיט דער הייליגער תורה, אלץ לשם שמים . . .

נאכהער נעמט מען אריין א רב. מיינט איהר אפשר א איד א תלמיד חכם און ירא שמים? ניין, עס איז איינשטימיג אָנגענומען געווארען ביי א פול באזוכטען מיטינג, אז אזא איינעם זאל מען ניט אויפנעמען. איז דאס לכבוד השם? דאס איז נאר צוליב קנאה, שנאה און כבוד המדומה. און דאס זאגען די חז"ל: „גדולה מקדש שנתנה בין שתי אותיות" — גרוים איז די שוהל, דער מקדש, אבער זיין גרויסקייט דארף זיין אין דעם זין פון „פעלת ד' מקדש ד'", די גאנצע ארבייט פון אנפאנג ביז ענדע דארף זיין פון גאט'ס וועגען. אבער אויך מקדש, די הייליגקייט, דער ארון קודש און די אנדערע כלי קודש דארפען זיין לשם...

נאר דער העכסטער צוועק פון דער שוהל איז, אז אידען זאלען אין איהר לערנען און דאווענען אין דארט פארברענגען אין תורה און תפלה אזוי לאנג ווי יעדער איינער קען.

די גמרא אין ברכות (ח) זאָגט „איכא סבי בבבל", עס זיינען דאָ אַלטע לייט אין בבל? האָט ר' יונתן זיך געוואונדערט ווארום „למען ירבו ימיכם על האדמה כתיב", אריכת ימים קען זיין נאָר אין ארץ ישראל? נאָר אז מען האָט איהם דערצעהלט „דמקדמי ומחשכי לבי כנישתא, אמר היינו דאהני להו". אויב זיי פאַרברענגען אַ סך צייט אין שוהל, זאָגט ער דאָס האָט האָט זיי געהאָלפען זייער אריכות ימים.

מיר ווייסען, אַז גאָט ב"ה צאָהלט דעם מענשען מדה כנגד מדה, אַזוי ווי ער פיהרט זיך, אזוי ווערט איהם געצאָהלט, כידוע בשם הבעש"ט ז"ל — ה' צלך, השי"ת איז צו דיר אזוי ווי דער „צל", וואָס ח' אליין מאַכסט מיט דיינע מעשים. איז דאָך די פראַגע: וואו איז דאָ די מדה כנגד מדה? אָבער אַז מיר טראַכטען זיך אריין אין דעם ענין, געפינען מיר אויס, אַז אויך דאָ, אזוי ווי אומעטום, האַלט אוים דער כלל.

אַ איד קומט אין שוהל אריין דאַווגען, טרעפט אַמאָל אַז מען דאַרף צוואַרטען ביז עס ווערט אַ מנין, אָדער אַז דער בעל תפילה איז אביסעל מאריך, און דאָס דאַווגען דויערט מעהר ווי געוועהנליך. איז דאָס איהם שוועהר איבערצוטראָגען. ער קען אויפ'ן פּלאַץ ניט איינזיצען, עס דוכט זיך ווי דאָס וואָלט זיך געצויגען ניט מינוטען, נאָר יאָהרען. איז בעת עס קומט אין הימעל צו דעם מתפלל'ס חשבון, באַשטימט מען, היות ווי ביי איהם איז אַ פערטעל שטונדע זייענדיג אין שוהל פאַררעכענט פאַר אַ יאָהר, האָט ער שוין לפי חשבון זיין צאָהל יאָהרען אָפּגעלעבט.

איז ער אָבער אַ איד, וואָס דאָס פאַרברענגען אין שוהל איז ביי איהם אַ פאַרגעניגען, און אַז ער פאַרברענגט אין שוהל אַ שטונדע צייט דוכט זיך איהם, אַז עס איז ניט מעהר ווי אַ מינוט, איז אַז מען נעהמט אין הימעל דעם אידענ'ס חשבון, באַשטימט מען, אַז אזוי ווי זיין מינוט איז אַ שעה, איז זיין צאָהל יאָהרען נאָך ווייט ניט גע־ענדיגט, און ער דאַרף נאָך לאַנג לעבען.

דאָס איז וואָס דער תנא זאָגט: זיינען אויך אין בבל דאָ אַלטע לייט? איך האָב געדענקט, אַז בלויז אין ארץ ישראל איז מען מאריך ימים. אָבער אַז ער האָט געהערט, אַז ביי זיי איז אַ פאַרגעניגען צו פאַרברענגען פיל צייט אין שוהל, און די צייט איז זיי גאָרניט צו

לאנג, זאָגט ער, אויב אזוי, איז שוין גאָר קיין וואונדער ניט וואָס זיי עלטערען זיך, ווייל דאָס איז דאָך א מדה כנגד מדה. אזא שוהל, וועלכע איז נישט געשטעלט אויף בלויז פופציג אקער סעמעטערי, נאָר אויף תורה און תפילה, זיינען ביידע, אי די שוהל ווי אויך די מעמבערס מיט די באמטע מאריך ימים.

דרוש כה.

להטבת מצב הרבנים

השם גבולך שלום חלב חטים ישביעך.
(תהלים ק"מ).

ווען נאָט ב"ה גיט א מזל ברכה, ווען די שוהלען, די בתי מדרשים און די אינסטיטוציעס האָבען גענוג „חלב חטים", זיי זיינען פאַר־זאָרגט מיט גענוג הכנסה וויפיעל זיי דאַרפען און זיי ווייסען ניט פון קיין דוחק פון סעקאַנד און „טויט„ מאָרטגעדזשעס, דאן איז אויך „גבולך שלום", איז אויך א שעת ברכה און א גוטע צייט פאַר די רבנים און כלי קודש, זיי באַקומען זייער געהאַלט אין צייט, און זיי זיינען ניט געצוואונגען צו ליידען דחקות און נויט, וועלכעס שטערט דעם שלום בית, ווי די חז"ל זאָגען „כד מישלם שערי מכדא, נקיש ואתא תיגרא בביתא".

די גמרא ברייגגט אין סוטה (דף מ"ט ע"ב) אז צום סוף פון גלות בעפאָר משיח וועט קומען וועט עפּעס אויסערגעוועהנליכעס פאַר־קומען אויף דער וועלט: בעקבתא דמשיחא, חוצפה יסגא, והיוקר יאמיר, הגפן תתן פריה והיין ביוקר, ומלכות תהפך למינות ואין תוכחת, בית ועד יהיה לזנות והגליל יחרב והגבלן ישום ואנשי הגבול יסובבו מעיר לעיר ולא יחוננו, וחכמות סופרים תסרח ויראי חטא ימאסו, והאמת תהא נעדרת, נערים פני זקנים ילבינו, זקנים יעמדו מפני קטנים, בן מנול אב, בת קמה באמה, כלה בחמותה, אויבי איש אנשי ביתו, פני הדור כפני הכלב, הבן אינו מתבייש מאביו, ועל מה לנו להשען, על אבינו שבשמים.

מיר זעהען ליידער בחוש אז אלעס וואָס די חכמים האָבען גע־זאָגט מיט בייגאהע צוויי טויזענד יאָהר צוריק, אלץ איז ביז צום העכסטען פונקט מקוים געוואָרען. מיט זייערע לויכטענדע קרישטאַ־לענע אויגען האָבען זיי ווי אין א בוך אריין געקוקט און פון איהם

ארויסגעלייענט אלעס וואס עס וועט פארקומען אין שפעטערע צייטען, און ווי א געטליכע נבואה וואלט רעדען פון זייער היילעגען מויל, אלעס איז געשעהן ווי זיי האבען געזאגט, עס איז א האר ניט געמינערט געווארען: **דער זון מאכט דעם טאטען צו שאנד און צו** שפאט, א טאכטער רעוואלטירט געגען איהר מוטער, וואס די מוטער זאל ניט זאגען זאגט זי ריכטיג פארקעהרט, אן ערליכען אידען לאכט מען אוים און מען רופט איהם פאנאטיקער, אלט מאדישער און זאגאר משוגע'נער, ווי דער נביא קלאגט: וסר מרע משתולל, ווייל אימיצער ניט זינדיגען זאגט מען ער איז משוגע, עס איז ניטא ווער עס זאל זאגען אווארט מוסר און שטראף רייד, ווייל אלע זינדיגען און איינער איז ניט בעסער פאר'ן אנדערען, זאל איינער וועלען אויפמערקזאם מאכען דעם צווייטען אויף אן עבירה, וואס ער האט געטאהן וועט איהם דער צווייטער ענטפערען „מיינד יור אן ביזנעס", דו טהוסט גרעסערע עבירות, דו ביזט א גרעסערער חטאת, כשאומר לו טול קיסם מבין שיניך אומר לו טול קורה מבין עיניך!

וואס מיר דארפען נאר פארשטעהן איז, ווער איז דאס דער „גבלן" און ווער זיינען די „אנשי הגבול" וואס איז אויף זיי נגזר געווארען אז זיי זאלען וואנדערען פון שטאט צו שטאט און קיינער וועט אויף זיי קיין רחמנות ניט האבען.

ווי באוואוסט ווערט א מענש געבוירען אן „עיר פרא" מיט א חיה'שען אינסטינקט, זיינע זיטען זיינען פארדארבען, ער איז אימער געניינגט צו טהאן שלעכטס, וואס ניט גוט איז, וואס גאט און לייט ווילען ניט ליידען. „וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום", און צו זיינע ליידענשאפטען איז גאר קיין גרעניץ נישטא. אבער געגען אט די שלעכטע נייגונגען וואס דער מענש איז מיט זיי געבוירען, האט קודשא בריך הוא אונז געגעבען א תורה, א היילינע און א תורת אמת וחיי עולם, וואס זי גיט אויף אונז אכטונג און פאסט אויף אונז אויף, אויף יעדען טריט און שריט, און ביי יעדען קעהר און באוועגונג וואס מיר מאכען, זאגט זי אונז דאס טהו יא און דאס טהו נישט, זי האט אונז באשטימט „גבולים" גרעניצען, אזוי ווייט מעגסטו געהן און נישט ווייטער, את זה תאכלו, ואת זה לא תאכלו, דאס מעגט איהר עסען, און דאס טארט איהר ניט עסען, א גבול!

ששת ימים תעבוד, וביום השביעי — תשבות, — זעקס טעג אין דער וואָך מעגט איהר ארביטען, אָבער דעם זיבעטען טאָג מוזט איהר רוהען, ווידער א גרעניץ, אזוי האָט הקב"ה געצייכענט „גבולים" אין יעדער הינזיכט און ביי יעדער אנגעלעגענהייט וואָס קומט אונז פאָר אין לעבען, פאַר אונזער אייגענעם וואוילזיין — אלה הדברים אשר יעשה אותם האדם „וחי בהם". די גרעניצען פון דער תורה האָבען געצאַמט די חיה אין מענש, האָבען אונזער כאַראַקטער גע־לייטערט און געאיידעלט, און שאפען אונז אורך ימים ושנות חיים.

אזוי זאָגט דער רמב"ן ז"ל אויף דעם פסוק קדושים תהיו, „קדש עצמך במותר לך" אפילו בדבר המותר, א זאך וואָס דיר איז ער־לויבט צו טאָהן, טהו דאָס אויך מיט אַן אויסרעכענונג און איידעל. וואָרום אייגענטליך קען דאָך אפילו א איד וואָס ער פיהרט זיך לויט די רעגעלען פון דער תורה, אויך זיין א נבל א פאַסקודניאַק, ווי דער רמב"ן רופט עס אָן א „נבל ברשות התורה". דאָס פאַמיליען לעבען צום ביישפיעל פון מאן און פרוי איז ניט נאָר דערלויבט, נאָר עס איז נאָך א מצוה, "פרו ורבו", פונדעסטוועגען דאַרף דאָס אויך זיין מיט א מאָס, נישט זיין א שטוף, ווי א גראָבער בעל תאוה'ניק... און אַמאָל ווען ביי אידען איז ערלויבט געווען צו האָבען עטליכע ווייבער, פאַר'ן חרם דרבנו גרשום, איז אודאי געווען נויטיג א שטי־קעלע צוים, שלא יהיו מצוים אצל נשותיהם כתרנגולים... קדושים תהיו, א מענש זאָלסטו זיין. דאָס זעלבע מיט פלייש און וויין, א איד מעג עסען פלייש און טרינקען וויין, אָבער עס און טרינק ווי א מענש, אָבער ניט „פרעסען" און „זויפען" ווי א „זולל וסובא". א מענש, איז ערלויבט צו ריידען, אָבער קדושים תהיו — רעד נישט קיין נבול פה ווי א מנוול... דאָס זיינען אלץ אזעלכע זאכען וואָס געגען זיי איז קיין איסור ניטאָ, אָבער על כגן דאָ נאמר, אויף דעם זאָגט דער פסוק „קדושים תהיו", אייער באַנעהמען זיך זאָל זיין מענשליך מיט איידעלקייט און קדושה.

ביז יעצט האָבען מיר גערעדט וועגען דעם גבול וואָס עס איז דאָ ביי זאכען וואָס זיינען מותר צו טאָהן, עס איז אָבער אויך דאָ א גבול ביי זאכען וואָס זיינען פאַרבאָטען צו טהאָן. דערפאַר איז פאַראַן זאכען וואָס זיינען ערלויבט פאַר דעם תלמיד חכם, דעם ער־

ליכען איד, אָבער אסור לאומרם בפני עם הארץ, דעם עם הארץ און דעם אומוויסענדען טאָר מען דאָס נישט מגלה זיין, ווייל „לא עם הארץ חסיד" אַן עם הארץ איז ניט ענטוויקעלט געגוג, און קוים וועסטו איהם עפּעס דערלויבען, וועט ער ניט וויסען אַז עס איז דאָ צו דעם אַ גבול, און ער וועט אוועק צו ווייט, און ער וועט מתיר זיין את האסור, און אסר'ן את המותר.

אויף אַזאַ וועג זאָגט דער „אור החיים" הקדוש אויף דעם פסוק אם בחקותי תלכו (ויקרא כ"ו ג') זאָגט רש"י הקדוש „שתהיו עמלים בתורה", אַז איהר זאָלט לערנען די תורה, איז דאָך באמת אַ קשיא, דער פסוק זאָגט דאָך אויסדריקליך „אם בחקותי תלכו", האַנדעלט זיך דאָך דאָ וועגען חוקים, אין וועלכע מען זאָל געהן, טאָהן הייסט עס, און רש"י רעדט גאָר וועגען לערנען תורה. זאָגט דער „אור החיים" ז"ל אַז רש"י איז גאַנץ גערעכט, ווארום באמת איז דער „אם בחקתי תלכו" אָהן דעם „שתהיו עמלים בתורה" גאָרנישט ווערטה, ווייל „לא עם הארץ חסיד", דער עם הארץ קען ניט און וויס ניט ווי אַזוי אָפּצוהיטען זיך פון איסור, און ווי אַזוי זיך צו באַנוצען מיט'ן היתר. און ער בריינגט אַ געשיכטע מיט אַן עם הארץ וועלכער איז געווען זעהר פרום, האָט ער געהערט אַז עונת תלמידי חכמים איז מליל שבת ללילי שבת, האָט ער דאָס שטרענג אָפּגעהיט, אַזוי ווייט אַז ער האָט געהאַלטען דאָס יום כפור איז נאָך אַ פיעל גרעסערע מצוה מקיים צו זיין מצות עונה... ווייל יום כפור איז דאָך שבת שבתון.... דאָס מיינט רש"י אם בחקתי תלכו, אויב איהר ווילט געהן אין גאָט'ס וועגען, וויסען וואָס איז אַ מצוה און וואָס איז אַן עבירה, קען נאָר דאַן זיין „שתהיו עמלים בתורה" אַז איהר וועט לערנען די תורה. און אונזער תורה לערענט אונז צו געהן אין אַ מיטעל וועג, דער „דרך הממוצע", דער גאָלדענער וועג.

די חכמי המשנה, אונזערע הייליגע תנאים, האָבען שוין דאַן נאָך אין זייערע צייטען געזעהן מיט זייערע ליכטיגע אויגען אַז איי־דען געהן אַראָפּ פון דעם דרך התורה, דעם דרך הממוצע, און פאַר־קריכען אויף זייטיגע וועגען, דער רעכטער (דער פרומער קלאָס) געהט עקסטרים רעכטס און דער לינקער (דער ראַדיקאַל) געהט עקסטרים לינקס, און סיי די רעכטע און סיי די לינקע טרעטען אַריבער דעם

גרעניץ־פונקט וואָס אונזערע וועג ווייזער, די ראשונים, האָבען פאר אונז אָנגעצייכענט.

און אז עס קומען די רבנים און דרשנים און ווילען טאָהן זייער היילינע פליכט, און ווייזען אָן דעם „גבול" ווי ווייט מען מעג זיך מקיל זיין אָדער ווי ווייט מען דארף מחמיר זיין, און צו גלייכער צייט לאָזען זיי אויך וויסען אז דער דרך התורה איז דער גאָלדע־נער מיטעל וועג, און דאָס איז דער דרך הישר אין וועלכען א איד דארף געהן, זיינען זייערע ווערטער גאָרניט אָנגעלעגט, ניט ביי די פרומע און זיכער ניט ביי די פרייע, ווארום די ערשטע וואָלטען צופרידען זיין אז מען זאָל אסר'ן אפילו די טויב, אין דער צייט וואָס די לעצטע וואָלטען פארלאַנגען אז מען זאָל זיי מתיר זיין אפילו דעם עורב — די קראָע. אל תסג גבול עולם אשר גבלו ראשונים!

עס איז א טאָג טעגליכע ערשיינונג וואָס מיר אלע זעהען, אז מיר זיינען אראָפּ פון'ם דרך המלך, דעם מיטעל וועג, און מיר האָ־בען אָנגענומען דעם „עקסטרים". צום ביישפּיעל אין דער פראגע פון כשרות דאָ אין לאנד קומען רבנים און אסר'ן וואָס עס איז באמת מותר, און געגן זיי קומען אנדערע „רבנים" און זיינען מתיר אזעל־כעם וואָס איז ווירקליך אסור. און דורך די מחלוקת'ן וואָס האלט אָן אין גאנצען לאנד און אין יעדע שטאָט פון נויאָרק ביז סאַן פראנציסקא, זיינען מיר געקומען צו דער מדרגה פון „ואנשי הגבול יסובבו מעיר לעיר ולא יחוננו". רבנים מובהקים, יראים ושלמים, אויטאָריטעטען אין זייער פאך, וועלכע ווערען אָנגערופען „אנשי הגבול" וואנדערען פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, פון סאָסייטי צו סאָסייטי, מיט גאָט'ס וואָרט אין זייער מויל, אָבער קיי־נער קוקט זיך אויף זיי ניט אום, קיינער שיינקט זיי ניט קיין אויפ־מערקזאַמקייט און זייערע ווערטער בלייבען א קול קורא במדבר.

ונערים — המנוערים מן המצוות, דער יונגער דור וואָס האָט זיך אזוי דערוויטערט פון אידישקייט און פון אלעם וואָס עס איז היילינ דעם יודענטום. פני זקנים — זקן, זה שקנה חכמה — ילבינו, לאָ־כען זיי נאָך אוים און פארשפּאָטען זיי. און זייער מאַטעריעלע לאגע איז זעהר א טרויעריגע, א קאטאסטראָפאלע, ערגער ווי דעם איינ־פאַכסטען פּראָסטען ארבייטער.

וואָס איז אייגענטליך די אורזאך פון דעם קלאָגעדיג טרויערי־גען צושטאנד פון די רבנים די אנשי הגבול? „מחלוקת" איז דער ענטפער! דאָס האָט מחלוקת גורם געווען, ווי עס זאָגען אונזערע חז"ל „מחלוקת אחת דוחה מאה פרנסות", איין מחלוקת׳ל שאדעט צו הונדערט פרנסות.

אזוי האָט די תורה געמאכט א גבול פאר דעם ארבייטס־געבער וואָס דינגט א אידען פאר איהם צו ארבייטען, און פארזאָגט איהם: לא תעבוד בו עבודת עבד, זאָלסט מיט איהם ניט ארבייטען ווי מיט אן איינפאכען קנעכט לא תרדה בו בפרך, דו זאָלסט מיט איהם ניט צו שווער ארבייטען, ביומו תתן שכרו, זאָלסט איהם באצאָהלען זיין לוין אין דעם זעלביגען טאָג, און נאָך אנדערע אזהרות וואָס דער אר־בייטסגעבער איז אָנגעזאָגט געוואָרען וואָס אנבעלאנגט דעם ארביי־טער. מיט די אויספיהרונג פון דיזע פאראָרדנונגען וואָלט נישט געווען קיין פלאץ פאר סאָציאליזם, פאר קאָמוניזם און פאר א קלאסען קאמפף, אָבער דאָס וואָס דער פאבריקאנט טרייבט דעם ארבייטער און זיין ארבייט איבער די מענשליכע קרעפטען, ער וויל ארויס קרי־גען דעם מאקסימום ארבייט און באָצאָהלען דערפאר דעם קלענסטען לוין, דם מינימום, דאָס האָט געבראכט צו די שטענדיגע דויערנדע צאנקערייען און רייסערייען צווישען דעם פראָלעטאריער און קאפי־טאליסט; און ביידע דער פראָלעטאריער אזוי גוט ווי דער קאפיטאליסט געהען ניט אין דעם מיטעל וועג נאָר איינזייטיג עקסטרים, דאָס האָט פאראורזאכט וואָס די גאנצע נידעל טרייד, אלס ביישפיעל, איז רו־אינירט געוואָרען, און אנשטאָט וואָס זי איז פריהער אין גאנצען גע־ווען ביי אידען אין די הענט איז דאָס אריבער אין די הענט פון איטאל־יענער און כינעזער, און צעהנדליגע טויזענדער אידישע ארבייטער זיינען געבליבען אָהן ארבייט און אָהן פרנסה, ווייל ביידע פארטייען זיינען געווען עקסטרים אין איין זייט, און האָבען זיך ניט געקענט דערהויבען פון זייערע קליינליכקייטען אז זיי זאָלען זיך דערנעהנ־טערין איינע צו די אנדערע און זאָלען שליסען א שלום, א שלום וועלכער זאָל זיין באזירט אויף צופרידענשטעלענדע באדינגונגען פאר ביידע צדדים. אל תסג גבול עולם אשר גבלו ראשונים!

והגבלן און דער „גבלן", דאָס איז דער אויטאָריטעט וואָס צוי־

כּענט אָן די גרעניצען פאר יעדע אנגעלעגענהייט אין דעם אידישען לעבען און פאר יעדע פּערזאָן, פּאר דעם ארבייטס-געבער אזוי גוט ווי פאר דעם ארבייטער, און זאָגט זיי עד פּה תבוא ביז אהער געהט און ניט ווייטער, אַט דער פּערזאָן וואָס דארף זאָגען דעם אידען ווי ער זאָל זיך פיהרען סיי אין זיין מאַטעריעלען לעבען סיי אין זיין גייסטיגען, אַט דער רב וועלכער הייסט אויך „גבלן", דער באַצייכענער פון די גרעניצען, „ישום" ער וועט זיין פארוויסט, ער ליידט דורכ־דעם זעהר שטאַרק, איהם באריהרט דאָס אין זיין עקזיסטענץ, אין זיין לעבען, פּשוטו כמשמעו.

היוצא לנו מזה: אַז די רבנים און כלי קודש ווערען אָנגערופען „אנשי גבול", און גבלן, און דאָס איז דער פּשט פון פּסוק „השם גבולך שלום", אויב עס וועט הערשען שלום צווישען די אנשי הגבול, אויב עס וועט הערשען שלום און פרידען צווישען די רבנים און די אידישע וואָרט־פיהרער, עס זאָלען ניט זיין אזויפיעל באזונדערע אגודות און עס וועט ניט עקזיסטירען אזא גרויסער חלוקי דעות צוויי־שען זיי, דאַן וועט אויך זיין „חלב חטים ישביעך", וועט זייער לאַגע אויך זיך פארבעסערען, זיי וועלען אויך לעבען בכבוד ווי עס קומט זיי און זייער איינפלוס וועט האָבען אַ גלענצענדע ווירקונג.

אל תסג גבול עולם אשר גבלו ראשונים! השם „גבולך" שלם חלב חטים ישביעך!

דרוש כו.

רבנות חכמה און דרשנות

איסי בן יהודה היה מונה שבחן של חכמים וכו'. ר' יהודה חכם לכשירצה. (גיטין ס"ז ע"א).
חמרא וריחני פיקחין. (יומא ע"ו ע"ב).

אין אמעריקע איז איינגעפיהרט, אז דער רב, וואס ווערט אויפ־גענומען אין א קאנגרעגיישאן אדער א חברה, דארף ער אויך זיין א בעל דרשן, און אין זיין קאנטראקט ווערט איינגעשריבען, אז ער דארף ריידען יעדען שבת נאך „קריאת התורה" און בייטאג — בעפאר מנחה, אויך זונטאג, שבת שני של גליות, בין מנחה למעריב. אנדערע שוהלען די מהדרים מן המהדרים פארפליכטען זייער רב צו דרשנ'ען יעדען טאג.

איז עס דאך זעלבסטפאשטענדליך, אז ניט אלע מאהל קען דעם עולם געפעהלען די דרשה, ווארים ער מוז דאך זאגען, צי ער האט וואס צו זאגען צי ניין. טרעפט אמאהל, אז ער האט גאר קיין צייט ניט געהאט צו טראכטען וואס ער זאל זאגען. ער איז דאך אבער געצוואונגען צו האלטען דעם אפמאך — זאגט ער. און עס טרעפט אמאהל, אז דער דרוש געלינגט ניט. שטעהט זיך א איד אן דער זייט, גיט א מאך מיט'ן האנד און זאגט: „עס איז נישט גוט! ער איז גאר קיין רב ניט..."

עס זיינען אויך פאראן שוהלען וואס מיט דעם רב ווערט ניט אפגעשריבען קיינע באשטימטע צייטען ווען ער מוז רעדען, ער רעדט ווען איהם ווילט זיך. אין דעם פאל קען שוין דער רב צו־גרייטען א ריכטיגען דרוש. ער האט צייט מחדש צו זיין חידושים אין הלכה און אין אגדה, און די וואס הערען זיך צו צו זיין דרשה,

באוואונדערען איהם און זאָגען, אַט דאָס איז אַ חכם, ער זאָגט דאָך גוואַלדיגע חדושי תורה, זיין זאָגען איז דאָך עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס.

פאַרוואָס האָט ער טאַקע אַזוי אויסגענומען מיט זיין רעדע? איז די ערשטע אורזאַך, ווייל מען הערט איהם ניט צו אָפט, איז דאָס אַ נייעס, אַ נאָוועלטי, און דער עולם גלייכט נייעס. און די צווייטע אורזאַך איז, ווייל ער אַליין באַשטימט ווען ער זאָל רעדען און ער האָט גענוג צייט צו באַטראַכטען וועגען וואָס און ווי אַזוי ער זאָל רעדען. איז דאָס אַ זעלבסטפאַרשטענדלכע זאַך, אַז דער דרוש איז גוט, און וועגען אַזאַ רב זאָגט דער עולם זיינע מבינות אַז ער איז אַ חכם.

דאָס דערצעהלען אונז די חז״ל: „ר׳ יהודה חכם לכשירצה״, איסי בן יהודה האָט גערעכענט די מעלות טובות, די גרויסקייט פון די געלעהרנטע, און ר׳ יהודה האָט ער באַצייכענט פאַר אַ חכם. וועט אפשר איינער פרעגען, פאַרוואָס איז גראָדע ר׳ יהודה אויסדערוועהלט געוואָרען פאַר דעם חשוב׳ען טיטול „חכם״? איז ער דען געוועזן דער גרעסטער חכם פון זיי אַלעמען? זאָגט איסי בן יהודה: ווייסטו פאַרוואָס איך האָב באַשטימט אַז ר׳ יהודה איז אַ חכם? גאַנץ איינפאַך. „לכשירצה״, ווייל אין זיין אָפּמאַך איז ניטאָ קיינע באַשטימטע צייטען ווען ער דאַרף און מוז זאָגען אַ דרשה; רעדט ער נישט ווען דער פּרעזידענט צווינגט איהם צו רעדען, נאָר דאַן ווען ער וויל און ווען ער האָט צוגעגרייט אַזעלכע חידושי תורה, וואָס זיינען ווערט מען זאָל זיי זאָגען. ביי אַזאַ פּריוויליגירטען רעדנער איז ניט קיין וואונדער אויב זיינע דרשות שטעלען צופרידען.

אַז אַ רעדנער און אַ דרשן דאַרף זיין אַ חכם, אַ פּיקח, האָב איך געזעהן אַ טייער וואָרט בשם הצדיק הרש״א אל פאַנדרי זצ״ל מירושלים עיה״ק ת״ו, אויף דעם מאמר חז״ל (יומא ע״ו ע״ב): „חמרא וריחני פיקחין״ — וויין און בשמים מאַכען קלוג.

וויין און בשמים זיינען צוויי קאָנטראַסט עלעמענטען וואָס אַנבאַלאַנגט צו ריידען. ביי בשמים געפינען מיר: „כשהוא שוחק״ בשעת מען שטויסט די פאַרשידענע געווירצען פאַר די קטורת, אומר, דאַרף מען האַלטען אין איין זאָגען אָן אַן אויפהער, הדק היטב, היטב הדק.

פארוואס? מפני שהקול יפה לבשמים, ווייל רייִדען איז גוט פאר בשמים.

ביי וויין אָבער געפינען מיר פונקט דאָס פאַרקעהרטע. כשם שהדיבור יפה לבשמים, כך הדיבור רע ליין (מנחות פ"ז ע"א) פונקט אזוי ווי דיבור איז גוט פאר בשמים, איז עס אָבער שלעכט פאר וויין.

און דאָס איז אַן אָנווייזונג צו די „פיקחים", די חכמים, וועלכע דארפען רייִדען צום פאָלק. אז אמאָהל איז „עת לדבר" אזוי ווי „בשמים", וואָס דער דיבור איז גוט פאר זיי, און אמאָהל איז אַן „עת לחשות" אזוי ווי דער „דיבור" איז מזיק פאר „חמרא". די אנטשיידונג ליגט אין די הענט פון די „פקחים".

דעריבער איז רש"י מפרש אויף „חכם לכשירצה" כשהיה רוצה להיות מתון ומתיישב בדבריו היה חכם. וואָס אין פלוג קוקט עס אוים א קנאַפּער קאָמפּלימענט פאר ר' יהודה'ן, אָבער לויט ווי מיר האָבען אויבען דערמאָנט, קומט שוין אוים ריכטיג. דאָס מיינט, אז ר' יהודה איז באַזעסען אָט די מעלה פון חמרא וריחני. ווען יאָ צו זאָגען און ווען צו שווייגען . . .

גאַנץ אַנדערש איז אָבער די לאַגע פון דעם רעדנער, וואָס זיינע צייטען צום רעדען זיינען באַשטימטע, פער קאָנטראַקט, ער איז שוין נישט אין דער לאַגע אַלע מאָהל צופרידען צושטעלען זיין פובליקום צוהערער און דערפאר איז ניט אַלעמאָל זאָגט מען אויף איהם אז ער איז א חכם.

*   *
*

דאָ איז כדאי זיך אָפּצושטעלען און באַטראַכטען די ערשיינונג פון רייִדען און דרש'נען, וועלכע האָט זיך בדורנו אנטוויקעלט צו דער העכסטער מדריגה און כמעט די גאַנצע גרויסקייט פונם רב ווענדעט זיך אין זיין כח און טאַלאַנט צום רייִדען, מעג ער זיין בקי אין ש"ס בבלי וירושלמי, ספרא ספרי ותוספתא, און אַלע ראשונים ואחרונים: בעל פה, און א מושלם בכל המעלות ומדות שמנו חכמים. איז ער נאָך

אלץ נישט קוואליפיצירט צו פארנעמען א בכבוד'דיגע שטעלע און זיין פארזארגט מיט פרנסה בריוח, סיידען ער האט א געשליפענע צונג און קען שעהן רעדען און דרש'ענען, דאן דארף ער שוין מער נישט ליידען קיין דחקות.

די ליצני הדור זאגען דערויף, אז די תורה האט דערויף מרמז געווען אין די ווערטער: 'ויאמר ד' למשה: לך „רד" כי שחת עמך! — גיה משה און „רייד" און גענוג.

פריהער האסטו טאקע געדארפט קענען קלאהר אלע ארבעה שולחן ערוך'ס, ווייל די אידען האבען דאך געזאגט, „נעשה ונשמע", נו„ אויב דער „נעשה" עקזיסטירט אין פראקטיק, דארפסטו קענען פסק'־ ענען שאלות איסור והיתר און זיין בקי אין שאלות נשים, און אינ'ם חושן משפט, א. א. וו. אויב אבער „שחת עמך", דאס פאלק האט זיך פון דעם „נעשה" אפגעווארפען און גאר געשריגען קום „עשה" לנו אלהים אשר ילכו לפנינו, א קאנטראסט צו דעם „נעשה" וועלכען זיי האבען ביים בארג סיני באגייסטערט אויסגעשריהען, דאן איז שוין נישט איבערגעבליבען נאר דער „נשמע", דעריבער זאגט השי"ת צו משה'ן: לך 'רד", עס איז בלויז געבליבען דער טהייל . . .

פון ריידען וועלן זיי כאטש מקיים זיין א העלפט דעם „נשמע". א רב אויף צו פסק'ענען שאלות איסור והיתר דארפען זיי שוין נישט, ווייל דער „נעשה" איז שון נפגם געווארען . . .

איך אבער האלט, אז דאס איז גאר נישט קיין וויץ, נאר טאקע א ווירקליכע ווארהייט. ווי מיר זעהען פון מדרש (דב"ר ואתחנן) אויפ'ן פסוק: ועתה ישראל שמע אל החקים ואל המשפטים. משל למלך שנתן שתי כתרים לבנו ואבד אחד, ולא נשאר לו כי אם כתר אחד. אמר לו המלך, עתה הוי זהיר בכתרך שנשאר לך, מאחר שכבר אבדת האחד. כך ישראל, היה להם שני כתרים „נעשה ונשמע", ובחטא עשיית העגל אבדו כתר אחד שהוא „נעשה", ולא נשאר להם כי אם „נשמע". על כן מזהיר להם הקב"ה ועתה ישראל „שמע" שעתה תראה על כל פנים לשמור את כתרך הנשמע שנשאר בידך.

עס איז א משל צו א מלך וועלכער האט פרעזענטירט זיין זוהן מיט צוויי קרוינען, האט דער זוהן פארלוירען איינע פון זיי. האט איהם

דער מלך געזאָגט, אַז איצט זאָל ער שטאַרק היטען די איבערגעבלי־בענע קרוין. אזוי אויך האָט ישראל געהאַט צוויי קרוינען „נעשה" און „נשמע". צוליב דעם חטא פון מאַכען דעם עגל האָבען זיי פארלוי־רען איין קרוין פון „נעשה" . בעט השי"ת ביי זיי: ועתה, ישראל, „שמע אל החוקים וכו', היט כאָטש איצט שטאַרק די איינציגע קרוין וועלכע איז אייך געבליבען, דעם „נשמע"!

פון דאַנען זעהען מיר, אַז מען דאַרף דאָס „ריידען" גאָרנישט גרינגשעצען. דאָס איז די איינציגע קרוין, וועלכע איז נאָך געבליבען גאַנץ אין אונזערע הענט, און מען דאַרף דאָס היטען ווי דעם שוואַרצ־אַפּעל פון אויג.

איבערהויפּט בדורנו וואָס צו לעהרנען אָדער אריינקוקען אין א ספר קומט אָן גאַנץ שווער, צוליב טרדת הפרנסה, און מעומק המושג וקוצר המשיג, איז אודאי א חוב, אַז קיין איד זאָל נישט פאַר־פעהלען אריינצוכאַפּען זיך אין א בית המדרש אָדער א שוהל צו הערען א גוט וואָרט פון א רב אָדער א מגיד א ירא שמים און א בעל מדות.

דער בעל שם הקדוש געהט נאָך ווייטער און וואָרענט דאָס אפילו דער מענש, וועלכער לערענט אַליין און קוקט אין א ספר, דאַרף אויך מקיים זיין דעם „נשמע", ווייל עס שטעהט אין דער תורה: „ויאמר ד' אל משה, כתוב זאת זכרון בספר ושים באזני יהושע", דאָס אַלס א צוגאָב צום אריינשרייבען דאָס פאַר א זכרון אין א ספר, זאָל ער אויך „ריידען" צו יהושע פה אל פה. ואינו דומה שמיעה לראיה, ווייל דאָס אריינקוקען אין ספר קען ניט האָבען די נעהעריגע ווירקונג און ברענגען די פולשטענדיגע התעוררות. ווייל דאָס איז אין דער בחינה פון „נעשה", וועלכער איז נפגם געוואָרען און בעוה"ר פארלוירען געגאַנגען. אָבער אַז מען „הערט" אָט די זעלבע הייליגע ווערטער, ווירקט עס, ווייל די קרוין פון „נשמע" איז געבלי־בען אומבאַריהרט.

דעריבער איז א בכבוד'יגע חברה מיט בכבוד'יגע מעמבערס האַל־טען שטענדיג זייער רב בכבוד. אויב ס'טרעפט אפילו אמאָל, אַז זיין רעדע איז ניט קיין געלונגענע. ווייל די חכמי התלמוד האָבען אונז גע־לעהרענט: „בזמן שהמצנפת בראש כהן גדול, עטרה בראש כל

אדם", אַז דאָס היטעל איז אויפ'ן קאָפּ פון כהן גדול, איז די קרוין אויף דעם קאָפּ פון יעדען מענשען, וואָס דאָס איז אַ מוסר השכל, אַז יעדערער זאָל נוהג כבוד זיין דעם רב פון זיין חברה, זאָל שעצען און רעספּעקטירען דעם תלמיד חכם.

דער „דמשק אליעזר" ערקלעהרט דעם מאמר: נעמליך, דער יחיד אַזוי גוט ווי דער רבים, זאָל זיך באַנעהמען מיט ווירדע נעגען זייער רב. אַ רב אין אַ שוהל, אויב די מעמבערם רעספּעקטירען איהם און האַלטען איהם אויס מיט אַלע זיינע הצטרכות בכבוד, און זעהען, אַז „ודורשי ד' לא יחסרו „כל טוב", איז ער ערמוטהיגט אין זיין עבודת הקודש. און דאָס הייסט, אַז דער מצנפת איז בראש כהן גדול. די ווירדע פונ'ם רב איז אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ, אַז ער באַקומט זיינע פּארדינסטען לויט און זיין קהלה איז מקיים והכהן הגדול מאחיו „גדלהו" משל אחיו, איז די דאָזיגע קהלה געאַכט און געשעצט ביי אַלעמען, מען האַלט זיי פאַר אַנשטענדיגע לייט, זיי ווערען באַוואוסט און מען לויבט זיי פאַר זייער גוטען כאַראַקטער און פאַר זייערע מדות טובות, און אויף אַזאַ שבח לייגט זיך דער אויסדרוק „עטרה בראש כל אדם", יעדערער פון דער חברה איז אַ חשוב'ער מענש, וואָרים יעדערער האָט אַ חלק אינ'ם שבח און אינ'ם שטאָלץ פון דער באַטרעפענדער קהילה. די אָבער וועלכע זוכען נאָר אינטריגעס אויף זייער רב, אַט די לייטע קריגען אַ שלעכטען נאָמען ביי זייערע מיט־מענשען, מען האַלט זיי פאַר דאָס וואָס זיי זיינען באמת: מענשען פון צווייטען סאָרט.

כידוע, אַז כל מקום שנאמר „נצים ונצבים" אַנקעגען משה דעם מנהיג פון ישראל, מיינט עס: קיין אַנדערע ווי דתן ואבירם... און ליידער איז גרויס די צאָהל פון די שוהלען וואָס האָבען אַזעלכע ברואים, וואָס וואַרפען אַראָפּ די קרוין פון זייער קאָפּ, יעדער שוהל האָט זיך עטליכע פּראָפעסיאָנעלע עזות פנים'ער, וואָס זיינען שטענדיג גרייט עפּעס אויסצוזעצען נעגען זייער רב און מאַכען איהם אַ שלעכ־טען נאָמען, און די אַנשטענדיגע לייט שטעהען פון דערוויטענס, און ווייסען ניט אָדער ווילען ניט ווי־סען אַז דערמיט וואָס זיי באַשמוצען דעם כבוד פון זייער רב פאַרליהרען זיי זייער אייגענע קרוין, זיי פאַר־שווארצען זיך אַליין זייערע פּנימער.

און אפילו די וואָס שווייגען אליין, נאָר העצען אָן די הצופים, און האָבען הנאה וואָס מען איז מבזה דעם כבוד הרב, ווייסען דאָך, אַז קיין מענש מיט רעספּעקט טהאָר דאָס ניט טהאָן, וואָרים דאָס איז אַ שמוציגע ארבייט און פּאסט ניט פאַר מענשען מיט ווירדע.

בזמן שהמצנפת בראש כהן גדול, העטרה בראש כל אדם!

דרוש כז.

קול דברים *)

לא יהיה לך אלקים אחרים על פני.
(שמות כ׳ ג׳).

זאָגט דער מדרש, אַז דאָס זיינען די יעניגע וואָס האַלטען אויף די גוטס אַז זי זאָל ניט קומען אויף די אידען. דער אמת איז אַז יעדער גרויסער פיהרער ביי אידען, יעדער רב אָדער מטיף, דיין אָדער שופט ווערט אָנגערופען מיט דעם נאָמען „אלקים", אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „אשר ירשיעון אלקים", אָדער „והגישו אדוניו אל האלקים" וואָס באמת מיינט דאָס דעם בית דין, דאָס איז אַ לעהרע אַז קוים איז אַ איד אויפגענומען געוואָרען אַלס אַ פיהרער הייסט ער אלקים.

איז אויב דער פיהרער'ס מחשבה איז, אַז מיט זיין הנהגה זאָל ער ברייננגען נוצען פאר'ן פאָלק, ער זאָל מקרב זיין זייערע הערצער לאביהם שבשמים, ער זאָל פיהרען די אידישע קינדער, דעם יונגען דור אין דעם אידישען וועג, ער זאָל אין זייערע הערצער איינפלאַנצען אַ שטאַרקע ליבע צו דער הייליגער תורה, און ער זאָל בדרך כלל נאָר אויסען זיי צו טאָהן וואָס עס איז גוט און וואויל פאר די אי־דען בינם לבין אביהם שבשמים; ער פארוועגדעט ניט דעם הייליר

---

*) המאמר הזה הועתק מדרשותיו של הצה"ק מוה"ר הילל ליכטענשטיין זצ"ל מקאלומעא ואין הכונה ח"ו על הרבנים וגדולי ישראל העומדים על המשמר. השכם והערב ומזהירים על כל דבר פשע ותקלה... והדברים מוסבים על אלה שעשו את רבנותם רק להראות את בקיאותם לדבר גדולות ונפלאות בקול דברים. ותו לא.

גען אמט וואָס איז איהם אָנגעטרויט געוואָרען פאר זיינע אייגענע אינטערעסען, אז ער זאָל פון דעם מאכען א שעהנעם לעבען, פרנסה בשפע און דערצו נאָך כבוד אויך, און ער איז מתפלל צו גאָט אז ער זאָל איהם העלפען און איהם געבען כח אויסצופירען ווי איהם כביכול איז ליעב, און געצילט צו דעם צוועק זאָגט ער דעם עולם וואָס מען דארף איהם זאָגען, דאן האָבען זיינע ווערטער די ריכטיגע ווירקונג, ווייל די חז״ל זאָגען דברים היוצאים מן הלב נכנסים ללב, אזא מנהיג ברייגנט גליק זיין חברה, ווי די חז״ל זאָגען אין פיעלע ערטער „כל זמן שיש תוכחה בעולם טובה בא לעולם", אז מען האָט ניט קיין מורא צו זאָגען דעם עולם זיינע פעהלערען, ברייננט דאָס גוטס פאר דער וועלט, ווארום זיי פארבעסערען זייערע מעשים און אלעס ווערט אין אָרדנונג.

עס זיינען אָבער ליידער דאָ מנהיגים און רבנים וואָס מאכען זייער אמט, זייער רבנות שטעלע פאר א שמאלץ גרוב, וואָס זיי זאָלען פון דעם ציהען געלד און כבוד. זיי זאָרגען זיך מעהר פאר זייער מאטעריעלער לאגע און זייערע פאמיליעס ווי פאר דער גייסטיגער לאגע פון זייערע שוהלען און חברות, און אויב דאָס איז זייער הויפט צוועק, קענען זיי שוין ניט האלטען קיין פייערדיגע דרשה און אריין זאָגען זייערע מיטגלידער דעם ריכטיגען און פאסיגען וואָרט, נאָר יעדער וואָרט ווערט געוואויגן און גע־מאָסטען, מען רעדט ווי די „צייט" פאָדערט, מען רעדט ווי עס פאסט פאר דעם פלאץ, מען וויל צופרידען שטעלען יעדען באזונדער און ניט אָנריהרען וועמעס כבוד, וואו ס'איז דאָ חלול שבת רעדט ער גאָר אז מ'דארף „דזשודאיזם" אָן געבן „משאריטי", און וואו די קינדער ווערען אויפגעצויגען ממש פאר גוים, אז זיי ווייסען ניט פון גאָט און ניט פון זיין תורה, ערלויבען זיך ניט אונזערע רבנים צו זאָגען זייער שארפען וואָרט וואָס זאָל מאכען דעם געהעריגען איינדרוק אז מען זאָל זיך גלייך נעהמען צו דער עבודת הקודש, ווארום אזעלכע אמת'ע און נויטיגע ווערטער קען ח"ו דערצערנען די פרעזידענטען און די ראשי העדה און ער קען נאָך ריזיקירען מיט זיין רבנות שטעלע. און עס איז איבריג צו זאָגען אז ער וועט ניט רעדען וועגען די הפקרות וואָס עס האָט אריינגע־דרונגען אין אונזער טהרת המשפחה... כאָטש דאָס איז פון די

יסודי היהדות און געווים וועט ער ניט וואגען צו רעדען וועגען דער געפעהרליכער קראנקהייט וואס עס האט זיך אריין געכאפט אין אידישען קווארטאל, ווי אן עפידעמישע כראנישע קראנקהייט דאס אומבייטען די אידישע נעמען פון זייערע קינדער אויף גוי׳אישע. עס איז געווארען אוים מאדע צו רופען א קינד ביים אידישען נאמען ניט אפילו אין הויז און מכל שכן אין גאס, ווייל מען שעהמט זיך פאר די גוים. און נעמען ווי אברהם, שמעון, שמואל, שרה רבקה אדער רחל זיינען בעוה״ר געווארען שאנד נעמען, לדאבון לבבינו. אבער דער רב וועט זיך ניט אונטערשטעלען צו האלטען אדרשה וועגען דעם ווייל דאס וואלט זיין ניט סטיליש, און דאס איז באמת א הארבע עבירה וואס מען איז צוליעב איהר עובר אויף דעם לאו פון „ובחוקותיהם לא תלכו״.

עס איז צו באוואונדערען ווי פארפיהרט עס זיינען אונזערע רבנים און פרעדיגער. אויף חלול שבת איז דער עונש סקילה, פון דעסטוועגען האט מען מתיר געווען מחלל שבת צו זיין פאר א חולה און אפילו ווען עס איז א ספק אויב ער וועט לעבען בלייבען, איז עס דאך מותר מחלל שבת צו זיין, ווייל אונזער תורה איז א תורת חיים און איז געגעבען געווארען אז „וחי בהם ולא שימות בהם״. און גאט ב״ה זאגט צו יחזקאל הנביא „צופה נתתיך לבית ישראל, ורשע אם בעונו ימות ואתה לא הזהרתו, דמו מידך אבקש״, דיר האב איך געמאכט פאר׳ן אויפפאסער און אויב א רשע וועט שטארבען ווייל דו האסט איהם דעם נויטיגען ווארט ניט געזאגט, וועסטו דערפאר קריגען א פסק.

דאס זעלבע ווי די חוטאים, ווי די וואס באגעהן די זינד דארפען האבען א מוכיח אז מען זאל זיי אראפפיהרען פון זייער שלעכטען וועג און ארויף פיהרען אויפ׳ן דרך הישר, אזוי דארפען אויך אונזערע רבנים אונזערע מטיפים האבען „מוכיחים״ וואס זיי זאלען זיי צווינגען צו זאגען דאס ריכטיגע, דאס נויטיגע ווארט וואס א רב אדער א מטיף דארף זאגען זיין עולם.

דאס הארץ בלוטעט און די אויגען גיסען טרעהרען זעהענדיג ווי אונזערע אידען דערווייטערען זיך פון אידישקייט, און כאפען זיך אן גוי׳שע מנהגים, צו זיי זיינען גוט צו ניט, אויב דאס איז

נאָר אַ גוי'ישער מנהג איז דאָס שוין כשר וישר. אידישע מנהגים וואָס עקזיסטירען ביי אונז פון טויזענטער יאָהרען נאָך פון אונזערע אבות אבותינו, ווערען ביי אונז אויסגעלאַכט, וואָס פאר א חלול השם דאָס איז?! אוי לעינים שכך רואות ואוי לאזנים שכך שומעות.

„ובחוקותיהם לא תלכו" געהט ניט אין די וועגען פון די גוים, טרייעט ניט נאָך צו טאָהן וואָס זיי טוהען, דאָס איז דער סיג וואָס וועט אונזער אידישקייט אָפּהיטען פון כליה, זאָל דער שעדליכער מנהג אָפּגעשאַפט ווערען, וועלען מיר זיכער זיין מיט אונזער אידישקייט אז זי וועט וואַקסען און בליהען און זי וועט מאריך ימים ושנים זיין לעולם ועד.

זאָלען דאָס וויסען אונזערע רבנים, זאָלען דאָס אין אַכט נעהמען אונזערע מטיפים, וואָס פאר א נויטיגע, דרינגענדע, טייערע טעמע דאָס איז; זאָלען זיי וועגען דעם רעדען אָהן אויפהער און זייערע ווער־טער וועלען מאַכען דעם נויטיגען איינדרוק. אויב זייערע ווערטער וועלען ניט ווירקען אויף אַלעמען וועט עס ווירקען אויף אַ טייל, און אויב ניט היינט וועט עס ווירקען אין אַ שפּעטערע צייט, ווא־רום דאָס איז דר כח פון גאָט'ס וואָרט, כי כאשר ירד הגשם והשלג מן השמים וגו' כן יהיה דברי אשר יצא מפי לא ישוב אלי ריקם (ישעיה נ"ה י„-י"א) און די שטעלעם וואָס עס האַלטען אָן אונזערע רבינם און מטיפים זאָל זיין אַ ברכה פאר דעם כלל ישראל אַז זיי זאָלען געפיהרט ווערען בדרך ה' ובדרך התורה והמצוה, לטוב להם ולבניהם אחריהם כל הימים תמיד, אמן.

דרוש כח.

כשרות און קאַראַבקע

וידבר ד׳ אל משה לאמר: דבר אל בני ישראל ויקחו לי תרומה.
(שמות כ״).

געפינט זיך אין תנא דבי אליהו א באמערקונג דערויף: בשעה שאמרו ישראל נעשה ונשמע, מיד אמר הקב״ה ויקחו לי תרומה, אין דעם מאָמענט, ווען אידען האָבען אַלע איינשטימיג אויסגעשריהען „נעשה ונשמע״, האָט השי״ת זאָפאָרט געזאָגט צו משה׳ן: „ויקחו לי תרומה״.

איז דער גאַנצער ענין פון פאַרלאַנגען פון אידישען פאָלק א נדבה, ווי רש״י הקדוש ערקלעהרט די באַדייטונג פון דעם וואָרט „תרומה״: הפשרה, אָפּשיידען, „יפרישו לי מממונם נדבה״ זיי זאָלען מיר אָפּשיידען פון זייער געלד א געשאַנק, — אומפאַרשטענדליך. דער צוועק און ציל פון מתן תורה, ווייסען מיר, איז געווען הויפּטזעכליך פאַר תורה ומצוה, חוקים ומשפטים, וועלכע אידען זאָלען שטרענג אָפּהיטען. און די מצוה פון תרומה איז בלויז א פּריוואַטער געשאַנק, און ניט קיין פליכט. וואָס זשע האָט דאָס צו טהאָן מיט׳ן נעשה ונשמע? און נאָך מיד, זאָפאָרט, וואָס צייגט, אַז נעשה ונשמע איז אָפּהענגיג אין ויקחו לי תרומה?

אָבער נאָך אַריינטראַכטען זיך און געבען א בליק אויפ׳ן אידישען לעבען אין דער פאַרגאַנגענהייט מדור דורות, זעהען מיר, אַז ס׳איז טאַקע הא בהא תליא, דער נעשה ונשמע אָהן דעם ויקחו לי תרומה איז פאַקטיש ווערטלאָז, און דער קיום היהדות מיט דער אָפּהיטונג פון די תרי״ג מצות זיינען אָפּהענגיג אין ויקחו לי תרומה.

עס איז א באַוואוסטער פאַקט, דאָס יעדעס לאַנד און פאָלק, וואָס

מוז אָנהאַלטען אַ רעגירונג און אום צו פאַרזיכערען די עקזיסטענץ פון דער נאַציע, ווערט אויסגעהאַלטען אַן אָרגאַניזירטע אַרמיי, מיליציע, פּאָליציי און די אַנדערע קלאַפּער־געצייג, פאַר וועלכען דאָס פאָלק טהוט ביישטייערען מיט אַ פולער האַנט אין דער פאָרמע פון מסים, צינזען. און יעדער מיטגליד פון פאָלק, אָרים אָדער רייך, טראָגט צו זיין חלק צו דער פאָלקס קאַסע, העשיר לפי עשרו, און אפילו דער אָרימער בירגער צאָהלט אויך לויט זיינע פאַרהעלטניסען. און אַזוי אַרום ערמעגליכט עס דעם פאָלק אָנצוהאַלטען זיין גאַנצקייט און זיכערקייט, און דער פיזישער ווי דער עקאָנאָמישער וואוילזיין פונ׳ם פאָלק איז פאַרזיכערט.

דאָס אידישע פאָלק, ווענען עס איז אויסגעפאַלען צו נעמען דעם וואַנדערשטעקען אין האַנד און זיך באַזעצען אין פאַרשיידענע לענדער אין גלות, האָט אויסער זיין טהייל מס, וואָס ער האָט געצאָהלט אַלס פליכט, גלייך מיט אַנדערע בירגער פון לאַנד צו דער מלוכה, און וואָס איז געווען אומגעהויער שווער צו טראָגען אויף זיינע אָרימע פּלייצעס, ובפרט אין דעם מיטעלאַלטער, ווען דער מס המלוכה פון דער אידען האָט באַטראָפען פאַבעלהאַפטע סומען, לויט דעם באַגריף פון יענער צייט, האָט געמוזט אויך באַזאָרגען זיינע אייגענע כל אינטערעסען.

האָבען אידען צווישען זיך אָרגאַניזירט אַ פריוויליגען מס (טעקס) אונטערן נאָמען „מס הקהל", וואָס איז געגאַנגען פאַר דער אויפהאַלטונג פון די כלי קודש ומשרתי הקהילה, ווי דעם רב, ש"ץ, שמש, ווי אויך בתי אולפנא, תלמוד תורות און ישיבות מיט די מלמדים וראשי הישיבות, און אויך די בתי חסד, ווי בתי כנסיות ובתי מדרשות, בתי חולים, מושב זקנים, בית יתומים, חברא קדישא א. אז. וו. דער מס הקהל איז אריינגעקומען פון כשר פלייש, שבת ליכט, פון אַ חתונה, אַ ברית און אַ בר מצוה.

און ווען מיר בלעטערען אין זייערע רעקאָרדס, זעהען מיר נישט, אַז מען האָט געדאַרפט אַן אַרמיי אָדער קריגס־שיפען, אַפילו נישט קיין פּאָליציי, אום איינצומאַהנען דעם דאָזיגען טעקס, און צו זייער קרעדיט מוז מען צוגעבען, דאָס זיי האָבען פון קיין דעפיציטען נים געוואוסט. אדרבא, עס איז נאָך אימער געווען אַ היבשע סומע אין רע־

זערוו. יעדער איד האָט געטאָן זיין פליכט מיט גרויס באַגייסטערונג, אָהן אַפּילם און ספּיטשעס, יעדער איד אין יעדען לאַנד און שטאָט בכל תפוצות הגולה, האָט געפיהלט, אַז עס איז זיין חוב צו זיך און צו זיין פאָלק בייצושטייערען זיין טייל מיט צופרידענקייט, און אַ זכיה איז דאָס געוועזן ביי איהם, מיט אַ טיפער שמחה אין הארצען האָט ער בייגעטראָגען זיין טייל צום מס הקהל.

די אָרדנונג איז געווען אַזאַ וואונדערבארע, דאָס די אָמות העולם פלעגען קוקען מיט באוואונדערונג ווי שעהן און ערהאבען דאָס אידי־שע אָרימע לעבען איז אָרגאַניזירט. ביי זיי זיינען די אָרימע איינגאַנ־צען פארנאַכלעסיגט געוואָרען, די קראַנקע האָבען קיין בתי חולים ניט געהאַט, פאַר די יתומים האָט זיך קיינער ניט געזאָרגט. די אָרימע קינדער האָבען קיין ערציהונג ניט געקראָגען. ביי אידען, אָבער, זיי־נען בתי חולים פאַר קראַנקע געעפענט געוואָרען, בתי יתומים פאַר עלענדע אומגליקליכע קינדער, הכנסת אורחים פאַר אָרימע וואנדערער מיט אכילה, שתיה ולינה. אַלע אָרימע קינדער זיינען באַזאָרגט גע־וואָרען מיט תלמוד תורות און ישיבות מיט די בעסטע רביים, גמילות חסדים פאַר געפאַלענע אָרימע קליינהענדלער אָדער בעלי בתים, א. אז. וו.

און ביי די גוים פלעגט זיך ארויסרייסען אַ זיפץ מיט דער באַ־מערקונג: „מה טובו אוהליך יעקב", „אשרי העם שככה לו" און שונאי ישראל פלעגען דערויף קוקען מיט חשד, עפּעס קוקט דאָס אויס — פלעגען זיי פון קנאה שרייען — ווי אַ רעגירונג אין אַ רעגירונג, יעדע אידישע קהילה איז ווי אַ מלוכה פאַר זיך אין די גרעניצען פון זייער רעגירונג.

אָט אַזוי האָט זיך דאָס געפיהרט און זיך געלעבט ביי אידען אפילו אין די פינסטערע געהטאָס — ביז, ביז אַמעריקע.

וואָס זעהען מיר צום באַדויערען דאָ?

תוהו ובוהו וחשך, דאָ אין לאַנד, וואו עס געפינט זיך ביי היינ־טיגען טאָג אַ פערטל פונ'ם אידישען פאָלק, אין דער גרעסטער, רייכ־סטער אידישער קהילה פון דער וועלט, דאָ אין ניו־יאָרק, איבער 2 מיליאָן אידען, כן ירבו, די בתי כנסיות ובתי מדרשות זיינען אין אַ שוידערליכען, געדריקטען מצב, די תלמוד תורות לעכצען ווי אַ גוסס

אונטער דעם שווערען דרוק פון ריזיגע דעפיציטען, און היינט־מארגען
ענגט מען אויף א שלאס איבער זייערע טירען.

די מחנכים, רבנים, ראשי הישיבות און מלמדים קריגען נישט קיין שכר־לימוד פאר מאנאטען און מאנאטען, און ס'קומט זיי אויס צו הונגערען, ווייל קיין געלט קומט נישט אריין. די צעהנדליגע טויזענטער קינדער שטעהען פאר דער געפאהר ארומצוואנדלען אין די גאסען פון ניו־יארק ללא תורה וללא דרך ארץ. א שוידערליכע קאטאסטראפע שטעהט פאר אונזער רייכסטע, גרעסטע אידישע געמיינדע פון דער וועלט, ואין חולה עליהם.

צופיל אידישע קינדער זיינען שוין פאר אונזער פאלק פארלוירען געגאנגען אין די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאהר צוליב דער נאכלעסיגקייט פון די עלטערען, און איצט שטעהען מיר פאר א סכנה, דאס דער שארית הפליטה זאל חלילה אומקומען אין די שטורימדיגע כוואליעס פונ'ם ברויזענדען ים. מיר קענען מעהר נישט צוזעהן גלייכגילטיג דעם חורבן היהדות און שטעהן מיט פארלייגטע הענט און זאגען : ידינו לא שפכו הדם הזה.

אין טאמער האבען מיר זוכה געווען צו שאפען א רעטונגס־גארטעל געגען די שטורמישע כוואליעס, וועלכע רייסען זיך מיט אלע כחות אונזער תורה־שיף צו דערטרינקען — אין דער פארמע פון א פארייניגטען ראבינאט אונטער דער פאהן פון א „כשרות אסאסיאיישאן", — א פאראייניגטע ארגאניזירטע מאכט פון אלע רבנים און אויפריכטיגע בעלי־בתים, וועלכע באצוועקען שתים שהן אחת איינארדנען כשרות און פארפעסטיגען אידישקייט אין אלגעמיין דורך שטיצען ארבייטסלאזע רבנים, און דורך דעם קליינעם אומבאדייטענדען טעקס, אייך העלפען אלע צרכי ציבור אין ניויארק ובפרט תלמוד תורות און ישיבות, — קומען צוגעהן שמאל־קעפיגע עגאאיסטישע פערזאנען, וועמעס צוועק איז בלויז הרס וחורבן אין קהל'שען אידישען לעבען און הויבען אויף א רחמנות'דיג אומשולדיג פנים'ל און שרייען: „קאראבקע עליך ישראל!" און מען פארטשמעלט די מחות פונם פאלק.

א צווייטען מעהר וויכטיגען פארזוך צו ראטעווען די ישיבות און תלמוד תורות פון אונטערגאנג האט געמאכט די פעדערייישאן

פון ישיבות ות"ת, מיט דעם תורה סטעמפּ אויף די שבת ליכט און לעצטענס אויף מצות, וועלכע די פעדעריישאָן האָט געמוזט אונטער די אומשטענדען אליין באַקען מצות, כדי דערמיט צו ראַטעווען די טרויעריגע סיטואַציע אין וועלכע זייערע ערציהונגס אנשטאַלטען געפינען זיך, און די רעזולטאַטען פון דעם זיינען אויך טרויעריגע.

פינף סאָרטען מענשען טאָרען ניט אָפּשיידען קיין תרומה; דאָס זיינען החרש, והשוטה, והקטן, והתורם שאינו שלו, ונכרי שתרם של ישראל. און אין ירושלמי (תרומות פ"א) זאָגט ר' שמואל בר נחמן, אז דאָס איז געדרונגען פון פסוק, דבר אל „בני ישראל" ויקחו לי תרומה, פרט לנכרי. נאָר בני ישראל קענען געבען תרומה, אָבער ניט קיין גוי, מאת כל „איש" — פרט לקטן. איש איז דער טייטש אַ פולשטענדיגער מענש, אָבער נישט אַ קטן. אשר ידבנו „לבו" — פרט לחרש ולשוטה, דער וואָס זיין הארץ וועט איהם באַווילינגען, אָבער אַ חרש און אַ שוטה נישט. וזאת אשר תקחו „מאתם" פרט לתורם את שאינו שלו. און דאָס איז וואָס דו זאָלסט נעמען פון „זייערס", אָבער נישט פון אַזעלכעס וואָס עס איז נישט „זייערס" נאָר פרעמדס.

איצט זאָלען די שרייער און טומעל־מאַכער זיך יעדער איינער אריינפּאַסען אין איינעם פון אָט די פינף קאַטעגאָריעס, און זאָל דאָס אידישע פאָלק וויסען דאָס אַזעלכע בעלי רחמנות פון די קאַטעגאָריעס זיינען אַ געפאַר און אַן א'מגליק און זייער רחמנות'דיגער געשרעה פון קאַראַבקע עליך ישראל! — איז בלויז צו פאַרבלענדען די אויגען, ווייל אָהן דעם „ויקחו לי תרומה" איז, חלילה, דער נעשה אין גרויס געפאַהר...

דרוש כט.

כשרות

כשר שבטבחים שותפו של עמלק.
(קדושין פ"ב).

דער מאמר אז דער ערליכסטער פון די קצבים איז דער שותף פון עמלק, איז באמת איינער פון די מאמרי חז"ל, וואס מאכען אייך באוואונדערןאיז דען באמת גארניט בנמצא א קצב, אן עהרליכער איד? געפינען מיר דען ניט זעהר פיל קצבים עהרליכע אידען, יראים ושלמים? מיר געפינען זאגאר צווישען זיי אזעלכע, וואס זיינען גרויסע תלמידי חכמים, און דא קומען די חכמי הגמרא און זאגן אויס־דריקליך, אז דער „כשר שבטבחים" איז א שותף של עמלק?

האב איך געזעהן אין א ספר וואס זאגט בדרך צחות זעהר א גוטען און שעהנעם ענטפער, וואס לפי דעתי איז דאס ניט קיין וויץ, נאר מיט אן אמת אנגעמאסטען פאר אונזערע אמעריקאנער קצבים, אזוי גוט ווי פאר די אנדערע בשר ביזנעס פלעצער.

עס איז איבעריג צו רעדען וועגען דער שרעקליכער אומארדנונג, וואס עס הערשט אין אמעריקע און איבערהויפט אין ניויארק, אפילו אין די פלעצער וואו עס איז מכלומרש'ט דא א השגחה פאר כשרות. זאל א איד וועלען האבען א פונט טריפה פלייש, בין איך זיכער, אז ער וועט דאס ניט קריגען אפילו אויף א רפואה, ווייל אין יעדען פענ־סטער, וואו איהר זאלט זיך ניט א קעהר טהאן, זעהט איהר אלץ דעם זעלבען אויפשריפט, „בשר כשר" און קיין שמיקעל טריפה פלייש איז ממש ניט צו קריגען אין גאנץ ניויארק, ווען איהר זאלט אפילו וועלען צאהלען דעם העכסטען פרייז. ווארים אויב קיין טריפה פלייש איז גאר ניט בנמצא איז דאך ניט שייך צו רעדען.

געווים געדענקט איהר פון דער אַלטער היים: וואָס האָט געטהאָן אַ אידישער קצב, ווען ער האָט געלאָזט קוילענען אַ בהמה און זי איז איהם נעבעך געוואָרען טריפה? אין אַזאַ פאַל האָט ער געמוזט דאָס פלייש פאַרקויפען נאָר צו אַ גוי, ווייל קיין איד טאָר קיין טריפות דאָך ניט עסען. און היות עס איז דאָך אַן אוממעגליכע זאַך אַלע טריפה אַרויסצוואַרפען אין גאַס, אַלזאָ האָט יעדער קצב געמוזט האָבען אַ שותף, אַ גוי, ווייל ער איז דאָך אַ כשר'ער קצב. דאָס איז גערעדט נאָר אין דעם פאַל, ווען דער קצב איז באמת אַ כשר'ער איד, וואָס וויל ניט פאַרקויפען זיין נשמה צום טייוועל, און ער וועט זיך באַין אופן ניט ערלויבען מאכיל טריפות צו זיין, מוז ער זיך באַנוצען מיט אַ גוי; אָבער דער קצב וואָס ער איז ניט מדקדק בכשרות אַ״ן ביי איהם איז רעכט צו פאַרקויפען טריפה פלייש צו אידען אַזוי גוט ווי ער פאַרקויפט זיי כשרה, אַזאַ קצב מוז ניט האָבען קיין עמלק פאַר אַ שותף.

איצט ווערען שוין אייך פאַרשטענדליך אונזערע חז״ל מיט זייער אויסדרוק „כשר שבטבחים״. דער ווירקליך פרומער, עהרליכער קצב, וועלכער איז מדקדק צו פאַרקויפען אידען חיקא כשרה פלייש, אָט דער בוטשער איז געצוואונגען צו זיין „שותפו של עמלק״, דער פאַרטנער מיט אַ גוי, אום ער זאָל פון איהם צונעהמען די טריפה פלייש וואָס ביי איהם מאַכט זיך, כדי ער זאָל קיין אידען ח״ו ניט מאכיל טריפות זיין.

אָבער דער קצב וואָס אים קען מען ניט אָנרופען „כשר שבטבחים״, גראַד ער איז ניט קיין „שותפו של עמלק״, פאַר זיינע טריפה פלייש דאַרף ער ניט האָבען קיין גוי פאַר אַ שותף, ער פאַרקויפט די טריפה פלייש פאַר גוט געלט — צו אידען און ער פאַרשפּאַרט די שותפות פון אַ גוי . . .

דרוש ל.

כשרות

דרש ר' עוירא בזכות נשים צדקניות
שהיו באותו הדור נגאלו ישראל ממצרים.
(סוטה י").

צוליעב די פרומע פרויען פון יענעם דור זיינען די אידען אויס־געלייזט געווארען פון מצרים. ווען די פרויען פלעגען געהן שעפּען וואסער, פלעגען זיי פיש פאנגען, קאָכען עס און עס טראָגען פאר זיי־ערע מענער צו עסען און אין דעם זכות זיינען זיי געוואָרען אויסגע־לייזט.

איז א פראגע: דורך דעם וואָס זיי פלעגען זייערע מענער ברענ־גען עסען, האָבען זיי אזא גרויסען זכות געהאט, און איצט טוען עס דען ניט די ווייבער? גענוג פרויען טוען עס היינט אויך און מיר ווערען דאָך ניט אויסגעלייזט?

דער געדאנק פון דעם קען מען זאָגען: מיר ווייסען, אז די שבטים האָבען זאָגאר דאן נאָך פאר מתן תורה זיך אָפּגעהיט אין כשרות און געווען נזהר אויך אין אנדערע דינים. ווען פרעה האָט זיי געמאכט פאר שקלאפען, האָט מען זיי געצוואונגען שקלאפען־אר־בייט צו טהאָן און אויך צו עסען טרפות. די נשים צדקניות האָבען אָבער ניט געוואָלט אז זייערע מענער זאָלען עסען טרפות. מען דער־צעהלט: אין דער צייט פון די קאנטאָניסטען אין רוסלאנד, ביי ני־קאָליי דעם ערשטען, ווען מען האָט געצוואונגען יונגע קינדער צו כאַ־פּען און זיי שיקען צו גוים אָפּצו'שמד'ן, און אז זיי וועלען גרוים ווערען, זיי אריינצוגעבען אין דער ארמיי פאר 25 יאָהר — איז איינמאָל דער מאָסקווער רב פארבייגעגאנגען. לויפט צו א יונגע פרוי, פאלט אוועק און שרייט אויס: „רבי, ראטעוועט!" פרעגט דער רב:

„וואס איז דען?" „רבי, אן אלמנה בין איך. געוועז א יתומה, אהן א פאטער און אהן א מוטער, זיך געוואלגערט ביי פרעמדע, גערינט ביז 17 יאהר, גאט האט זיך דערבארימט און מיר א חתן געשיקט. צעהן יאהר האבען מיר צוזאמען געלעבט און איך האב קיין קינדער ניט געהאט. צום צעהנטען יאהר האט מיר גאט געהאלפען און איך האב געבוירען א קינד. מיין שמחה איז געוועזן אין לשער. צום ברית אבער האט שוין דער פאטער לײדער ניט געלעבט. איך האב דאס קינד ערצויגען אזוי, אז צו 5 יאהר האט ער שוין חומש אנגעהויבען. צו 8 יאהר גמרא. היינט צו צעהן צו צעהן יאהר לערענט ער געשמאק. זיינען געקומען די כאפערס און איהם אוועקגענומען..." „טא וואס פארלאנגסטו, מיין טאכטער?" פרעגט דער רב. „רבי, איך וויל, אז דאס קינד זאל שטארבען און צו קבר ישראל קומען..." איז דער רב אריין אין שוהל, אויפגעריסען דער ארון קודש און אנגעהויבען וויינען: „רבש"ע היספר בקבר חסדך — קען מען עס גלויבען, אז ווען דאס קינד שטארבט און ווערט געבראכט צו קבר ישראל, טוסטו א חסד, ווייל ווען ניט, איז דאך ואמונתך באבדון — איז די אמונה פארלוירען".

פרויען אבער דאן האבען ניט געוואלט קיין טריפה געבען זייערע מענער, לײדער היינט איז ריכטיג פארקעהרט: קומט אריין א פרוי אין בוטשער שאפ: „איך קען יוזען טריפה אויך" — באריהמט זי זיך פאר איהרע שכנות אין סטאר...

דערצעהלט דער מדרש אין ויקרא רבא פ"ה, אז אין דער שטאט צפורי איז געוועזן א רשע א קצב, וואס האט מאכיל טרפה געווען און אפגענארט זיינע קונדען, אז עס איז בשר כשר — ווי מען טוט עס היינט אין אמעריקע, וואו אויפ'ן פענסטער הענגט א שילד „בשר כשר" אבער נאר אויפ'ן פענסטער איז כשר. — ערב יום כפור האט זיך דער דאזיגער קצב אנגעשיכורט, איז ארונטערגעפאלען פון דאך און איז גע'הרג'עט געווארען, ל"ע, די הינט האבען זיין בלוט געלעקט און זיין פלייש געגעסען. איז מען געקומען פרעגען ר' חנינא וואס צו טהאן. האט ער זיי געענטפערט: „לאזט זיי, ווייל די תורה האט אנגעזאגט: — כל טריפה לכלב תשליכון אותו — און ער האט עס פארקויפט פאר כשר'ע, נעמען די כלבים איצט נקמה אן איהם. זיי מאנען איין זייער חלק.

און דאָס קאָן מען זאָגען איז דער געדאנק פון דער גמרא: „כלבים משחקים אליהו הנביא בא לעיר" — היינט פרעהען זיך, מיינט עס אז אליהו הנביא איז אין שטאָט. ווייל ווען אליהו האָט אויסגע'הרג'עט די נביאי הבעל און זייערע פלייש האָט ער פאַר הינט געוואָרפען, האָבען זיי זיך דעריבער מיט איהם געפרעהט. ווען די פרויען אין מצרים האָבען ניט געוואָלט מאכיל טרפה זיין זייערע מענער, האָט גאָט זיי מזמין געווען פיש, וואָס דאַרפען ניט קיין שחיטה, קיין זאַלצען, קיין כשר מאַכען. דעריבער, אז די מענער האָבען גענעסען כשרות, האָט גאָט געזעהען, אז די נשים זיינען צדקניות אפילו ביי אַזוינע אומשטענדען און בזכות זה האָט ער זיי אויסגעלייזט.

ווען אונזערע פרויען וואָלטען וועלען היינט צו טאָג אביסעלע מעהר פאָרזיכטיג זיין מיט כשרות, ניט נאָר קוקען אויפ'ן „בשר כשר" סיין, אָדער „כשר כשר" סאַין, נאָר טאַקע קויפען ביי אַזאַ אידען, וואָס איז אַ מוחזק בכשרות, — וועט דער רבש"ע אויך פון היינטיגען שווע־רען גלות אונז באַפרייען און ברענגען אונז לארצנו בקרוב בימינו, אמן.

דרוש לא.

צדקה

פאַר אַ צדקה באַנקעט

יותר ממה שבעה"ב עושה עם העני, העני עושה עם בעה"ב.
(ויק"ר ל"ד, רות רבה ה').

דער אָרימאַן, וואָס איז מקבל די צדקה, טהוט מעהר מיט דעם נותן פון די צדקה, ווי עס טהוט דער נותן מיט דעם אָרימאַן.

ווייל געוועהנליך איז קליין און נישטיג די צדקה, וואָס א מענש טהוט מיט דעם, וואָס ער גיט איהם אָפּצועסען א מזון סעודה אחת, דענקט ער אז ער האָט שוין זיין פליכט געטאָהן, און אין באַלוינונג דערפאַר קריגט ער וואָס זיין פּאַרמעגען ווערט געבענשט. ווי די חכמי התלמוד האָבען פאַרטייטשט דעם פסוק „עשר תעשר" (דברים יד, כב) „עשר בשביל שתתעשר", גיב נאָר מעשר, ניט מעהר ווי איין צעהנטעל און דערפאַר וועסטו רייך ווערען.

וואָס פאַר א געוואַלדיג גרויסען פּראָפּיט ער מאַכט דערביי! און ווי אין אַן אַנדער פסוק זאָגט: שלח לחמך על המים, כי ברוב הימים תמצאנו (קהלת י"א א) — שיק דיין ברויט אויפ'ן וואַסער, עס וועט קומען א צייט, וואָס דאָס וועט זיך דיר אָפּזוכען.

דער מהרש"א ז"ל אין די חדושי אגדות זאָגט, אז דער פסוק איז נעזאָגט געוואָרען וועגען דעם וואָס מען טהיילט צדקה צו אַרימע לייט אום סוכות ווען עס ווערט געפייערט דער יום טוב פון „נסוך המים". און דאָס מיינט דער פסוק, וואָס ער דריקט זיך אויס: „שלח לחמך על פני המים", דער יום טוב פון גיסען דאָס וואַסער אויפ'ן מזבח כי „ברוב הימים תמצאנו", האָסטו דערפאַר די גוטע הבטחה, אז

„ברבות הימים" אין נעקסטען ספרינג, פריהלינג, ווען די טעג ווערען גרעסער, וועסטו דאס אפזוכען. ווארים אין דעם זכות פון די צדקה, וואס דו טוסט מיט די ארימע און פאר די מעשר, וואס דו שטיצסט דעם כהן און דעם לוי, וועט דיין פעלד מאכען צעהן מאהל מעהר תבואה, ווי עס האט געמאכט דעם פאריגען יאהר.

אין דעם ענין פון געבען צדקה איז געמאכט געווארען נאך אן אויסנאהם, אז מען מעג געבען צדקה מיט דער דעה אפצוקריגען פאר דעם געצאהלט, ווייל אזוי זאגט אויסדריקליך דער פסוק (מלאכי ג׳ י׳) ובחנוני נא בזאת, אם לא אפתח לכם ארבות השמים והריקותי לכם ברכה עד בלי די.

ביטע, מיינע טהייערע, זאגט גאט ב"ה, מאכט א פראבע, גיט צדקה און מעשר, און איהר וועט זיך איבערצייגען, אז איך וועל אין הימעל עפענען גאנצע פענסטער, און איך וועל אייך געבען ברכות אהן א סוף.

אמת, די חכמים האבען אונז געלעהרענט (ע"ז י"ט, אבות א׳ ג׳) אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס — האט ניט די נאטור צו ארבייטען ווי קנעכט וואס ארבייטען פאר זייער בעל הבית פאר דער באלוינונג, וואס זיי ערווארטען פון איהם, אבער ביי צדקה האבען זיי געמאכט אן אויסנאהם, ווייל אזוי זאגט דאך דער פסוק אויסדריקליך.

אבער דער דין דארף נאך ערשט באשטימט ווערען, ווייל פון פסוק „ובחנוני נא בזאת" איז טאקע צו זעהן, אז דאס איז א היתר, מען מעג אזוי טאהן. אבער דער לשון פון פסוק „עשר תעשר" ווייזט אוים א צווי, עס איז א געבאט, דו זאלסט געבען מעשר — בשביל שתתעשר, כדי דו זאלסט רייך ווערען.

מיר וועלען דא ברענגען וואס די חז"ל זאגען וועגען דעם זעלבען ענין אין אנדערע ערטער, און מיר וועלען דעם ענין בעסער פארשטעהן.

האמר סלע זו לצדקה בשביל שיחיה בני, ובשביל שאזכה בה לחיי עוה"ב, הרי זה צדיק גמור (ד"ה ד׳, פסחים ח׳, ב"ב י׳) — אז איי־נער זאגט: איך גיב דעם טהאלער, אז מיין קינד זאל לעבען, און איך זאל דערפאר האבען עולם הבא, איז ער א צדיק גמור. פרעגט תוספות דארט אויפ׳ן פלאץ: ווי זאגט די גמרא, אז מען מעג געבען צדקה מיט

א באדינג, און אין אבות זאָגען זיי אויסדריקליך, אז מען טאָהר ניט דינען גאָט ווי אן ארבייטער, וואָס דערוואַרט, אז דער בעל הבית זאָל איהם באַצאָהלען פאר זיין ארבייט?

די ספרים ברענגען אין נאָמען פון איינעם פון אונזערע גדולים, אז דער אויסדרוק פון דעם לשון אין דער ברייתא: „האומר" סלע זה לצדקה על מנת, ווער עס זאָגט — אַנשטאָט וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגען הנותן, ווער עס גיט, ווייל דאָס געבען מוז טאָקע זיין לשמה, פון גאָט'ס וועגען, ווי ער האָט געבאָטען נתן תתן, דו זאָלסט געבען. עס זיינען אָבער דאָ אָרימע לייט, וואָס זיי שעהמען זיך צו נעמען צדקה און ווילען ניט עסען קיין קצבה ברויט, וואָרים דער אָרימאַן וואָס דאַרף נעבעך אָנקומען צו צדקה, איז איהם פינסטער און ביי־טער, ווי די חכמי הגמרא האָבען איינגעטייטשט דעם פסוק פון תהלים (יב ט) כרום זלות לבני אדם, כל המצטרך לבריות פניו משתנות ככרום, אז א מענש איז געצוואונגען אָנצוקומען צו פרעמדע הילף, פארלירט ער זיין פנים.

און כדי צו באַרוהיגען זיין צעבראָכען געמיט, איז דער יעניגער, וואָס גיט איהם די שטיצע מחויב דערביי צו זאָגען א פריינדליך וואָרט, און די חכמי התלמוד זיינען מבטיח, אז דער וואָס האָט א גוט וואָרט פאר אן אָרימאַן, ווערט ער געבענשט מיט עלף ברכות.

וואָרים, באמת, ווי גוט און דערהויבען וואָלט זיך פיהלען דער אָרימאַן, ווען דער וואָס גיט איהם די שטיצע זאָל איהם צו גלייכער צייט זאָגען: „מיין פריינד! עס קומט מיר ניט קיין דאנק, וואָס איך העלף דיר אין א נויט, דאָס איז די פליכט פון יעדען מענשען וואָס האָט א פיהלענדע הארץ. אָבער איך דאַרף דיר דערפאַר געבען נאָך א גרעסערען דאנק, וואָרים דערמיט וואָס דו נעהמסט ביי מיר דעם טהאַלער, וועט מיר גאָט העלפען אז מיין קינד וועט לעבען. וואָרים אזוי זאָגט דער פסוק: וצדקה תציל ממות, און איך וועל דערפאַר אויך זוכה זיין לחיי עולם הבא.

און דאָס מיינט די גמרא מיט דעם אויסדרוק „האומר" סלע זו לצדקה — ער זאָגט, אַנשטאָט צו זאָגען „הנותן" ער גיט, ווייל אז ער רעדט דעם אָרימאַן איין, אז וואָס ער גיט איהם, גיט ער דאָס איהם צוליב זיינע אייגענע נוצען, איז דאָס פאר דעם אָרימאַן א

בארוהיגונג און א טרייסט, אָבער געבענדיג די צדקה, דארף עס טאקע זיין נאָר לשם שמים, שלא על מנת לקבל פרס.

און הרב ר׳יונתן הכהן, רב בסוליש, אונגארן, דערקלעהרט אין זיין ספר „נפש יהונתן״, אז די מיינונג פון צווי „עשר תעשר״ איז די גוטע רייד וואָס ער דערקלעהרט איהם דערביי, אז פאר דעם איין טהאַלער, וואָס ער גיט איהם, וועט ער אָפּקריגען צעהן טהאלער, און ער מאכט אלזאָ דערביי גוטע פּראָפּיטען. דער ציווי איז פאר דעם פּיוס.

און מיט דעם זעלבען געדאנק מאכט דער מחבר פון נפש יהונתן רעכט, די מסורה פון דריי מאָהל „לבכם״, וואָס איז געבראכט אין דער תורה, אין נביאים און אין כתובים: ואקחה פת לחם וסעדו לבכם (בראשית י״ח ה׳) שיתו לבכם לחילה (תהלים מ״ח י״ד) וראיתם וששׂ לבכם (ישעיה ס״ו י״ד). וואָרים אברהם, אז ער האָט דערזעהן די מלאכים, האָט ער געמיינט, אז זיי זיינען מענשען. דערפאר האָט ער זיי אריינגעבעטען אין הויז אריין און ער האָט גלייך געאָרדערט א גוטען מאָהלצייט פאר זיי, און אום זיי צו טרייסטען, אז זיי זאָלען ניט זיין געפאלען ביי זיך, וואָס זיי דארפען עסען געשאָנקענע ברויט, זאָגט ער זיי „שיתו לבכם לחילה״, בארעכענט וואָס פאר א גוטס איהר טהוט מיר דורך דעם. איהר מאכט דאָך מיך איינפאך גליקליך און איך דארף אייך דערפאר דאנקען. דערפאר דארפט איהר זיך גאָרניט זאָרגען וועגען דעם. אין געגענטייל: „וראיתם וששׂ לבכם״, איהר מעגט דערפון האָבען דעם גרעסטען פארגעניגען, וואָרים איהר טהוט מיר א גרויסע טובה.

און די זעלביגע מסורה איז ווי אָנגעמאָסטען צו דעם באנקעט, ביי וועלכען מיר זיינען איצט דאָ צוזאמענגעקומען, און מיר עסען און מיר טרינקען וועגען דער צדקה־אונטערנעהמונג. ואקחה פת לחם, וסעדו לבכם, וואָרים ושיתו לבכם לחילה. בארעכענט נאָר די גרויסע פּראָפּיטען און איינגאהמען, וואָס די אונטערנעהמונג וועט דערפון האָבען, און דאן וששׂ לבכם, אז איהר וועט דאָס באטראכטען, אז די אָרימע וועלען געניסען פון דעם, וועט איהר ווירקליך צופרידען זיין, און אלעס וועט אייך וואויל באַקימען.

דרוש לב.

אַפּיעל פּאַר צדקה

ר' אליעזר יהב פרוטה לעני והדר מצלי.
(ב"ב ד').

רבותי:

איך וויל צו אייך היינט ריידען א ביסל אנדערש ווי אלעמאל, איך וויל אייך היינט אָנריהרען אונזער שוואכע צייט, איך וויל שפּי־לען אויף אייערע סטרונעס און טאָמער וועט עס איינעם שטאַרקער, דעם צווייטען שוואכער אָנריהרען, מיין כונה איז אָבער פאר אלע גלייך.

אין תמיד ל"א (מדרש תנחומא פ' אמור) דערצעהלט זיך, אַז אלכסנדר מוקדון איז געקומען אין קרטגני, א מדינה שכולה נשים, א לאַנד פון הוילע פרויען, קיין מלחמה פיהרען מיט איהם האָבען זיי נים געוואָלט, ווייל ס'האָט קיין זין ניט א מלחמה פון א שטאַרקען געגען א שוואכען, ווי אין אמעריקע רופט זיך עס, ניט דער זעלבער סאיז, האָט ער זיי געבעטען ברויט צו עסען, האָבען זיי איהם אויף א געדעקטען טיש סערווירט גאָלדענע ברויט מיט גילדענע פרוכט — הוציאו לו לחם של זהב ותפוחים ורימונים של זהב על שלחן של זהב. עסט מען גאָלד ביי אייך? — פרעגט זיי אלכסנדר. — איינפאַ־כע פרוכט, קאָרן און ווייץ־ברויט האָסטו דאָך אין דיין לאַנד אויך, איז נאָך וואָס זשע ביזטו אַהער געקומען, אויב נישט נאָך גאָלדענע ברויט און פרוכט? — האָבען זיי איהם געענטפערט. פאַרלאָזענדיג קרטגני, האָט ער געהענדיג אויפגעשריבען אויפ'ן שטאָדט־טויער: „איך, אלכסנדר מוקדון, בין געווען א נאַרישער מלך — קרטגנ'ער פרויען האָבען מיך חכמה געלערנט.

אלכסנדר איז נאָך פיעלע שווערע מלחמות און גרויסע טריאומ־

פען געקומען צום באשלוס, אז ווייבער וויסען דאס לעבען בעסער פון איהם, אז נאלד איז בלויז א פאנאראמע, א מין אויגען פארבלענדעניש, אבער ניט קיין לעבענס סופארטער, און אט שרייבט אייזאפ דער גריך, אז א הונגריגער האהן האט זוכענדיג עסען אין מיסט, האט ער א קליינעם דימענט געפונען. וואס פאר א נארישע מענשען, זאגט דער האהן, מענשען שלאגען זיך פאר דעם, עס איז שעהן אבער ניט זאט מאכענדיג. מענשען, פאר נאלד, געלט, ארבייטען שווערער ווי זייערע כחות, אבער הערצער האבען זיי מעטאלענע, שטיינערנע, ווייט פון פיהלענדע, קיין הונגעריגען פארשטעהען זיי ניט, קיין ליידענדע פיהלען זיי ניט, און דער נביא ישעיהו, אן אויפגערעגטער, שרייט: „לכו נא ונוכחה, יאמר ד׳״, קומט לאמיר דיסקוטירען די פראגע — מערקט וואס איהר טוט: כספך היה לסיגים, סבאך מהול במים — דייגע געלט אויף וואס די גאנצע וועלט אייערע באשטעהט איז פאלש — פאלש פון אינווייניג און פאלש פון אויסוועניג. איהר פארגעסט דעם ועשית הישר והטוב״.

אט איז אייער לענדלארד. אליין וואוינט ער בעקוועם, אין רחבות, אין קאמפארט. זיינע טענענטס אבער האבען נישט פאר׳ן מאנאט די רענט צו באצאהלען. דריקט ער נאך ערגער ווי מען קען א חיה דריקען, און דער גייסט פון צו דריקען דעם טענענט איז אזוי אין דער מאדע, אז אפילו א סאציאלע קערפערשאפט האט אן אלמנה א שער־האלדערין פון איהרע קאאפעראטיווע הייזער ארויסגעזעצט. האט איינער א פעקטארי און ארבייטער ארבייטען, אונטערדריקט ער זיי ווי זיי וואלטען ניט געלעבט אין א צייט פון ציוויליזאציע, נאר אין א צייט פון שקלאפעריי, סלייוועריי.

די תורה זאגט אן: „ולא תשים דמים בביתך כי יפול הנופל ממנו, וחי אחיך עמך״. רעכען זיך מיט א געפאלענעם, ער איז א ברודער, אן ארבייטער אבער א ברודער. און איהר רעכענט זיך ניט מיט דעם. זייערע ארבייט איז מצרים ארבייט און זייערע ווידזשעס איז אזוי קליין — וכספך היו לסיגים״, גאר ניט, איהר צאהלט זיי מיט פסולת, ניט קיין געלט, און דער נביא ישעיהו שרייט אויס פון מיט אויפרעגונג: „רחצו, הזכו״, — ווערט ריין, מענשען!

אלכסנדר האט פון פרויען געלערענט, אז צדקה מיינט ניט נור

א שטיקעל ברויט, נאר נאלד, געלד, אזוי פיעל דארף טשאריטי גע־נעבען ווערען, אז יענע זאלען פיהלען אז זיי זיינען ברידער — „וחי אחיך עמך".

אונזערע חכמים, אין שקלים, לערנען: „באחד באדר משמיעין על השקלים ועל הכלאים" מען מוז בעקאנט מאכען אויף ביי־דע זאכען צוזאמען, אז געבען זאל מען שקלים, פאר קיין פאל ניט „כלאים". די שקלים דארפען זיין ריינע, ניט קיין אויסמיש מיט קו־פער, צין, אדער בליי, וואס זאל גרילצען אין די אויערען. צדקה דארף זיין אנשטענדיג און מיט'ן גאנצען הארצען און ניט קיין סיגים, ניט קיין פסולת.

ר' יוחנן זאגט: „כל הגוזל את חברו שוה פרוטה, כאילו נוטל את נשמתו ממנו. שנאמר: כן ארחות כל בוצע בצע את נפש בעליו יקח" (בבא קמא קי"ט) — אויב איינער רייסט פון צדקה א פרוטה נאר ארונטער, הייסט ער שוין א רויבער, א גזלן. זאגט דער מדרש א הייליגען, שיינעם בליציגען רעיון אויף דעם (ויקרא רבא): „אמר העשיר לעני, דער רייכער זאגט צום ארימאן: „למה אין אתה הולך ויגע במלאכה? ראה שוקים, ראה כרעים, ראה בעל כרם, ראה בעל בשר. אמר לו הקב"ה, לא דייך שלא נתת לו משלך מאומה אלא במה שנתתי לו אתה מכנים לו עין רעה", — ווארום ארבייטסטו דו ניט, זעה וואסערע פאלקעס, קניהען, סאר'א בויך, סאר'א אנגעפיעלט־ער! זאגט גאט, ניט גענוג וואס דו גיסט איהם ניט דיינע, ביזטו איהם מקנא וואס איך גיב איהם: על תגזול דל כי דל הוא, זאגט שלמה המלך (משלי כ"ב). פרעגט די גמרא: א דל, אן ארימאן, וואס קען מען ביי איהם גזלנ'ען? ענטפערט די גמרא: מען גזל'ט די מתנות עניים: לקט, שכחה, פאה מעשר עני.

יא, רבותי! צו די פרויען דארף איך פיעל וויי‍ניגער ריידען, ווייל ווער נאך ווי א פרוי פארשטעהט און פיהלט מיט די לאגע פון אן אלמנה און א יתום, א הונגעריגען, א נאקעטען. ווער נאך ווי פרויען פארשטייען די נויטיגקייט פון אן אנשטאלט (ת"ת, ישיבה, ג"ח, עני אנשטאלט) זיי וועלען שוין זייערס געבען. אבער איהר, מענער, האיש מצווה, איהר זיינט די אנגעזאגטע, צו אייך שרייט ישעיהו הנביא זיינע גאלדענע ווערטער: „הלא פרס לרעב לחמך ועניים

מרודים תביא בית, כי תראה ערום וכסיתו ומבשרך לא תתעלם. אז תקרא וד׳ יענה, תשוע, ויאמר הנני. און דאָס, זאָגט די גמרא: „ר׳ אליעזר יהב פרוטה לעני ומצלי״, אפילו אַן אָרימאַן וואָס קאָן קיין דאָלארען ניט געבען, דארף זיין פרוטה ניט פארמיידען און געבען צדקה דארף געבען יעדער קלאָס מענש, רייך צי אָרים, ווייל ישראל ערבים זה בזה.

און ווייסט איהר ווי ר׳ נחום׳קע גראָדנער האָט צדקה געגעבען? וועל איך אייך דערצעהלען. ער האָט געהערט פון אַ אידען אַ יורד, טאַקע אַ געשעפטסמאַן, נאָר זעהר אָרים, ממש מען דארף איהם ראַטעווען. און קיין צדקה וועט ער ניט נעמען. געהט ר׳ נחום׳קע צו איהם און גיט איהם פופציג רובל און בעט איהם: „איהר פאָהרט דאָך קיין ווארשע נאָך סחורה, האָב איך דאָרט אַ פריינד, אַן אָרימאַן. זיין אדרעס ווייס איך ניט. אפשר וועט אייך געלינגען איהם אויסצוגעפינען און איהם געבען דאָס געלט. — רבי, איך פאָהר אָבער ניט אזוי גיך קיין ווארשע — בעט זיך דער קרעמער. — עס שאַדט ניט, נעמט דאָס געלט און ווען איהר וועט זיין דאָרט, וועט איהר עס איהם געבען. אין אַ צייט ארום, ווען דעם קרעמער האָט אָנגעהויבען בעסער געהן, קומט ער צו ר׳ נחום׳קען: — רבי, איך בין געוועזען אין ווארשע, איך האָב ניט געקענט אייער פריינט געפינען. נאָט אייך אָפּ אייער געלט מיט דאַנק.

אזוי איז דער וועג פון צדקה, נישט צו פארשעמען דעם מקבל, נאָר מיט׳ן גאַנצען הארצען איהר פיהלען און געבען, וועט דער רבש״ע דער אמת׳ער בעל הבית פון: „לי הכסף ולי הזהב״, זיין חוב אייך מיט פּראָצענט באַצאָהלען פאר יעדע נתינה — צעהן מאָל אזויפיעל.

דרוש לג.

דער גאָלד סטענדאַרד

אונזערע הייליגע אינסטיטוציעס

איכה יועם זהב ישנא הכתם הטוב, תשתפכנה אבני קודש בראש כל חוצות, בני ציון היקרים המסלאים בפז איכה נחשבו לנבלי חרש מעשה ידי יוצר.
(איכה ד׳ א־ב).

אין דער אמת׳ן, ווי מיר ווייסען אלע, באזיצט ניט קיין גאָלד און זילבער וועלכע ניט איז באזונדערע וויכטיגקייט וואָס זיי זאָלען זיין טייערער פאר אייזען, פאר צין אָדער בליי. וואָרום זאָל א מענש הונגעריג זיין און זאָל קיין ברויט ניט האָבען, קען ער ניט עסען קיין גאָלד און קען ניט עסען קיין זילבער, אזוי גוט ווי ער קען ניט עסען קיין אייזען, צין אָדער בליי. די איינציגע חשיבות זייערע איז, וואָס פאר גאָלד און זילבער קען ער זיך איינקויפען א סך מעהר ווי ער קען איינקויפען פאר די איבעריגע מעטאַלען.

דאָס זעלבע אויך די עשירות, אז און פאר זיך, האָט עס ניט קיין שום וויכטיגע באדייטונג, וואָרום ווען זיין צייט קומט די וועלט צו פארלאָזען, נעהמט ער מיט זיך קיין גאָלד און קיין זילבער אויך ניט מיט, זיין גאנצען רייכטום מוז ער איבערלאָזען, הייסט עס, פון זיין רייכטום האָט ער גאָרניט קיין אויסערגעוועהנליכע גליקען.

אָבער א רייכער מענש וואָס גאָט האָט איהם באַשאָנקען מיט דעם ריכטיגען פארשטאַנד, מיט א שכל הישר, אז ער געהט בדרך התורה והמצוה און פיהרט זיך אויף ווי גאָט האָט געבאָטען, ער לערענט די תורה און טהוט צדקה און מעשים טובים, דאן ווען ער

דארף אוועקגעהן אויף דער אנדערער וועלט, האָט ער מיט זיך זעהר פיעל מיטצונעהמען, ווי דער פסוק זאָגט „בצל החכמה בצל הכסף", ווייל מיט זיין גאָלד קען ער זיך איינקויפען חיי עולם הבא, אז ער זאָל זיין גאָלד ספענדען צו העלפען שוהלען, תלמוד תורות, שטיצען אָרי־מע, תלמידי חכמים, הכנסת כלה און דאָס גלייכען; דער עושר וואָס פיהרט זיך אזוי, קען זיך ריהמען מיט זיין רייכטום, ביי איהם האָט די רייכקייט א ריכטיגע חשיבות, ביי איהם שטעהט טאַקע די גאָלד און די זילבער אין א פיעל העכערער מדרגה ווי די אייזען, צין אָדער בליי, וואָרום ער האָט אויפגעטאָהן אזעלכע זאכען, וואָס מיט אייזען, צין אָדער בליי וואָלט ער ניט געהאט די מעגליכקייט דאָס אלעס אויפצוטאָהן.

און עס איז ווירקליך צו באדויערען דעם רוב פון אונזערע עשירים וואָס גיבען אוועק זייער צייט און ענערגיע זיך איינצושאפען רייכקייט, וויפיעל זיי מאַכען איז זיי גאָרניט גענוג און זיי קאָנען זיך גאָר ניט אָנזעטיגען, און אויף וואָס פארספענדען זיי זייער געלט, ניט אויף זאכען וואָס האָבען א קיום לעולמי עולמים, ניט אויף דברים שבצדקה וואָס זיי וואָלטען איהם זיין א צדה לדרך ווען ער וועט דארפען פארלאָזען די וועלט; נאָר ער גיט זיין געלד אוים אויף אכילה ושתיה, דעם מאָגען אָנצופילען, אויף שעהנע מלבושים ווי עס טראָ־גען די גרויסע שררות און אויף אַנדערע קערפערליכע הנאות, אויף דעם קאָרגט ער גאָרניט, אויף אזעלכע זאכען האָט ביי איהם געלט קיין ווערט ניט און ער ספענדעט מיט דער פולער האנט.

אז עס קומט איהם אָבער אוים צו ספענדען עטוואָס געלד פאר א דבר מצוה, פאר א צדקה, פאר א צרכי צבור, דאן ווערט ער אזוי אויסגערעכענט, יעדע פרוטה שפּילט א גרויסע ראָלע און זי איז ביי איהם זייער א שווערע געוויכט, אזא רייכער מאן איז ניט בעסער פאר אן אָרימאן. אז עס וועט קומען זיין סוף וועט ער אויך גאָרניט האָבען וואָס מיטצונעהמען, דאָס זעלבע ווי דער אָרימאן. אין איין פּרט איז איהם נאָך ערגער פאר דעם אָרימאן, וואָרום דער לעצטער האָט דאָך ניט געקענט טאָהן עפּעס גוטס, ער איז דאָס ניט געוועזען ביכולת צו טאָהן, און ער, דער רייכער, האָט דאָס יאָ געקענט טאָהן נאָר ער האָט עס ניט געטאָהן אוים נארישקייט, ווייל זיין הארץ

האָט איהם ניט געלאָזט טהאָן עפּעס גוטס, וועט ער נאָך דאַרפען דערפאר אָפּגעבען דין וחשבון.

די גמרא זאָגט, לא חרבה ירושלים אלא על עזבם את תורתי, איז דער פּשט דערפון אַז ירושלים איז חרוב געוואָרען ווייל איהרע רייכע לייט האָבען זיך ניט געקימערט פאר דעם כבוד התורה און האָבען זיך ניט געקימערט איהר צו שטיצען ווי זיי האָבען געהאַט די מעגליכקייט, און האָבען ניט געוואָלט העלפען א תלמיד חכם, און דערפאר זאָגט ירמיה: היו שריה — אלו תלמידי חכמים — כאילים, לא מצאו מרעה, זיי אָבען ניט געהאַט אויף אַ שטיקעל ברויט.

און דאָס איז וואָס ירמיה באַדויערט די רייכע פון דער צייט, וואו איז אייער רייכקייט? און וואו איז אייער גאָלד און זילבער וואָס איהר האָט, וואָס האָט איהר מיט דעם אויפגעטאָהן, מעהר ווי איהר וואָלט געקענט אויפטאָהן מיט אייזען, צין אָדער בליי? איכה יועם זהב, ווי פאַרטונקעלט עס איז געוואָרען די געשטאַלט פון גאָלד און זילבער, ווי זיי האָבען פאַרלוירען זייער חשיבות אויב מיר זעהן אַז „תשתפכנה אבני קודש בראש כל חוצות", אַז אָרימע תלמידי חכמים לידען שרעקליכען נויט, און איהר רייכע האָט גאָרניט קיין אינטערעס זיי צו באַהילפיג זיין, זייערע פאַמיליעס לידען שרעק־ליכען הונגער און איהר רייכע טהוט גאָרניט פאר זייערטוועגען, איהר לאָזט זיי איבער צו זייער שיקזאַל, „איכה יועם הזהב", ווי טונקעל עס איז געוואָרען דאָס גאָלד ווייל עס האָט פאַרלאָרען זיין חשיבות.

זאָלען אונזערע אידען, וואָס גאָט האָט זיי געבענשט מיט רייכ־קייט נעהמען אין אכט די דאָזיגע הייליגע אמת'ע ווערטער, און זאָ־לען זיי באַרעכענען וויפיל גוטעס זיי קענען אויפטאָהן מיט זייער געלד, פאר זיך און פאר לייטען, און דאָס וועט זיי אליין פאַרשאַפען פאַרגעניגען.

ובזכות החזקת התורה ולומדיה, וועלען מיר געהאָלפען ווערען בכל הישועות, אמן.

דרוש לד.

הכנסת אורחים

מרגליות טובה

שמאי אומר: הוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות.
(אדר"נ י"ג).

איהר ווייסט דעם סדר השבוע: ביי אונז געהט פריהער נח — זעהר א טראגישער פרק אין לעבען, וואו מענשען געהען אונטער, א מבול פארשוויינקט אלץ און אלעמען, נאר נח איז גענוג גאסט־פריינדליך צו אלע נאטור ווען, נעמט זיי אין דער תבה אריין, באזארגט זיי מיט כל טוב, לויט ווי די גמרא אין סנהדרין דערצעהלט: בריה שדרכה להאכילה ביום האכלנוה ביום, בלילה האכלנוה בלילה, זקות זו (די כאמעלאן) לא היה נח יודע מה היא אוכלת עד שראה שבלעה תולעת, היה גובל לה חזרא שהתליעה. וכשראה שהחול אינו תובע מזונות, שאלהו, וכאשר החול ענהו: ראיתיך טרוד ולא אצערך, ברכהו שלא ימות. וזהו: וכחול ארבה ימים. א גרויסער מכנים אורח איז געווען נח, האט ער געזארגט, אז יעדעס באשעפעניש זאל באקומען וואס איהר פעהלט. און אז גאט האט געשווארען מעהר די נאטור ניט צו צוברעכען, לייענען מיר די סדרה פון אונזער אידישען גורל, די סדרה „לך לך". אברהם, דער איד, אין רעגען און שנעע, אין הערבסט אין ווינטער — „לך לך", האלט דעם וואנדער־שטעקען און געה, שפאן פון ארט צו ארט, וואו געגעכטיגט ניט געטאגט, ווייל אזוי דארף דיין לעבען זיין...

זאגט דער מדרש זעהר שעהן (בראשית רבה) לך לך מארצך, למה היה דומה? לצלוחית של פליטין שהיתה מוקפת צמיד פתיל

ומונחת בזוית ולא היה ריחה נודף, כיון שנטלטלה ממקומה היה ריחה נודף. אף כך אברהם. אברהם קען נאָר בעריהמט ווערען מיט זיינע מעשים טובים, נאָר ווען ער האָלט אין געהן פון אָרט צו אָרט, — דאַן קען ער אנערקענט ווערען. און אברהם ווערט ממילא גרויס דורך זיין פריינטליכקייט צו הכנסת אורחים, זיינע מאַנאָטעאיסטישע אידעען שפרייט ער אויס דורך זיין גוטסקייט צו אורחים. און דערי־בער, אז שרה שטאַרבט, וויל די וועלט וויזען זייער פריינטליכקייט צו אַברהמ׳ען און ס׳ווערט איהם אָנגעבאָטען אומזיסט א קבר פאַר שרה׳ן. אברהם זאָגט אָבער, א קבר דאַרף איך קויפען און הכנסת אורחים איז א געטליכע מדה, וואָס איך ערוואַרט ניט קיין קבלת פרס פאַר דעם. אין אויב זיין השפעה איז געווען גרויס פאַר אָרימע און פרעמדע, איז אָבער געווען סדום, און זיין ברודער׳ס זוהן לוט אפילו האָט ניט געקאָנט צוריק האַלטען די רשעות פון סדום.

רבי יהודה אומר: הכריזו בסדום ואמרו: כי מי שהוא מחזיק בפת לחם לגר ולעני ואביון ישרף באש (פדר״א כ״ה) — מיט פייער האָבען זיי פאַר׳משפט יעדען וואָס האָט ארויסגעוויזען פריינד־ליכקייט צו אורחים. אברהם האָט אָבער דער וועלט א לעקציע געגע־בען: ווען זיין זוהן איז געבוירען געוואָרען, האָט ער איהם גערופען יצחק. זאָגט דער תנחומא תולדות: יצחק מיינט: יצא־חק לעולם — עס איז א געזעץ, א חוק פאַר דער וועלט, אז גאָט באַצאָהלט אפילו למעלה מן הטבע, א מאַן און א פרוי פון הונדערט יאָהר אַלט האָבען א זוהן געבוירען איבערנאַטירליך, ווייל זיין מצוה הכנסת אורחים איז אויך איבערנאַטירליך, און סדום פאַר איהר רשעות׳דיגע אי־בערנאַטירליכע בעטל איז אויך איבערנאַטירליך דורך גפרית ואש מן השמים אָפּגעווישט געוואָרען. און דאָס מיינט די גמרא (בבא בתרה ט״ז) אבן טובה היתה תלויה בצוארו של א״א שכל חולה הרואה אותה מיד נתרפא. וכשנפטר אברהם אבינו נטלה הקב״ה ותלאה בגלגל חמה. מיט אברהמ׳ס טויט וואָלט די וועלט ניט געקענט עק־זיסטירען, מענשען, חיות איינער צום צווייטען, ווער עס זאָל וועקען זיי און לערנען מענשליכקייט איז ניט געווען מעהר, האָט גאָט אברהמ׳ס דימענט, זיין גוטע האַרץ, זיין הכנסת אורחים מדה איבער־געהאַנגען אויף דער זון, וואָרעמט זיך און זעהט דער זונ׳ס פריינדליכ־

קיים צו יעדען איינעם אָהן אונטערשייד, וועט איהר פאַרשטעהן ווי זיך צו פיהרען לויט אברהמ׳ס פאַרשריפטען.

און דעריבער, רבותי, מוזט איהר וויסען אַז מענשליכקייט און הכנסת אורחים איז איין און די זעלבע זאַך, אָבער אין אייערע הענט ליגט עס צו אַנטוויקלען אַזוי, אַז איהר זאָלט זיין ראוי זיך צו רופען אברהמ׳ס קינדער און מושפעים פון אברהם אבינו. הוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות, — זאָגט דער אַלטער תנא שמאי, און מיינען מיינט עס, אַז ווי אַ מענש זאָל זיין שטרענג צו זיך, דאַרף ער אָבער געדענקען אין הכנסת אורחים, און אַז אַן אורח בענשט, און אַז אַ פרעמדער הערט אַ גוט וואָרט, איז עס אַ היילונג צו זיין הארצען. כי גרים הייתם בארץ מצרים — ווער נאָך ווי איהר ווייסט וואָס דאָס מיינט אַ פריינטליכער וואָרט, אַ פריינטליכע נתינה. און דאַן, ווען מיר וועלען אַזוי באַשיידען זיין מיט דער מדה, וועלען מיר זוכה זיין צו דער גאולה אמתית בארץ האבות, במהרה בימינו, אמן.

דרוש לה.

למען ציון לא אחשה

וועגען די ישיבות אין עה״ק ירושלים ת״ו

למען ציון לא אחשה ולמען ירושלים
לא אשקוט עד יצא כנגה צדקה.
(ישעיה ס״ב א׳).

דער האַרצרייסענדער וועה געשרעה, וואָס דערגרייכט צו אונז פון ירושלים עה״ק וועגען דער קריטישער לאַגע פון די ישיבות און די מוסדות התורה והחסד, וואָס געפינען זיך אין אַזאַ טרויעריגער נעדריקטער נויט, פאַרקלעמט אונזער האַרץ ביז דאָס שרעקליכסטע.

כי מציון תצא תורה — די תורה געהט חס ושלום אוועק פון ציון!

אין דער גמרא ווערט געבראַכט: „ת״ר ארבעים שנה קודם **חורבן הבית וכו׳ והיו דלתות ההיכל נפתחות מאליהן** עד שגער בהן ריב״ז, אמר לו: היכל, היכל, מפני מה אתה מבעית עצמך? יודע אני בך שסופך עתיד ליחרב, וכבר נתנבא עליך זכריה בן עדוא. פתח **לבנון דלתיך ותאכל אש בארזיך** (זכריה י״א). אמר ר׳ יצחק בן טבלאי, למה נקרא שמו לבנון, שמלבין עונותיהן של ישראל (יומא ל״ט ע״ב) .

פערציג יאָהר פריהער איידער גאָט האָט אויסגעגאָסען זיין צאָרען אויף ירושלים און דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, פלעגען די טויערען פון גאָט׳ס הויז זיך בריית צועפענען פון זיך אַליין, איבערהויפט אין צייטען ווען עס איז נאָר נים נויטיג געווען. דאָס איז געווען אַ סימן לאויבים לבא וליכנס (רש״י ז״ל). און דאָס איז נים קיין גוטער סימן, דאָס איז אַן אָנזאָג פון חורבן, פון אונטערגאַנג, ח״ו.

א רמז דערצו געפינען מיר אויך אין א פסוק אין דער תורה: „אלה פקודי המשכן משכן העדות (שמות ל״ח כ״א) זאָגט רש״י דער־רויף: המשכן משכן שני פעמים, רמז למקדש שנתמשכן בשני חורבנין על עונותיהן של ישראל״. דער ערשטער משכן איז די נקודה א קמץ, וועלכעס מיינט געשלאָסען, פון לשון קימוץ; און דער צווייטער משכן איז מיט א פתח, וועלכעס מיינט צעעפענט. דאָס איז א רמז אויפ׳ן חורבן פון די צוויי מקדשים, וועלכע זיינען געגומען געווארען אלס משכון אויף די עונות פון ישראל, בעת׳ן חורבן.

פערציג יאָהר פאר׳ן חורבן פון דעם ערשטען בית המקדש, האָבען זיך זיינע טויערען ניט געוואָלט עפענען, ווייל אין דער צייט פונ׳ם ערשטען בית המקדש איז זייער חטא באַטיטעלט געוואָרען מיט „חבור עצבים אפרים״, זיי האָבען געזינדיגט בין אדם למקום, זיי זיינען אָבער געווען איינינג צווישען זיך — אחדות, ברודערשאַפט האָט געהערשט צווישען זיי. דערפאר איז דער ערשטער משכן מנוקד מיט דער נקודה „קמץ״ וואָס דאָס באדייט, איינגעשלאָסען, איינגעהאַלטען, און דאָס האָבען באוויזען די טויערען פון בית המקדש, זיי האָבען זיך ניט געוואָלט עפענען, ביז וואנען עס איז ניט געקומען זכריה הנביא און האָט אויסגעדרונגערט מיט זיין געטליכער שטימע: „פתח לבנון דלתיך״ (זכריה י״א א׳) און זיי זיינען אונטערטעניג געוואָרען און האָבען נאָכגעגעבען.

ביים צווייטען בית המקדש איז אָבער געווען א פארקערטע געשיכטע — בין אדם למקום זיינען די אידען געווען אויסגעצייכענט, אידען האָבען זיך עוסק געווען אין תורה ועבודה, מען איז געזעסען און געלערענט. אין יענער גלאררייכער תקופה איז געבויט געוואָרען די גרעסטע תורה פעסטונג: ששה סדרי משנה און די צוויי תלמודים, בבלי און ירושלמי זיינען דאן ענטוויקעלט און פארפאלקאָמט געוואָרען, בידוע אָבער בין אדם לחבירו איז געווען גרויסע צרות. איין איד מיט דעם צווייטען האָט ניט געקענט דורכקומען. שנאת חנם האָט געהערשט און געבושעוועט. און דאָס האָבען אויך מרמז געווען די טויערען פונ׳ם בית שני, וועלכע האָבען זיך צעעפענט פון זיך אליין. דעריבער איז דער צווייטער משכן מנוקד מיט א פתח, ווייל עס פעהלט די פאר־

איינינונג, און דאָס איז געווען דער סימן פון זייער אונטערגאַנג, פון זייער חורבן.

און מה שאירע ליעקב אירע לבניו — וואָס עס האָט פּאַסירט ביי אונזערע בתי המקדש אין די אַלטע יאָהרען, קומט איצט פאַר מיט אונזערע הייליגע ישיבות אין ירושלים, די בתי המקדש פון היינטיגע צייטען. דער איינציגער ליכט־טורעם אינ׳ם ברויזענדען ים פון גלות. זייט דער ערשטער עליה נאָך ארץ ישראל האָבען אידען געשטרעבט צו האָבען אין ירושלים ישיבות, ווייל זינט אידען זיינען א פאָלק איז ירושלים געווען דער מרכז התורה והקדושה, די הויבט שטאָט פון דעם אידישען גייסטיגען לעבען. אין איהר זיינען געווען די בתי המקדש, אין איהר זיינען געווען די כהנים און די לוויים, און אזוי האָבען אויך די אידען פון די פריהערדיגע דורות זיך מוסר נפש געווען, אז ירושלים זאָל זיין און בלייבען א מקום תורה, ווי דער פסוק זאָגט: „כי מציון תצא תורה ודבר ד׳ מירושלים״. און זייט דורות יאָהרען עקזיסטירען דאָרט די גרויסע וועלט באַריהמטע ישיבות „עץ חיים״, „תורת חיים״, „חיי עולם״, „מאה שערים״, „אהל משה״, „אור תורה״, וואָס די גרעסטע רבנים גאוני וצדיקי עולם האָבען אוועקגעגעבען זייער כח און ענערגיע, אז זיי זאָלען וואַקסען און זאָלען ארויסגעבען גוטע פרוכט, און זיי האָבען אין דער צייט פון זייער עקזיסטענץ אויפגעטאָן וואונדער. זיי האָבען ארויסגעגעבען א צאָהל רבנים וואָס זיינען א שטאָלץ פאַר דעם אידענטהום, זיי האָבען געשטרעבט און דערפיעלט דעם וואונש פון „וכל בניך למודי ד׳״. אין צעהנדליגער און הונדערטער קהילות אין אמעריקע און אין אנדערע וועלט טהיילען באַטרעטען די תלמידים פון אָט די ישיבות די שטעלעס פון רבנים, ראשי ישיבות און פּרינציפּאַלס און פאַרשפּרייטען גאָט׳ס וואָרט צווישען אידען איבער דער גאַנצער וועלט. אָבער א חוץ דעם וואָס די ישיבות האָבען ארויסגעגעבען רבנים, האָבען זיי געמאַכט דאָס גאַנצע אידענטום פאַר אן „עם הספר״. זייער השפעה איז געווען, און איז אויך איצט, אזוי גרויס אויף דעם כלל און אויף דעם פרט, אז עס איז גאָר אוממעגליך צו מאָהלען דעם שעהנעם בילד מיט זיינע ליכטיגע קאָלירפולע פאַרבען, און דאָס קען מען בלויז זעהן זייענדיג אויפ׳ן פלאַץ אין ירושלים גופא.

ליידער אָבער זייט שוין אַ צעהנדליג יאָהר אַז די סימנים פון חורבן האָבען זיך באַוויזען ביי די טויערען פון די הייליגע ישיבות, וואָס פאַרנעמען היינט דעם פּלאַץ פון די בתי מקדשים. רוסלאַנד און אַמעריקע זיינען געוועז די הויפּט זיילען אויף וועמען די ישיבות האָבען זיך געהאַלטען, פון זייער באַגייסטערונג פאַר דער הייליגער תורה האָבען זיי אָט די ישיבות געשטיצט מיט אַן אָפענער האַנט, און די ישיבות האָבען כח געהאַט צו ערפילען זייער אויפגאַבע אויפצו־האַלטען מיט חיונה די יונגע לייט וואָס האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט לייב און זעעלע צו דער הייליגער עבודה פון לימוד תורה.

אין גטין (דף נ״ו ע״א) דערצעהלט אונז די גמרא, אַז ווען נירון קיסר איז געקומען אויף ירושלים מיט איהר מלחמה צו האַלטען, „שדא גירא למזרח אתא נפל בירושלם, למערב — אתא נפל בירושלם, לארבע רוחות העולם — אתא נפל בירושלם״, וואו ער זאָל ניט האָבען געוואָרפען זיין פייל, אין מזרח, אין מערב, אָדער אין וועלכער אַנדער זייט פון דער וועלט, איז די פייל אַלץ געקומען אין ירושלם, וואָס די מליצה דערפון איז, אַז וואו עס זאָל ניט טרעפען אַ צרה, מאַכט עס אַ ווירקונג און עס האָט אַן אָפּקלאַנג אין ירושלים.

אזוי שנעל ווי עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די וועלט מלחמה, זיי־נען די ערשטע געטראָפען געוואָרען די ירושלים׳ער ישיבות. אין די אַלע יאָהרען וואָס די מלחמה האָט אָנגעהאַלטען, האָט ירושלים ניט באַקומען די נויטיגע שטיצע וואָס זי האָט געוועהנליך געהאַט פון איי־ראָפּע און זיי האָבען אָנגעהויבען ליידען דחקות. רוסלאַנד, דאָס לאַנד מיט דער גרעסטער אידישער באַפעלקערונג איז רויט־קאָמוניסטיש גע־וואָרען און האָט מעהר ניט געקענט אַנטהייל נעמען אין דער הייליגער אַרבייט. אזוי אויך פוילען און אַנדערע מדינות, וואָס האָבען זיך באַ־טייליגט אין דער החזקה פון די ישיבות — זיי זיינען אַליין פאַראָרימט געוואָרען און ביי זייער בעסטען ווילען זיינען זיי ניט בכח צו העלפען די ישיבות און די הייליגע מוסדות התורה אין ארץ ישראל, און די אומצעהליגע הונדערטער ישיבה לייט מיט זייערע פרויען און קינדער איז אויסגעקומען צו ליידען דבר וחרב ורעב ויגון ר״ל. זייער איינ־ציגער לעבענס קוואַל איז אויסגעטריקענט געוואָרען, די מאָנאַטליכע חודש־געלט, וואָס זיי פלעגען באַקומען פון דער ישיבה האָט גענצ־

ליך אויפגעהערט. אז די ישיבות באקומען ניט די געהעריגע שטיצע, קענען זיי דאך ניט העלפען זייערע ישיבה־לייט...

און שרעקליך און טרויעריג איז די לאגע פון אונזערע תלמידי חכמים, די אידען וואס לערנען די הייליגע תורה. זיי מיט זייערע פרויען און קינדער ליידען די שרעקליכסטע נויט, אהן ברויט און אהן די נויטיגסטע שפייז פאר זייערע קליינע קינדערלעך. די בריעף וואס ווערען דערהאלטען פון ירושלים שילדערען דעם מצב פון די דארטיגע ישיבה לייט מיט די טרויעריגסטע הארצרייסנדיגסטע שילדערונגען, אז דאס הארץ ווערט פארבלוטיגט און די אויגען פארפולט מיט טרע־רען.

אני הגבר ראה עני — מיט דריי יאהר צוריק ווען איך האב באזוכט מיינע עלטערען אין ירושלים עיה"ק, האב איך אליין געזעהן אין פיעלע הייזער פון די בני הישיבה ווי א קינד האט געבעטען נאך א שטיקעל ברויט, און די מוטער האט זיך געבעטען בלית ברירה זיך אנגעבייזערט אויפ'ן קינד פאר האבען די חוצפה צו בעטען נאך א שטיקעלע ברויט. ווייסט דען ניט אז באלד דארף משה'לע קומען פון חדר א הונגעריגער און איך דארף דאס שטיקעלע ברויט האבען פאר איהם? — שרייט אוים די אכזריות'דיגע מוטער צו דער קליינער מיי־דעלע... עוללים שאלו לחם פורש אין להם.

איך בין בעת מעשה א פארשטיינערטער און א בלוט־פארגליווער־טער געשטאנען און געטראכט: רבונו של עולם! פון די שיריים וואס מען ווארפט אין אמעריקא ארוים נאך יעדען עסען, וואלט מען דאך באלד אלע בני ישיבה מיט זייערע פאמיליעס געקענט אנזעטיגען און דערקוויקען. ווייל זיי ווייסען דאך גאר ניט וואס גוט איז. פריי־שע צאפעלדיגע בראילערלאך און פוירסט־קאט לעם־טשאפס און א. וו., ווייסען זיי דאך גאר ניט ווי אזוי דאס קוקט אויס. ווייל דאס איז דאך א מאכל פאר די חשובע כלבים'לעך אויף פארק און וועסט ענד עווענויס. זיי נעבעך די צאן קדשים פון די תלמידי חכמים וצדיקים האבען אפילו ניט קיין ברויט מיט א ביסעלע אויל באשמירט צו דער זאט.

כל העולם נזון בשביל חנינה בני, וחנינה בני די לו בקב חרובים די גאנצע וועלט לעבט אין זכות פון דער השפעה פון ארץ ישראל . . .

און די בני היכלא, די משפיעים, די חנינה'ס אליין קומען אפ מיט א מעסטעל פארדארטען באקסער...

קול דמי אחיכם צועקים אליכם מן האדמה, אדמת הקודש, א וועה־געשרעה רופט צו אייך פון ירושלים, וואס דארף אויפשטורעמען אייערע הערצער און דערוועקען אייער רחמנות צו די לומדי התורה, די כהנים און לווים פון אונזער צייט, און זייערע פרויען און קינדער, אז זיי זאלען ניט פארהונגערען. דאס איז א „דרינגענדער „קול קורא", א רוף וואס איז פארבונדען מיט פקוח נפשות, וואס דארף און מוז גלייך גענומען ווערען אין אנבאטראכט, און גלייך פארענטפערט ווערען אויף א צופרידענשטעלענדיגען אופן, ווארים דאס איז א לעבענספראגע, ווען אומגליקליכע נפשות פייניגען זיך אין די שרעקליכסטע ארימקייט און אין דער גרעסטער נויט — שנעלע הילף איז נויטיג!

און ניט קיין מתנת חינם בעטען מיר פאר זיי, מיר האבען צו זיי א חוב, א פליכט. ווי די גמרא זאגט: „אלמלא תורה לא נתקיימו שמים וארץ. שנאמר: אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי. זיי האלטען אויף דעם אידישען גייסטיגען לעבען און מיר מוזען אויך טהאן אונזער פליכט געגען זיי, ווי דער אלטער אפ־מאך איז שמח זבולון בצאתך ויששכר באוהליך.

די ערליכע אידען, וואס באטייליגען זיך אין די ציוניסטישע אונ־טערנעמונגען, דענקען געוויס, אז מיט זייערע דאלארען, וואס זיי גי־בען פאר ציוניסטישע ארבייט שטיצען זיי אויך די ישיבות אין ירושלים אזוי גוט ווי די אלע מוסדות הצדקה והחסד פון דעם אלטען ישוב, אבער דאס איז א טעות, וואס מוז איינמאל פאר אלעמאל אויפגעקלערט ווערען אפען. מיר זיינען דא ניט צו קריטיקירען די ארבייט פון די ציוניסטען. דאס איז ניט אונזער אויפגאבע. מיר ווילען אבער פעסטשטעלען, אז געלדער, וואס ווערען ניט געשיקט די־רעקט צו די ישיבות, באקומען ניט פון דעם קיין אנשטאלט א סענט. זיי קריגען נישט פון קיין אנדערע קוועלען, און אויך ניט פון די די ציונ'יסטישע. דער קרן היסוד פארברויכט זייערע געלדער אויף זיי־ערע העברעאישע סקולס, וועלכע ערציהען די קינדער נגד התורה והדת. און דעריבער איז איצט נאך מעהר חוב צו טהאן — עת

לעשות לד׳ — עס איז שוין צייט עפעס צו טהאָן לד׳, ווייל הפרו תורתיך — דער גייסט פון דעם פרייען העברעאישען חנוך שמעקט מיט הריסת התורה והדת. דארף מען זעהען צו שטארקען דעם געגען כח, דעם כח התורה הקדושה.

„אוהב ד׳ שערי ציון מכל משכנות יעקב. שערים המצוינים בהלכה" — ביי גאָט איז ליעב און טהייער די טויערען פון ציון, אָבער אזא ציון, וועלכער צייכענט זיך אוים מיט דער הייליגער תורה, וואָס זי קען שטאַלצירען, אז די קינדער געהען אין די תלמוד תורות און ווערען דערצויגען צו גוטע אמת׳ע אידישקייט, ברוח התורה והמסורה, וואָרום בעת הקב"ה האָט אונז געגעבען די תורה האָט ער געבעטען אַ גאַראַנטיע אז מען וועט די תורה לערנען און מקיים זיין די מצות, און ישראל האָבען זייערע קינדער געגעבען אלס אַ משכון דערויף, און דאָס מיינט „מפי עוללים ויונקים יסדת עוז", ואין עוז אלא תורה.

אוהב ה׳ שערי ציון, וואו עס זיצען יונגע לייט „מצוינים" בד׳ אמות של הלכה אין די היכלי התורה די ישיבות און זיינען עוסק בתורה ועבודה, יומם ולילה על טהרת הקודש..

אידען וואָס האָבען גאָט אין הארצען, אידען וואָס ארץ ישראל און די הייליגע תורה זיינען זיי ליעב און טייער, זאָלען זיך גיך און וואָרים אָפּרופען אויף דעם הילף־רוף פאַר די הייליגע ישיבות אין ירושלים און פאַר די הונדערטער אידען וואָס לערנען אין זיי, מיט זייערע פרויען און קינדער. „כל המקיים נפש אחת בישראל, כאלו קיים עולם מלא" — ווער עס דערהאַלט איין אידישען נפש, איז ווי ער וואָלט דערהאַלטען אַ עולם מלא, און דאַ איז אַ קאַטאַסטראָפע, וואו אַ גאַנצע וועלט טרינקט זיך אין נויט און אָרימקייט און איהר האָט אַ געלעגענהייט זיי צו העלפען. מי לד׳ אלי!!!

שנעלע הילף איז טאָפּעלטע הילף!

דרוש לו.

לסיום הספר

ולכל היד החזקה ולכל המורא הגדול אשר
עשה משה לעיני כל ישראל.
(דברים ל"ד).

זאָגט רש"י דאָס מיינט, ער האָט די לוחות מקבל געווען מיט די הענט. זאָגט די גמרא אין חולין: חביבין ישראל יותר ממלאכי השרת, אידען שטעהן במדרגה העכער פון מלאכים, אידען קענען מזכיר זיין דעם שם ה' נאָך צוויי ווערטער, שמע ישראל ד' און מלאכים הערשט נאָך דריי, קדוש קדוש קדוש ד', זאָגט דער ווילנער גאון ז"ל אז אין פיער ערטער איז דערמאָנט ד' נאָך צוויי ווערטער: בראשית ברא אלקים; ביי יעדער ברכה: ברוך אתה ד'; שמע ישראל ד'; ואהבת את ד'.

די מלאכים, דערצעהלען די חכמים ז"ל, האָבען פאַר־לאַנגט צו האָבען די תורה ביי זיך „תנה הודך על השמים", האָבען זיי געבעטען, ווען אָבער זיי וואָלטען די תורה באַקומען, וואָלטען זיי ניט געקענט לערנען בראשית ברא אלקים, ווייל ס'איז דאָך נאָך צוויי ווערטער און זיי דאַרפען פריהער דריי ווערטער ארויסריידען, און נאָך שטאַרקער ביי תלמי המלך האָבען די סעפּטואַגענטא דער תרגום השבעים אָנגעהויבען גאָר אלקים ברא בראשית, כדי עס זאָל ניט אויסזעהען ווי מעהרערע רשויות, איז דאָס די מיינונג פון רש"י ולכל היד החזקה, משה האָט די לוחות מיט צוויי הענט מקבל געווען, עס מיינט די תורה מיט צוויי ווערטער, דאָס וואָס מלאכים דאַרפען פריהער דריי. האָט אָבער א חכם געזאָגט, אז ווען א גוי וואָלט קומען צו מיר בעטען אויסלערנען די אידישע תורה שטעהענדיג על רגל אחת וואָלט איך איהם געלערענט דעם „אנכי ד' אלהיך",

און ניט הלל'ס מאמר: „מאן דסני עלך לחברך לא תעביד", איך וואָלט איהם געלערענט: „לא תעשה לך פסל וכל תמונה", ווייל ווי די מענשהייט זאָל ניט פראָגרעסירען, און ווי וויט די ציוויליזאַציאָן זאָל זיך ניט אויסשפּרייטען, גלויבען זיי אַלץ אין אַ גאָט'ס זוהן אָדער אין אַ מענש־גאָט פּערקערפּערונג, אַ מין סטאַלין אין רוסלאַנד, אַ מין היטלער ימח שמו אין דייטשלאַנד, זיי קענען קאָנצענטרירען רעליגיאָן נאָר אין אַ קאָנקרעטע זאַך, וואָס עס זאָל זייערע קערפּערליכע מענשליכע פיהלונגען זיין אנעהמבאר און דער "לא תעשה לך פסל" וואָלט זעהר גוט זיי אַ באַגריף געגעבען איבער אידישקייט, כל הכופר בעבודה זרה נקרא יהודי. און דאָס האָט משה באוויזען מיט'ן צוברעכען די לוחות.

אשר עשה משה לעיני כל ישראל, זאָגט דער ירושלמי אין תענית פ"ד — ששבר את הלוחות, מיט'ן צוברעכען די לוחות האָט משה געוויזען אָבוואָל די לוחות איז מעשה אלהים והמכתב מכתב אלקים, אבער דאָ איז ניט דאָס וויכטיגסטע די מעשה און דער כתב נאָר דער רוח אלקים, און אויב דער רוח אלקים איז ניטאָ אין אַ פאָלק, מאַכט זיך אַ עגל, איז די מעשה און דער מכתב גאָרניט ווערט, און די לוחות ווערען צובראָכען, און ווייל מיר אידען באַזיצען די תורת ד' מיט'ן רוח אלהים איז רעכט די גמרא אין ביצה כ"ה: „מפּני מה ניתנה תורה לישראל מפּני שהן עזין", ערקלערט רש"י ווייל מיר זיינען גרויסע בעלי תאוות, איז די תורה שוואַכט אָפּ אונזערע תאוות, אנדערע אָבער זאָגען איינפאַך, מיר זיינען שטאַרק לעבודת הבורא: הוי עז כנמר וקל כנשר, רץ כצבי וגבור כארי לעשות רצון אביך שבשמים (אבות ה'), אוןביידענס ערקלעהרונגען זיינען ריכטיג.

מיר זעהען אַלעס עקזיסטירענדעס אין דער בריאה איינגעטיילט אין פיער גרופּען: דומם, צומח, חי, מדבר, אונלעבעדיגע ארגאַנען, וואַקסענדע קערפּער, לעבעדיגע ארגאַנען און מענשען, אין די אַלע עקזיסטירענדע איז אָבער דאָ לעבען אפילו אין דומם וצומח איז דאָ אַ כח החיוני ווי די ביאָלאָגען זאָגען, נאָר דאָס לעבען איז שטופּענ־ווייז אין דומם ווייניגער ווי אין צומח א. אז. וו. אזוי פּסק'ענען מיר לדינא אויך, אז טויט, דאָס שטאַרבען קען ניט אַרויפוואַרפען אויף דומם אָדער צומח אַ טומאה. דער חי ווען ער שטאַרבט ווערט ער

אן אב הטומאה, אבער אז דער מענש שטארבט ווערט ער שוין אן אבי אבות הטומאה, ווייל ביים לעבען איז ער דער בחיר היצירה, איז ביים טויט ווערט ער דער שפל היצירה און אזוי איז בכלל דער דין אין טומאה, חולין ווערט נאר א שני לטומאה, תרומה ווערט א שלישי און קדשים א רביעי, וואס די זאך איז אין קדושה העכער, איז מעהר עלול צו מקבל טומאה זיין. דאס זאגט דער רמב"ן דעם כלל: "כל המקודש מחבירו חורבנו גדול ביותר". און אזוי אלע פעלקער האבען זייער פאלקס נשמה, נאר די נשמה מיט זייערע גופים הארמאנירען ניט אזוי ווי ביי אונז, ווייל מיר האבען א תורת חיים, זיינען מיר ביים לעבען אזוי וויכטיג, דעריבער ווען מיר ווארפען אונזער תורה אוועק, ווערען מיר אזוי שפל.

ביי אונז טאר קיין הפסק ניט זיין, מיר קענען ניט זאגען דע־ריבער אז מיר מאכען א סיום, מיר פארענדיגען, ביי אונז איז קיין פארענדיגען אליין ניטא, דער סיום און די התחלה געהען שלובי זרוע צוזאמען, לעיני כל ישראל — בראשית ברא, און אז והארץ היתה תהו ובהו איז אויך דאן ורוח אלקים מרחפת, אפילו ביי תהו ובהו, ביי שבירת הלוחות לעבט אויך דער רוח אלקים, "גוילים נשרפים ואותיות פורחות באויר", די קדושה ווירקט און צושפרייט זיך, ולכל היד החזקה, — משה האט איבערגעשטארקט די עליונים אפילו בשתי ידיו, „ידים עסקניות הן" שניות לטומאה הן, ווייל צו קדש זיי־נען אויך זיי די ערשטע, און דאס בעטאנט דער מדרש, והארץ היתה תהו ובהו וחשך אלו מעשיהם של רשעים, ויאמר אלקים יהי אור אלו מעשיהם של צדיקים. דער יצר הרע קומט שטענדיג פאר'ן יצר טוב און דעריבער רופט מען טאקע דעם יצר הרע „מלך זקן וכסיל", און ווייל דער אור קומט דאך נאך דעם חשך, איז אזוי שטארק ווי דער חשך איז, אזוי שטארק ווערט דער אור, ווען איינער טהוט תשובה, איז ער גרעסער ווי א צדיק, „מקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורין יכולים לעמוד (ברכות ל"ד).

מען דערצעהלט אז צו ר' יאשע בער'ן, סלוצקער רב, זיינען אמאל אריינגעלאפען בעלי בתים מיט א ויצעקו: רבי די כפירה ר"ל איז זיך מתגבר, מען לערענט טריף פסול ספרי חוץ, זאגט ר' יאשע בער, וואס איז דער חדוש, דער אמת איז תמיד גובר. — וואס רעדט איהר

רבי? שרייען די בעלי בתים, די כפירה רופט איהר אמת? — פאר־שטעהט איהר מיר — ענטפערט ר׳ יאָשע בער — די כופרים קעמפפען פאר׳ן שקר, מיט אן אמת, מיט אמת׳ע מסירת נפש, דעריבער זיינען זיי מצליח. די ערליכע אידען אָבער, קעמפפען פאר׳ן אמת מיט א שקר, נישט מיט׳ן גאַנצען הארצען, דעריבער איז נעבאך דער אמת ניט מצליח...

ביי א סיום דערמאָנען מיר ר׳ פפא מיט זיינע צעהן זיהן, ווייל ער האָט זיי געלערענט מיט אן אמת די סופי תיבות פון בראשית ברא אלהים איז „אמת", משה אמת ותורתו אמת!

און בעת מיר זיינען מסיים מאכען מיר צו דער זעלבער צייט די התחלה, און ווען מיר לערנען „בלב אמת" וועט זיכער דער יצר טוב און דער אמת גובר זיין, און דערצו דארף מען האָבען חיזוק, דעריבער לאָמיר אלע אויסרופען, חזק חזק ונתחזק!

דרוש לז.

להתחלה וסיום ספר תורה

וכל העם רואים את הקולות ואת הלפידים ואת קול השופר ואת ההר עשן וירא העם וינעו ויעמדו מרחוק.

(שמות כ׳ ט״ו).

וכל העם רואים את הקולות, רואין את הנשמע.

(רש״י בשם המכילתא)׳

זייער שעהן און ערהאבען איז אונזער כנסיה לשם שמים, ווען מיר קומען זיך צוזאמען צו דער שמחה של מצוה, זיך צו פרעהען בשמחת התורה, נעמען אן אנטהייל אין דער התחלה וסיום הספר פון דער ספר תורה, וואס אונזער חשוב׳ער פריינד גיט אריין אין שוהל. ער האט מקיים געווען א מצוה, וועלבע איז איינע פון די וויכטיגסטע פון תרי״ג מצוות: ועתה כתבו לכם את השירה הזאת. מיר אלע נעמען א חלק אין דעם מיט אריינשרייבען אן אות, און מיר פרעהען זיך מיט דער תורה כנתינתה מסיני.

איז דאס זעהר שעהן און פיין. עס צייגט אז די אלט־נייע תורה איז ביי אונז ליעב און טייער, מיר פרעהען זיך, מיר זשאלעווען ניט קיין מיה און קיין געלד, אבי מיר זאלען אונזער תורה שעהן באַ־ציערען מיט קאסטבארע זילבער און טייערען פלוש, ווי עס פאסט זיך פאר אזא הייליגקייט, מען דעמאנסטרירט אין די גאסען מיט איהר און מיר שרייען אוים צו דער וועלט: שישו ושמחו בשמחת תורה, כי הוא לנו עוז ואורה...

ווערט אבער אביסעל קאלעמוטנע אויפ׳ן הארצען ווען מיר זעהען, אז באלד נאכ׳ן ובנוחה יאמר שטעלט מען אריין די תורה אינ׳ם ארון קודש, און דער גאנצער ענטהוזיאזם און אינספיראציע פארשווינדט, און תורה מונחת בקרן זוית איינזאם און פארגעסען.

נאכדעם וכל העם רואים את הקולות, וועלכעס איז ניט א זאך

פון דער פארגאנגענהייט, ווייל אין פלוג האָט געדאַרפט שטעהן: ראו, לשון עבר. און עס שטעהט רואים, לשון הוה — די גאַנצע ער־שיינונג פון מעמד הר סיני מיט איהר גאַנצען פּראַכט שטעהט אונז פאר די אויגען, און מיר זיינען אין דער בחינה פון רואים את הנשמע.

איז אָבער דער וויכטיגסטער טהייל כמעט ווי אין גאַנצען פער־שוואונדען און דער „נעשה" איז כמעט ווי פארגעסען און אפילו דאָרט וואו ער עקזיסטירט נאָך, הינקט ער אויך נעבאך אונטער א היבש ביסעל.

די תורה הייסט טאקע ועשו לי מקדש, מען זאָל פאר כביכול הקב"ה מאכען א מקדש מעט וועלכעס מיינט א שוהל, אָבער, ושכנתי רוהען וועל איך ניט אין מקדש, נאָר „בתוכם"! ביי יעדען אידען אין הארצען, אין יעדער אידישע היים, אין וועלכע עס ווערט פּראַקטיצירט און רעאַליזירט דער „נעשה".

ביי אידען איז א מקדש מעט אנערקענט אַלס א בית המדרש אָדער בית הכנסת. „גאָט'ס הויז" אָבער, איז פארשטאַנען געוואָרען מיינט א כשר אידיש הארץ, און די אידישע היים.

ערשט די רעפאָרמער האָבען אויסגעטראַכט אזא קלינגענדען נאָ־מען, ווי גאָט'ס הויז, בית אל, בית אלקים. עמנו־אל, פאר זייערע טעמפּלען, ווייל זייערע היימען זיינען ניט אידיש, ווייל אויסערהאַלב זיין טעמפּעל וועלכער איז אידיש בלויז אין נאָמען איז ער גלייך ככל הגוים.

וואָס איז די פעולה צו פרעהען זיך מיט דער תורה אין שוהל, און צו דער זעלבער צייט איהר ניט לאָזען איבערטרעטען די שוועל פון דער היים?...

דאמיט קענען מיר פארשטעהן די כונה פונ'ם פסוק: וכל העם רואים את הקולות ואת הלפידים ואת קול השופר ואת ההר עשן וירא העם וינעו ויעמדו מרחוק — נאָך דעם גאַנצען טומעל און פרייד, אויסערגעוועהנליכע אינספּיראַציע און ענטהוזיאַזם, פון די קולות מיט די לפידים, וקול השופר, איז געבליבען את ההר עשן — פון דער גאַנצער שמחה איז געבליבען עשן — רויך...

ווייל, ווען איהר נעמט אוועק די „הם" פון די ווערטער „נעשה נשמע", די ה' פון נעשה, און די מ' פון נשמע, בלייבען איבער די

ווערטער עשן — עשן נישט מעהר ווי א ביסעל רויך...

דער גאנצער פלאם־פייערדיגער התלהבות, אויב ער געהט מיט פון בארג סיני אדער פון א שוהל א היים אויך. דאמאלסט איז דער נעשה און דער נשמע פאלשטענדיג. און דאן איז קוב"ה, אורייתא וישראל חד.. און עס ווערט מקוים דער צוזאג, „ושכנתי בתוכם", אויב אבער והר סיני עשן, אויב פון אלעס בלייבט בלויז „עשן", ווייל וירא העם וינועו, זיי זיינען ארונטער פון זייער הויכער מדרגה, און די „הם" איז פארשוואונדען דאן איז ויעמדו מרחוק...

און דאס קען מען זאגען איז די כונה פון דעם פסוק (תהלים צ"ה י') ארבעים שנה אקוט בדור ואומר עם תועי לבב הם, והם לא ידעו דרכי. — פארוואס, זאגט הקב"ה — האב איך זיך געקריגט מיט'ן דור המדבר גאנצע פערציג יאהר, ווייל — עם תועי לבב הם. דער „הם", די ה' פון נעשה און די מ' פון נשמע זיינען פאר־פיהרט געווארען ביי זיי, און עס איז געבליבען בלויז עשן — עשן.... דעריבער ו"ה"ם לא ידעו דרכי — ביי זיי אין דער „היים" ווייסען זיי ניט מיינע וועגען.

אנשטאט א מזוזה, א פערדישע פאדקאווע. אנשטאט חנוכה ליכט, א קריסטמעס בוים. אנשטאט תפילין, א באלל. אנשטאט עפעס לערנען, קארטען שפילען. אנשטאט שבת קודש, זונטאג. אנשטאט אמונה אין גאט ב"ה, קריסטשען סייענס. אנשטאט אידישע ערצי־הונג, א בר מצוה ספיטש. אנשטאט שלמה, ארטשי. אנשטאט שרה, ריטא. אנשטאט א אידיש ספר, באלי־הו מאגאזינס. ווער מיר כשרות, וואס מיר טהרת המשפחה... והם לא ידעו דרכי, אין שוהל איז נאך ווי עס איז, אבער אין דער „היים" — ניטא א סימן פון אידישקייט.

זאל אונזער שמחה זיין א פאלשטענדיגע, זאל ביי אונז די „היים" צוריק געשטעלט ווערען אויף איהר בכבוד'יגען פלאץ, זאל אונזער מאטא זיין, הן „הם" יודו ויברכו וישבחו ויפארו את שמך מלכינו תמיד, און זאל טאקע זיין נעשה ונשמע!...

דער סיום התורה איז ל' די התחלה איז ב' — לאמיר בעטען אונזער הארציגען פאטער: לב טהור ברא לי אלהים ורוח נכון חדש בקרבי.

דרוש לח.

צום אַריינגעבען אַ ש״ס

כי הם חיינו ואורך ימינו!

לא כרת הקב״ה ברית עם ישראל אלא על תורה שבעל פה, שנאמר: כי על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית.
(גטין ס׳).

דעם בונט וואָס גאָט האָט מיט אידען געמאַכט איז נאָר צו־ליעב די תורה שבעל פה. דער תלמוד, וועלכער הייסט תורה שבעל פה, איז דער פעסטונג וואָס האַלט אויף און באַשיצט דעם פאָלק ישראל אַז ער זאָל קענען עקזיסטירען. ווען ניט דער תלמוד וואָס באַגלייט דעם אידען אויף זיין יעדען טריט און שריט, וואָס האָט איהם, דעם אידען, ווי אַרומגעצאַמט מיט אַ שטאַרקע וואַנט אַז ער זאָל זיך ניט אַסימילירען, און האָט דעם אידען געגעבען אַ אייגענאַרטיגען דיינקען, אַ אייגענאַרטיגע השקפה אין זיין אַרט לע־בען און זשעסטען, ווען ניט אָט דער ריזיגער תלמוד בנין, וואָלט שוין פון אידען קיין שפור געווען, זיי וואָלטען זיך שוין לאַנג אַסי־מילירט.

די תורה שבכתב, דער תנ״ך, איז ניט געווען גענוג צו קענען האַלטען דעם אידען אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע פעלקער און זיין טענדענץ זאָל זיין ניכר אין זיין אַרט לעבען און דענקען, ווייל דער תנ״ך ווערט רעספּעקטירט און געלערענט פון אַנדערע פעלקער אויך, ניט נאָר פון אידען אַליין, די ענגלענדער שטודירען פילייכט תנ״ך נאָך מעהר פון אידען. איראָניש האָט איינער אַמאָהל באַ־מערקט, ווען ישראל עושין רצונו של מקום מלאכתם נעשית על ידי

אחרים, ווען אידען טוהען גאָט'ס רצון ווערט זייער ארבייט (לער־נען דעם תנ"ך) געטאָהן דורך אנדערע.

ווען ניט די תורה שבעל פה וואָלט דער אידישער פאָלק ניט גע־קענט אויסהאַלטען דעם דרוק פון זיינע שונאים וועלכע האָבען דורך פארשידענע מיטלען געזוכט איהם צו באהערשען און צוברעכען. די ש"ס בלעטער אין וועלכע דער איד גיסט אויס זיינע געפיהלען, זיי האַלטען איהם ביי זיין שטאָלץ אז ער זאָל ניט פארצווייפלען און זיך מיאש זיין. דער בעסטער באווייז צו דעם זיינען די קראימער סעק־טע, וועלכע אנערקענען ניט דעם תלמוד, און זיי זיינען שוין כמעט ווי פארשוואונדען פון וועלטליכען האָריזאנט, זיי האָבען שוין קיין זעלבסטבאוואוסטזיין, זיי זיינען שוין לאנג אסימילירט און אויב א מעוט איז נאָך דאָ ערגעץ וואו — שטארבען זיי אויך אויס ביסלעכ־ווייז, און אין דער נאָהענטער צוקונפט וועט פון זיי בלויז נאָטיצען אין ביכער פארבלייבען. לא כרת הקב"ה ברית עם ישראל, בלויז דורך דער תורה שבעל פה וועלען זיי ווערען פאראייביגט סיי אין עק־זיסטענץ, סיי אין דער וועלט־געשיכטע.

און מערקווירדיג, דער גורל פון'ם אידישען פאָלק איז כמעט איינער און דער זעלבער ווי דער פון תלמוד. אויפ'ן פאָלק ישראל בעניית מען אַלע מאָהל בלבולים, און רשעים טראכטען אויס וועגען זיי שטוינענדע בלבולים אום צו העצען די פעלקער אנטקעגען אידען. די זעלבע פארלוימדונגען ווערען אויך אויפ'ן תלמוד געמאכט, בלבולים און שקרים ווערען פון אידישע שונאים פארשפרייט אויפ'ן תלמוד, אז ער ערלויבט צו דריקען, פראַצענט נעהמען און צו נארען ניט אי־דען, זיי קליימען אז דער תלמוד איז פול מיט שפאָט און שימפפען אויף אנדערע רעליגיעס.

אז א איד טהוט אמאָהל אן עולה מאכט מען דעם כלל ישראל שולדיג פאר'ן יחיד, און אז א גירסא אין תלמוד איז ניט מתאים לויט זייער וואונש איז שוין דער גאנצער תלמוד פסול.

איבער'ן אידישען פאָלק האָט מען אויטא־דע־פעס געשאפען, מען האָט איהם לעבעדיגערהייט פארברענט, זיין לייב מיט אייזערנע קאמען געריסען, אלערליי מיתות משונות וואָס בארבארען און סאדיסטען קענען נאָר אויסטראכטען איז אַלעם געטאָן געוואָרען אין

באצוג צו אידען. דאָס זעלבע צום תלמוד. אפיציעל האָט מען דעם תלמוד געברענט אויפ׳ן עשאַפאָט, די צענזורען האָט מען געגעבען די רעכט, דעם תלמוד צו גלידערען, רייסען שטיקער און ארויסוואר־פען, צו קאָרעגירען איהם נאָך זייער געשמאַק.

זיי די שונאי ישראל האָבען געוואוסט אז דער תלמוד איז זייער פראָטעקטאָר און ערמוטיגער און דעריבער האָבען זיי גערעכענט, אז בעזייטיגענדיג דעם תלמוד וועלען זיי קענען אויך די אידען פאר־ניכטען. זיי האָבען אָבער אַלע זייערע קוילען אויסגעשאָסען, און אידען מיט׳ן תלמוד עקזיסטירען ווי מיט טויזענטער יאָהרען צוריק.

און דאָס קען זיין, מיינט די גמרא (אין סנהדרין כ״ד) הושיבני במחשכים זה תלמודה של בבל״.

זינט אידען זיינען פון ארץ ישראל פארטריבען געוואָרען, האָ־בען זיי די שונאים זייערע פארפינסטערט דעם לעבען. זיי האָבען די אידן צו שאַנד און שפּאָט געמאַכט, פאר אייביגע ארעסטאַנטען, אין א געטהע האָבען זיי די אידען איינגעצאַמט, און די ליכט פאר־לאָשען פאר זיי, האָבען די קאַלעדזשעס און סקולס פארמאַכט פאר אידישע קינדער. זיי האָבען די אידען געשטעלט אונטער אזוינע שווערע באדינגונגען אז קיין פאָלק אין אזאַ לאַגע וואָלט ניט גע־קענט עקזיסטירען. אידען אָבער זיינען ניט אונטערגעגאַנגען, א דאַנק דעם תלמוד, פון וואַנען זיי האָבען געשעפּט זייער בילדונג און וויסען. דאָס וואָס פרעמדע האָבען געלערנט פון זייערע אוניווערזי־טעטען האָבען עס אידישע קינדער געפונען אין תלמוד. הפוך בה והפוך בה דכולה בה, אַן ענציקלאָפּעדיע איז דער תלמוד.

און ווי שעהן און פּרעכטיג איז די פּאַנאָראַמע געוועזען אַמאָהל אין יעדער בעל־הבית׳ישער הויז, אין ווינקעל פון צימער שטעהט א שראַנק מיט ספרים, און דורך די גלעזערנע שויבען האָבען ארויס־געשיינט די שעהנע געבונדענע ש״ס גמרות מיט גאָלדענע אותיות אויפ׳ן רוקען פון יעדער גמרא, און האָט דער בעל הבית ניט געקענט לערנען אליין, האָט ער עס געהאַלטען פאר די קינדער וואָס וועלען אַמאָהל לערנען אָדער פאר איידים׳ס לומדים. יעדער איינער האָט געוואָלט מקיים זיי דעם מאמר חז״ל (כתובות נ׳) הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד, זה הכותב ספרים ומשאילם לאחרים, דער וואָס

שרייבט ספרים אָדער קויפט זיי און לייהט זיי אַנדערע איז זיין צדקה אַן אייביגקייט.

אגב וויל איך דאָ דערצעהלען זעהר אַן אינטערעסאַנטען עפּי־זאָד: ווען די ארבעה שלחן ערוך'ס זיינען ארויס פון דרוק, האָט אַ געוויסער גביר אין סלאָנים זיי געקויפט, אָט די נייע טורים מיט די הוספות און חדושים. דער רב פון שטאָדט האָט געשיקט צום גביר בעטען לייהען די נייע טורים, שיקט איהם דער גביר זאָגען, איך בין גרייט מיט מיין גאַנצען הארצען פאַר'ן רב עס צו טאָהן, נאָר בתנאי, דער רב זאָל מיר איינלייגען פופציג רובל אלס משכון. דער רב האָט זיך זעהר פאַרוואונדערט, ער ווייסט אז דער גביר וואָלט איהם אפילו טויזענד רובל געליהען אָהן אַ משכון, ווי קומט עס וואָס היינט וויל ער אַ משכון. דער גביר האָט ערקלעהרט: ווען איך לייה דעם סלאָנימער רב טויזענט רובל, שיק איך אין איינינע וואָכען אריין און בעט דאָס געלט, גיט ער מיר, אָבער שיקען דעם רב זאָגען, שיקט מיר אָפּ די טורים, „איך דאַרף זיי האָבען”, קען איך ניט, אז די געלד וועט ליגען ביי מיר אלס משכון, איז ווען דער רב וועט דאַרפען די געלד וועט ער אָפּשיקען די ספרים.

זעהר פיעל מענשען פלעגן האַלטען אַ ש״ס אין הויז פאַר אַ שמירה און אַ סגולה געגן קראַנקהייטען. ווי דער מדרש ברייננט די מעשה פון רבי און אנטנינוס:

רבי און אנטנינוס האָבען זעהר פריינדליך געלעבט, ווען רבי האָט איינמאָל געפייערט זיין „געבורטסטאָג” האָט אנטנינוס איהם געשיקט אַ מתנה אַ גאָלדענעם רינגעל מיט דימענטען איינגעפאַסט. ווען אנטנינוס האָט נאָכהער זיין געבורטסטאָג געפייערט, האָט רבי איהם אַ קליינע מזוזה געשיקט אַ מתנה. רבי ווייסט מען איז געווען רייכער פון אנטנינוס'ן, האָט עס אנטנינוס געהאַלטען פאַר אַ פּחיתת הכבוד. שפּעטער ווען אַנטנינוס האָט עס רבי'ן פאָרגעהאַלטען האָט איהם רבי ערקלעהרט, מיין מתנה איז פיעל טייערער ווי דיינע, דיין רינגעל מוז איך היטען פון די גנבים און די מזוזה היט דיר פון שלעכטס.

האָבען קינדער אמאָהל געקראָגען אַ ירושה אַ ש״ס, משניות'ן אָדער אַנדערע ספרים איז דאָס ביי זיי געווען ווי אַן אבן טוב, — היינט

אָבער, ווען אַ פּאָטער פון אַלטען דור שטאַרבט אָפּ און לאָזט איי־בער ספרים, ווער קערט דען פאר זיי, מען טראָגט עס אָפּ אין בית המדרש, ווייל פאר דזשאָנק האָבען מיר אין הויז קיין אָרט ניט. ווי ביי וידוי המעשר זאָגט ער: „בערתי הקדש מן הבית".

אריינפיהרען אַ ש"ס אין שול איז אַמאָהל געווען אַ גרויסע שמחה של מצוה, ווי די חז"ל זאָגען (ויקרא רבא): „יותר ממה שבעה"ב עושה עם העני, העני עושה עם בעל הבית", דער בעה"ב גיט אוים פאר'ן אָרימאַן נאָר אַ פּאָר דאָלאר, דער לעצטער אָבער איז איהם גורם די מצוה וואָס היט איהם פון אַלע שלעכטס. ווי די גמרא (ערובין י"ח) זאָגט: „כל בית שנשמעין בו דברי תורה שוב אינו חרב", אַ הויז וואו תורה ווערט געלערענט ווערט קיינמאָל ניט רואינירט.

און דעריבער בענשען מיר אַלע מתנדבים וואָס העלפען אריינ־בריינגען ש"ס'ן, משניות'ן און אַנדערע ספרים אין שוהלען, זיי זאָלען זוכה זיין צו זעהן בנים ובני בנים חיים וקימים, עוסקים בתורה ובמצוות, אמן.

דרוש לט.

להולדת בת

בת היתה לו לאברהם ובכל שמה

וד' ברך את אברהם בכל, מאי בכל? ר' מאיר אומר: שלא היתה לו בת ור' יהודה אומר שהיתה לו בת. אחרים אומרים שהיתה לו בת ובכל שמה.
(בבא בתרא ט"ז).

קריגען די חכמים, הייסט עס, אויב אברהם האָט יאָ געהאַט אַ טאָכטער אָדער ניט. און די אחרים זאָגען, אז ער האָט יאָ געהאַט אַ טאָכטער און אפילו איהר נאָמען ווייסען מיר שוין אויך — בכל האָט זי געהייסען.

אין פלוג דוכט זיך לדינא איז אונז קיין אונטערשייד ניט אויב ער האָט יאָ געהאַט אָדער ניט געהאַט קיין טאָכטער. נאָר לויט ווי מיר ווייסען פון דער תורה זיינען די בנות כנען אברהמ'ען ניט נעפעהלען געוועז, ווייל אין די אלע כנענ'ישע אויסגעלאַסנהייטען און פאַרדאָרבענהייטען האָבען די פרויען געהאַט דעם גרעסטען חלק אין דעם, ווי דער שטייגער פון פרויען, אויב זיי צייכענען זיך אויס מיט שעהנקייט, זוכען זיי אלעמען צו איבערצייגען זייער שעהנקייט, און אויב דער סטייל איז אויסגעלאַסענהייט, וועלען זיי אויך אין דעם זיין ניט בלייבען הינטערשטעליג.

די תורה דערצעהלט אונז (בראשית כ"ד) אז אברהם האָט זיין קנעכט אליעזר'ן באַשוואָרען ניט צו וועהלען אַ כלה פאַר יצחק'ן פון די כנענים טעכטער, ווייל אשר אנכי יושב בקרבו — איך וואוין צווישען זיי, קען איך שוין צו גוט זייער כאַראַקטער און לעבענס אַרט.

דעריבער זאָגט ר׳ מאיר, אז גאָט האָט אברהמ׳ען געבענשט בכל, מיט פיעל גליק, וואָס ער האָט קיין טאָכטער נישט געהאַט, און ער האָט ניט געדאַרפט מורא האָבען, אז טאָמער וואָלט אויך זי באאיינפלוסט געוואָרען פון די שכנ׳ישע טעכטער.

א פאַקט דערצעהלט טאַקי די תורה, אז יצחק איז פון זייער שלעכטסקייט ניט באאיינפלוסט געוואָרען. ער איז געווען אפילו אין זייער סביבה אן „עולה תמימה״. דאַגעגען דינה בת יעקב, אז זי איז אַרויס זעהען די טעכטער פון כנען, האָט עס טאַקע שלעכט געווירקט אויף איהר, און דער רעזולטאַט איז גוט באַוואוסט.

ר׳ יהודה אָבער זאָגט פאַרקעהרט, מיר דאַרפען זיך ניט מיאש זיין. מען קען אויסווירקען אפילו ביי א טאָכטער אז זי זאָל אין שלעכטע וועגען ניט געהן, מען לעהרענט איהר אז כל כבודה בת מלך פנימה — איהר ערציהען ברוח היהדות, וועט זי זיין און בלייבען אידיש. דעריבער זאָגט ר׳ יהודה שהיתה לו בת, זי איז געווען זיין טאָכטער, זי האָט מיט די כנען טעכטער קיין חברותא ניט געהאַט, זי איז ניט געוועזן אזא לויפערין ווי דינה.

און די אחרים זאָגען, אז ער האָט געהאַט א טאָכטער און געהייסען האָט זי בכל, דאָס מיינט, זי האָט אין זיך אַלץ כולל געווען, זי האָט פאַרמאָגט בילדונג, קולטור, אָבער אויך א פולשטענדיגע אידישע ערציהונג, ניט ווי מען איז זיך נוהג ביי אנדערע פון אונז — אונזערע זיהן צו געבען א ריכטיגע אידישע ערציהונג, אָבער ניט אונזערע טעכטער, אַט די צוקונפטיגע מוטערס, אָן זיי פאַרגעסט מען זיך גאָר אינגאַנצען. נייין, אַזוי ווי מיר זיינען פאַרפליכטעט צו בענשען עלטערען ביים געבוירען א זוהן, אז די עלטערען זאָלען איהם מגדל זיין אין גייסט פון תורה און יהדות, אַזוי דאַרף מען זיי בענשען ביים געבוירען א טאָכטער, אז זיי זאָלען זוכה זיין איהר צו מגדל זיין אין דת היהדות און זי זאָל זיין לשם, לתהלה ולתפארת. אמן.

דרוש מ.

לבר מצוה

זכר לנו היום ברית שלש-עשרה.

מיין טייערער בר מצוה! מיר האָבען געהערט דיין הפטורה, דיין „ספיטש״, דיין פאַרשפּרעכען צו זיין אַ איד, גוט און פרום צו זיין. פון דיין זייט איז עס גאַנץ לאָגיש און ריכטיג.

איך וואָלט דיך אָבער געוואָלט פרעגען, יונגער בחור, צי ווייסטו בכלל, אַז דו ביזט פון איצט אָן און ווייטער פאַראַנטוואָרטליך פאַר יעדען געדאַנק וואָס דו טראַכסט, און פאַר יעדען וואָרט וואָס דו רעדסט ארויס? ווייל נאָכדעם ווי דיין פאָטער מאַכט זיין ברכה היינט „ברוך שפּטרני״, מוזטו שוין אליין פאַראַנטוואָרטליך זיין פאַר דיינע טעותים.

און ווייסטו וואָס דאָס מיינט „טוב שלא תדור משתדור ולא תשלם״? אָדער „מוצא שפתיך תשמור״? דאָס מיינט, אַז דאָס וואָס דו רעדסט ארויס פון דיין מויל ביזטו פאַר דעם פאַראַנט־וואָרטליך!

און מיינסטו, אַז אידישקייט מיינט בלויז אין שוהל געהן און זינגען מפטיר און מאַכען אַ „ספּיטש״ און מעהר האָסטו קיינע אַנדערע פליכטען ניט?

וויל איך דעריבער, מיין קינד, ערקלעהרען דיר דאָס איצט על רגל אחת:

אַן אומערפאַהרענער בר מצוה בחור, אָדער בעסער געזאָגט: אַ גוי, וואָס האָט געוואָלט ווערען אַ איד — אַ בר מצוה, — איז אַמאָל געקומען צו הלל׳ן און ביי איהם געבעטען זיך: איך וויל זיין אַ איד, אָבער נישט אום מקיים צו זיין צופיל מצוות, נאָר בלויז אויף אַזויפיל,

וויפיל מען קען זיך אויסלערנען אין דער קורצער צייט וויפיל א מענש קען זיך האלטען צו שטעהן אויף איין פוס.

האט איהם הלל געלערענט: ואהבת לרעך כמוך זהו כלל גדול בתורה, דאס מיינט, אז דו זאלסט האבען אהבת ד׳, וועלכער ווערט אנגערופען „רעך״ ורע אביך, עס מיינט אויך דיין פריינד, אין פשוט׳ן זין פון ווארט, דאס הייסט, אז דו זאלסט זיין א איד בין אדם למקום, און בין אדם לחבירו.

איך וויל דיר אויך זאגען, אז א בר מצוה ווערט מען צו דרייצעהן יאהר. פארוואס עפעס צו דרייצעהן? ווייל, ראשית, זיינען מיר אנדערש פון אנדערע פעלקער. ביי זיי איז דרייצעהן ניט קיין מזל־דיגע צאהל, ביי אונז אבער איז עס שוין גאר מזל׳דיג. דרייצעהן — אין העברעאיש הייסט עס שלש עשרה, נעגען די שלש עשרה מדו״ת. שלש איז דריי, מוזטו וויסען אז דו שטאמסט פון די דריי אבות: אברהם, יצחק ויעקב. אויך די תורה איז צוטהיילט אין דריי טהיילען: תורה, נביאים און כתובים. און געגעבען איז די תורה אויך דורך דרייען: משה, אהרן און מרים, און געגעבען געווארען איז זי אין דעם דריטען פון חדש סיון. און די דריי: — קודשא בריך הוא, אורייתא און ישראל — חד, זיינען איינס.

עשרה איז צעהן, וועלכעס איז ביי אידען זעהר א חשוב׳ע צאהל, ווייל — בעשרה מאמרות נברא העולם, בעשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו; עשרה נסים נעשו לאבותינו במצרים ועשרה על הים; עשרה נסים נעשו לאבותינו בבית המקדש; עשרת הדברות האבען מיר אליין געהערט אויפ׳ן בארג סיני.

אליין געהערט אויפ׳ן בארג סיני.

און אז ער געדענקט אלעמאל דעם ברית שלש־עשרה, די הייליגע הבטחה וואס ער מאכט צו זיין בר מצוה, — מיינט עס, אז ער קען זיין א גוטער זוהן צו זיין פאלק, ווען יעקב האט געבענשט, „המלאך הגואל אותי מכל רע יברך את הנערים: בך יברך ישראל לאמר: ישימך אלהים כאפרים וכמנשה״.

אפרים און מנשה — צוויי קינדער, וועלכע זיינען געבוירען געווארען אין מצרים, אונטער א מצרי׳שער קולטור אין א מצרי׳שער אטמאספערע, און דאך זיינען זיי ניט באאיינפלוסט געווארען פון דער

סביבה. נאָר ווען יעקב האָט פון זייער האַלטונג באַמערקט אין זיי עטוואָס פרעמדס, האָט ער גלייך אַ פרעג געטהאָן: מי אלה? ווער זיינען זיי? ווי קומען זיי אהער? און יוסף האָט איהם ערקלעהרט: „פאָטער, זיי ניט ברוגז — בני הם, זיי זיינען טאַקע מיינע קינדער, דיינע אייניקלעך, נאָר אשר נתן לי אלקים „בזה" — געבוירען געוואָרען און ערצויגען דאָ אין מצרים.

מיין קינד! אין מצרים, רוסלאַנד אָדער פראַנקרייך, און אפילו אין אַמעריקע, איז די וואָס זיינען דאָרט געבוירען געוואָרען, דאַרפען וויסען, אז יעקב'ס קינדער זיינען אנדערש פון יענע פעלקער. זיי קענען זיך צוזאָגען און ניט מקיים זיין, אָבער ביי אונז אידען איז ווי די גמרא זאָגט (קדושין און ירושלמי נדה) „הנודר כאלו נותן קולר על צוארו" — טוט איינער אַ נדר, מוז ער עס מקיים זיין. זאָגסטו צו צו זיין אַ איד, טאָ לערען און פאַרשטעה, אז עס איז אַן אונטערשייד צווישען אַ בר מצוה און אַ בעל עבירה. פון אַ מצוה קען מען ניט און מען טהאָר ניט אַנטלויפען, ווייל בר מצוה מיינט אז אַ זוהן הייסט מען און אַ זוהן איז שטענדיג צוגעבונדען צו זיינע עלטערן, ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג, בקשר של קימא. ביי אַן עבירה אָבער, הייסט מען בעל, אַ מאַן. אַ מאַן איז נישט צוגעבונדען אויף אייביג, ער קען זיך צושיידען אויך. און דעריבער זאָלסטו וויסען, אז דער מדרש (שהש"ר ו') דערצעהלט: „בשעה ששמעו ישראל בסיני „אנכי" פרחה נשמתם, זהו שנאמר: נפשי יצאה בדברו. חזר הדבור לפני הקב"ה ואמר: רבש"ע אתה חי וקים ותורתך חיה וקימת ושלחתני אצל מתים. כלם מתים. באותה שעה המתיק להם את הדבור. פון אָנפאַנג פיהלט מען אַביסעל שוועהרליך צו ווערען אַ פולשטענדיגער איד, נאָר אז מען לערענט די אידישע תורה און די אידישע מאָראַל, ווערט מען באַקאַנט מיט די אידישע פראַכטפולע שעהנקייטען, טראָץ דעם וואָס אונזערע שונאים זאָגען, אז מיר האָבען דאָס ניט, ווייל זיי זיינען גאָר ניט מסוגל צו פאַרשטעהן וואָס דאָס איז אזוינס פּאָעזיע, נשמה, גייסט, לירישע שעהנקייט — האי מאן דנפיק ביומא דניסן וקא חזי אילנות מלבלבין, דאַרף ער מאַכען אַ ברכה אויף דער פאַרכאַפּענדער נאַטור שעהנקייט.

מיין קינד, האדם עץ השדה, די בליהסט, דו האַלסט אין וואַק־

סען, און אז דו וועסט וואקסען ווי א איד, אידיש, אינגאנצען אי־
דיש, וועסטו זיין פאר אונז א שטאָלץ. תפילין איז א פאר, א שעהנ־
קייט, תפילין מיינט אויך פאראייניגונג פון קאָפּ און הארץ, של יד
איז כנגד הלב, של ראש איז כנגד המח. הארץ און קאָפּ צוזאמען
הייסט א רעגעלער איד, און זייענדיג אזא איד וועלען מיר מיט שמחה
דיך באגריסען און די שוהל וועט דיך אָננעמען אלס מעמבער מיט
ווארימע און אָפענע הענט. העלף אונז בויען די גאנצקייט פון אינ־
זער פאָלק און בויען ארץ ישראל על טהרת הקודש, ונזכה לגאולה
שלימה במהרה בימינו, אמן.

דרוש מא.

לבר מצוה

איכא סבי בבבל

והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת ואמרת אליו בחזק יד הוציאנו ד׳ ממצרים מבית עבדים.

(שמות י״ג י״ד).

א מערקווירדיגע ערשיינונג אין אידישען לעבען זעהן מיר דא אין דיזען לאנד. עלטערן וועלכע פרעטענדירען כלומר׳שט אז זיי זיינען ארטאדאקסישע, און דאך פערנאכלעסיגען זיי די אידישע ערציהונג פון זייערע קינדער. און דאס זעלבע פריי־געזאנענע, וועלכע האבען גאר קיין בעציהונג ניט צו אידישקייט, כאפען זיך אבער אויף פון זייער דרימעל, ווען זייערע זיהן האלטען שוין באלד ביי ווערען בר־מצוה.

מען באמיהט זיך צו געפינען דעם פאסיגסטען רבי׳ן וועלכער זאל צוגרייטען זייער תכשיט צו דער בר־מצוה. און ווען עס קומט דער באשטימטער טאג, איז שמחה וששון — עס ווערט צוגעגרייט א פיינע סעודה, עס ווערען איינגעלאדען פריינד און בעקאנטע צו נעהמען אנטהייל אין דער שמחה. דער פאטער פון בר־מצוה מיט זיינע געסט, וועלכע האבען שוין לאנג קיין שוהל ניט אנגעזעהן, קומען לכבוד היום אין שוהל, פארנעמען די שעהנסטע פלעצער, דער פאטער איז עולה לתורה און מאכט מיט גרגים שמחה די ברכה ברוך שפטרני מענשו של זה, ער דאנקט גאט וואס ער איז בעפרייט געווארען פון דער פעראנטווארטליכקייט פאר זיין זוהנ׳ס אויפפיהרונג. די צוהערער קענען טראכטען, אז דער מאן איז געוועזן זעהר שטארק פאראינטערעסירט אין דער אידישער ערציהונג פון זיין זוהן.

און דער נייער מיטגליעד פון ישראל, דער בר־מצוה אליין,

זאָגט זעהר פיין די ברכות התורה, דעם מפטיר און די הפטרה, און נאכהער א פיינע דרשה, ספיטש בלע״ז, אין וועלכער ער זאָגט הייליג און פייערליך צו, מיט א געהויבענער שטימונג, אז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער זיין א גוטער, געטרייער און איבערגעגעבענער איד. און אז דער איינדרוק פון אָט דעם געהויבענעם טאָג וועט אויף אייביג זיין און בלייבען איינגעקריצט אין זיין הארצען לזכרון אויף זיין גאנצען לעבען, און מיר נעהמען אָן אז ער, דער בר מצוה בחור, וועט זיכער הייליג האלטען זיין פארשפרעכען.

אויבערפלעכליך דאכט זיך, אז עס איז גאנץ פיין, עס וואקסט אויף א נייער יונגער דור, איבערגעגעבען מיט ליב און זעלע צום אידענטהום. אונזער הארץ דארף פול ווערען מיט האָפענונג. לײדער אָבער איז די גאנצע צערעמאָניע נאָר א טעאַרעטישע. קיין פראקטי־שע רעזולטאטען זעהען זיך ניט אָן. וואָרים, ווען דאָס אלעס זאָל זיין ריכטיג, פרעגט זיך: פארוואָס פוסטעווען אינזערע שוהלען א גאנץ יאָהר? פארוואָס זעהען מיר די שוהלען בעזעצט נאָר פון על־טערע אידען און קדישים? וואו זיינען אָט די יונגע רעקרוטען? וואו קומען אהין אָט די ארמיי ניי־צוגעקומענע יונגע מיטגליעדער פון ישראל?

מיר ווייסען אז די צאָהל בר־מצוה שמחות איז גרויס. כן ירבו. אין די שבתים, אויסער אין די וואָכעדיגע טעג. און זיי אלע האָבען דאָך הייליג פארשפראָכען צו זיין געטריי צום אידישען פאָלק. היינט וואו פארשווינדען זיי, די יונגוואָרג? וואָרום בלייבט זייער פארשפרע־כען אומערפיהלט?

ווי גליקליך וואָלטען מיר געווען, ווען אָט די אלע בר־מצוה בחורים וואָלטען הייליג געהאלטען זייער צוזאָג. מיר נויטיגען זיך דאָך אזוי שטארק אין פרישע און יונגע בלוט, אין נייע כחות, וועלכע זאָלען פארגרעסערען און פארשטארקען דעם אידישען גייסט.

די אורזאך דערפון ערקלעהרט אונז דער פסוק: והיה כי ישאלך בנך מחר למאר מה זאת, ואמרת אליו כי בחזק יד הוציאנו ד׳ ממצרים מבית עבדים — אז דיין זוהן וועט דיר מאָרגען פרעגען, וואָס איז דאָס? זאָלסטו איהם ענטפערען, אז מיט א שטארקע האנט האָט אונז גאָט ב״ה ארויסגענומען פון מצרים

וואו מיר זיינען געווען קנעכט. קומט מיר אויס, אז דער אויבענדער־מאָהנטער פסוק איז געצילט צו דער בר־מצוה אָנגעלעגענהייט דאָ אין דעם לאַנד.

לאָמיר דייטליכער ערלקעהרען דעם פסוק: והיה כי ישאלך בנך מחר (יש מחר ולאחר זמן . . .) מה זאת? — אז דיין זוהן וועט דיר אויף מאָרגען נאָך דער בר־מצוה שמחה — ווען ער זעהט די גלייכגילטיגקייט און די קאַלטע און וואַכעדיגע באַציהונג פון זיינע עלטערען צו אידישקייט, — פרעגען: מה זאת? וואָס איז דאָס? וואָס פאַר א גוואַלדיגע ענדערונג פון נעכטען ביז היינט? — נעכטען האָט אַלעס געאָטהעמט מיט אידישקייט און היינט איז אַלעס ווי פּלוצלונג אָפּגעשטאָרבען? „ואמרת אליו: בחוזק יד הוציאנו ד׳ ממצרים — וועסטו צו איהם זאָגען, אז מיר אַליין האָבען טאַקע ניט געוואָלט ארויסגעהן פון מצרים, נאָר גאָט ב״ה האָט אונז פון דאָרט ארויסגענומען מיט א שטאַרקע האַנט. פון אונזער'ט וועגען האָבען מיר דאָרט געקענט בלייבען, ווייל צוליב אידישקייט איז אונז שוועהר זיך אָפּצוזאָגען פון סיר הבשר און פון די חציר און בצלים, אשר נאכל במצרים חנם — אַלץ צוליב דער פינסטערער פרנסה פאַרנאַכלעסיגען מיר אַזוי שטאַרק אידישקייט, און מיר האָבען נישט קיין צייט צו דאַווענען דריי מאָהל א טאָג. דאָס זעלבע איז אָן ענטפער וועגען שמירת שבת.

איז דאָך זעלבסט פאַרשטענדליך, אז אַזאַ ענטפער קען ניט שטאַרק בעגייסטערן דעם זוהן, איהם דערמיט מקרב צו זיין צו אידישקייט. און אום אויסצומיידען אַזעלכע פראַגען פון בר־מצוה בחורים צו זייערע עלטערן, דאַרפען די עלטערן זעהן זיך אויפצופיהרען אידיש אַלעמאָל. פאַר דעם זוהנ'ס בר־מצוה און אויך נאָך דעם. דאַן וועט דער זוהן ניט ווערען ענטוישט אין זיינע עלטערן און פרעגען די פראַגע. אויב זיין פאָטער לייגט ניט קיין תפילין יעדען טאָג, אויב דער פאָטער און מוטער היטען ניט אָפּ קיין אידישקייט, וואָרום זאָל ער דאָס טאָהן? אָט די ניט פאַרענטפערטע פראַגען זיינען די ריכטיגע אורזאַך פאַרוואָס די יוגענד טרעט אָפּ פון אונזער לאַגער. און זייערע יונגע כחות פעהלען דעם אידישען פאָלק. און זיי

האלטען ניט זייער הייליגען און פייערליכען פארשפרעכען, וועלכען זיי מאכען אין שוהל, אז זיי וועלען זיין גוטע און געטרייע אידען.

זאלען די עלטערן זיך אויף דעם פונקט גוט פארטראכטען, און ניט זיין די גורמים צו זייערע קינדער'ס שלעכטע אויפפיהרונג, ווייל דאס ברענגט שאדען ניט נאר די קינדער, נאר אויך זיי, די עלטערן זעלבסט. ווי מיר געפינען אין דער גמרא: אמרי לרי יוחנן איכא סבי בבבל?.. תמה, למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה כתיב? ר' יוחנן האט זיך געוואונדערט, ווי קומען זיין אלטע לייט אין בבל? די תורה האט דאך געזאגט, למען ירבו ימיכם וכו' על האדמה אשר נשבע ד' לאבותיכם. דאס מיינט דאך ארץ ישראל? אבער אז מען האט איהם געזאגט, דמדקמי ומחשכי לבי כנשתא — אז זיי געהען אין שוהל אין דער פריה און פארנאכט, איז איהם די פראגע פארענטפערט געווארען. ווייל די גמרא זאגט עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שיקבעו בארץ ישראל. איז דאך יעדע שוהל גלייך ווי ארץ ישראל זעלבסט, קען שוין אויף זיי מקוים ווערען דער למען ירבו ימיכם. אבער דאס איז אלץ גערעדט, ווען עס ווערט אפ־געהיט די אנדער העלפט פון פסוק. דער וימי בניכם על האדמה, אז אויך די קינדער זאלען באזוכען די שוהלען צוזאמען מיט די עלטערן, אז די קינדער זאלען באקומען א אידישע ערציהונג, וואס זאל זיי צובינדען צו דער שוהל און צו אלע אידישע הייליגקייטען און טראדי־ציעס, — דאן וועלען די עלטערן געבענשט ווערען מיר דער ברכה פון למען ירבו ימיכם — זיי זאלען לאנג לעבען. איינס איז אפהענגיג אן צווייטען. לאנג לעבען פון די עלטערן קען נאר זיין ווען די קינ־דער זיינען ערצויגען געווארען אין אידישען גייסט, ווארים אז נישט, מוז די השגחה חלילה ברענגען די קינדער אין שוהל מיט געוואלד, דורך קדיש זאגען, יאהרצייט האלטען...

און דעריבער זאלען דאס די עלטערן נעהמען אין אנבעטראכט פאר זייערע אייגענע נוצען. און דאן, ווען די קינדער וועלען געהן אין די גוטע פוסטריט פון זייערע עלטערן, וועט דאס אידישע פאלק ווערען גרעסער און שטארקער, יונג און אלט וועלען זיין צוזאמען געקניפט, און אידישקייט וועט האבען דעם אמת'ן קיום און אריכת ימים.

דרוש מב.

לחתונה

די חז"ל זאָגען: „כלה שעיניה יפות, אין כל גופה צריכה בדיקה" — א כלה וועלכע האָט שעהנע אויגען, דאַרף שוין געפעלען. אין פלוג איז דאָך דער מאמר זעהר ניט אויסגעהאַלטען אין באַזונ־דערס היינט צו טאָג, וואו מאַכען זיך שעהנע אויגען איז א זאַך פון אַלערמעגליכקייט. די אויסערליכע אויגען, דאַכט זיך, קענען ניט דערצעהלען די אויסגעהאַלטענקייט פון האַרצען? „האדם יראה לעיניים וד' יראה ללבב" האָט דער נביא געפיהלט צו זאָגען.

לויט מיין מיינונג אָבער מיינט „עיניה יפות", איהר קוק איז שעהן, איהר ערציהונג, איהר אויפפיהרונג, איהרע מדות וואָלטען שוין עדות געזאָגט אויף איהר כאַראַקטער, און דאָס איז דער געדאַנק, וואָס אדם הראשון האָט געזאָגט צו גאָט: „ויאמר האדם: האשה אשר נתת עמדי, היא נתנה לי מן העץ ואוכל". זאָגט דער מדרש: „אכלתי, ואוכל עוד" — איך האָב געגעסען און וועל ווייטער עסען. ווייל כשרות אין א הויז ווענדעט זיך אָן דער פרוי, ווען זי איז גוט געלעהרענט, און א יראת אלקים וועט זי אין איהר הויז איינפיהרען, באַזונדערע מילכיגע און פליישיגע כלים, דער בוטשער ביי וועמען זי וועט קויפען, וועט געוויס זיין א כשר'ער באמת, וואָס ניט נאָר די סיין וועט עדות זאָגען אויף זיין כשרות, נאָר זיין אידישקייט אַליין אָן און פיר זיך. און אויב זי איז נישט פרום, וואָס קאָן דער מאַן טהאָן? ער וויים ניט אויב זי האָט געזאַלצען און כשר געמאַכט דאָס פלייש ווי דער דין איז, און בכלל די שווערע הויז און קיטשען שאלות, וואָס עס מאַכט זיך אין לעבען, איז אויב זי איז א טאָכטער פון כשר'ע עלטערען, אידען יראים ושלמים, דאַרף ער שוין ניט פרעגען איהר אויב זי איז **א מקפדת אויף כשרות, און אויב זי וועט אָפּהיטען טהרת המשפחה,** וואָס איז געווענטליך אָפּהענגיג פון איהר, ווי די תורה זאָגט: „וספרה

לה״, ווייל זי וועט זיך פיהרען ווי זי האט געזעהען איהר מאמען און איהר טאטען אין הויז פיהרענדיג זיך.

אז ער נעמט אבער א כלה פון א הויז, וואס א געוועהנליכער איד וואלט זיך דארט ניט ערלויבט עפעס טועם צו זיין, ווייל ס'איז „דמאי״, דא מאי וואס איז דאס פאר א הויז, א כוי, ספק אידיש ספק גוי'איש, — אויף אזא כלה דארף מען שוין בודק זיין מכף הרגל ועד הראש. איהרע פיס געהען דארט וואו פאר אידישע קינדער איז ניט ערלויבט. „כל כבודה בת־מלך פנימה״, זי איז א יצאנית, איהר קאפ טראכט דאס וואס א אידיש קינד דארף נישט טראכטען.

ווען גאט האט אדמ'ען געפרעגט: „המן העץ אשר צויתיך לבלתי אכל ממנו אכלת״, ווייסטו ניט אז עץ הדעת פרוכט איז פארבאטען, מען טהאר עס ניט עסען? ענטפערט אבער אדם: „האשה אשר נתת עמדי, זי איז דאך דיין טאכטער, גענומען פון דיין רשות, און אז דו ביזט א פרומער טאטע, איז זי אודאי א פרומע טאכטער, און כשרות קען איך זיך פארלאזען אויף איהר. זי איז ניט א גאסען מיידעל געוועזען, ווען איך האב מיט איהר געהייראט, „אכלתי ואכל״, איך האב געגעסען און וועל עסען.

און אזוי בענשען מיר יעדע כלה פאר דער חופה: „אחותנו את היי לאלפי רבבה״, אויב דו האסט קיין נדן ניט געגעבען דעם חתן, טא זיי אליין א נדן — „את היי״, זיי אליין, טאכטערשע, „לאלפי רבבה״, טויזענטער ווערט, און דאן וועט דער קשר זיין של קיימא, איהר וועט מיט שמחה פייערען בעה״ש אייער זילבערנע און גאלדענע חתונה.

אונזער ברכה צו חתן כלה היינט אין יום החופה, איז אויך, אז אייער נייער שריט, וואס איהר מאכט דורך אייער חופה וקידושין כדת משה וישראל זאל זיין אויסגעבעט מיט רויזען און אייער לעבען זאל אייך זיין זיס אין אנגענעהם. איהר זאלט אימער צו זיין צופריעדען איינער פון צווייטען, קיין מחלוקת זאל חו״ש אין אייער הויז ניט זיין, נאר, טייערע, א אידיש הויז, א שטרענג אידיש הויז, אז איהר וועט פיהרען, וועלען מיר, דער כלל ישראל, מיט התלהבות אייך געבען די ברכה פון „אתם היו לאלפי רבבה״. אמן.

דרוש מג.

לנשואין

אונזער פאָלק פייערט דורכ'ן יאָהר פאַרשיידענע שמחות, מיר האָבען אָפיציעלע ימים טובים, ווי פסח, שבועות, סוכות א. א. וו. און האַלב אָפיציעלע, ווי חנוכה, פורים, ט"ו בשבט. די אַלע ימים טובים זיינען א פאָלקס פראָדוקט און דאָס גאַנצע פאָלק פייערט זיי, אָהן אַן אויסנאַם.

עס זיינען אָבער אויך פאַראַן ימים טובים, וואָס געהען אריין אין פאַמיליע אָנגעלעגענהייטען. מיט'ן כלל האָבען זיי קיין שום שייכות ניט, ביים פרט אָבער שפּילען זיי זעהר א וויכטיגע ראָלע, אפשר אזוי הייליג און אכטונגספול ווי אַן אָפיציעלער יום טוב. למשל, א חופה איז אזוי הויך און הייליג ביים פאָלק ווי די גרעסטע ימים טובים.

אין כתובות (י"ז) ברענגט די גמרא: „אמרו על אגריפס המלך שעבר לפני הכלה ושבחוהו חכמים. א"ל אני כתר נוטל בכל יום וזאת תטול כתרה שעה אחת" — דער אידישער מלך אגריפס האָט אָפּגעגע־בען כבוד צו א כלה. האָבען חכמים איהם געוואָלט איבערצייגען, אז א מלך שטעהט העכער. זאָגט ער: „ניין, איך טראָג טעגליך מיין קרוין, זי אָבער — נור איינמאָל.

אין אבות דר' נתן (טז) ברענגט די גמרא: „חתן דומה למלך". און אויב אז חתן כלה טרעטען היינט אריין אין א נייער לעבענס תקופה, חלומ'ען אויך פון א גליקליכער צוקונפט פארביידען, דאָס וואָס איך און די עלטערען און פריינד ווינשען זיי, — מוז דאָך דאָס לעבען אזוי אויפגעשטעלט ווערען אז עס זאָל ניט בלייבען בלויז קיין אוטאָפּיע, נאָר זאָל טאַקע זיין א ווירקליכקייט. און אויב דאָס ער־שטע פּאָר פאָלק, אדם און חוה, האָבען זייער פאַראויסגעזעהענעם גן

ערן זיך אליין צושטערט דורך דעם נחש, ווי רבקה דריקט זיך אויס (בראשית כ"ז) „ותאמר רבקה אל יצחק קצתי בחיי מפני בנות חת" — רבקה זאָגט: איך קען ניט און וועל ניט דולדען אויב יעקב וועט נעמען אַ טאָכטער פון חת. דאָ ליגט זעהר אַ שעהנער רמז אין דער ח'. פרויען הייסען אין לשון קודש „נשים". ווען מען זאָל צו־געבען דעם „ח", וועט זיך לייענען „נחשים" — רבקה זאָגט, אַז יענע נשים פון חת זיינען נחשים, דורך וועלכע חוה איז געשטרויכעלט געוואָרען, ס'איז די זעלבע ח' וועלכע מאַנכע כלל טוער נעמען ארויס פון „מחזיקי הדת", „מחזיקי תורה", און זיי ווערען „מזיקי הדת" און „מזיקי תורה".

דער מענש דאַרף וויסען ווי זיין לעבען איינצואָרדענען אַזוי אַז עס זאָל אידיש אויסגעהאַלטען זיין. מען דאַרף פאַרשטעהן, אַז די פרוי ווי דער מאַן, ביידע מוזען וויסען, אַז „שלום בית" איז די אידישע מידה און פאַלקס ברכה. ווי די גמרא זאָגט (יבמות ס"ג) „זכה עוזרתו לא זכה כנגדו", אַז מען לעבט פרידליך, העלפט מען זיך איינער דעם צווייטען אין פריידען. און אפילו חו"ש פאַרקעהרט, אָבער אַז קיין שלום בית איז ניטאָ, איז זי כנגדו, אַלץ פאַרקעהרט, דאָס איז קיין ברכה ניט.

„מי שאין לו אשה, שרוי בלא שלום" (יבמות ס"ג) אומפאַר־הייראַט הייסט לעבען אָהן שלום. און ביי אַזאַ לעבען איז די שכינה ניטאָ, ווייל „שלום" איז דער נאָמען פון הקב"ה. אין הויז לעבען, אַז ער זאָגט איין זאַך און זי זאָגט אַן אנדער זאַך, און דורך אַ לייכטען דיספּוט קומט מען צו אַן אויסגלייך און ביידע זיינען צופרידען. ווארום נאָך אַלעמען זאָגט די תורה: „לא טוב היות האדם לבדו" — אַ מאַן אָדער אַ פרוי זאָלען אליין ניט זיין. „טב למיתב טן דו מלמיתב ארמלו.

איז אַ גוי געקומען צו הלל הנשיא און געבעטען איהם אויס־צולערנען די אידישע תורה אין דער צייט וואָס מען שטעהט על רגל אחת. דאָס מיינט קורץ צו ערקלעהרען איהם דעם יודאאיזם. לעה־רענט איהם הלל: „מאן דסני עלך לחברך לא תעביד" — וואָס דו ווילסט ניט, וואָס איז צו דיר ניט צוגעפּאַסט, טו עס ניט צו דיין פריינט. דאָס איז די אידישע לעהרע. אידישע מאָראַל לעהרענט,

אז א מענש מוז זיין געזעלשאפטליך, פריינדליך לעבען, און לויט אלע ווארשיינליכקייטען איז דאך אז דער מאן הייסט אדם, דארף זי הייסען אדמה. און אויב ער רופט זיך אליין עפר: „ונפשי כעפר לכל תהיה" — קען ער אבער אט דעם נאמען ניט צוטהיילען צו זיין פרוי, ווייל „האוהב את אשתו כגופו והמכבדה יותר מגופו" (יבמות סב) זאגען די חז"ל, זיך אליין האט ער אדם גערופען, ווייל ער איז פון ערד, עפר מן האדמה. איהר אבער האט ער חוה גערו־פען, „כי היא היתה אם כל חי". און ווען א פארהייראטע פאר פארשטעהען זייערע פליכטען איינער צום אנדערען, צו היטען שלום בית, צו האבען א היים — ניט קיין הויז, ווייל א הויז ווערט פון ציגעל געבויט, א היים אבער ווערט פון ליבע און טרייהייט גע־מאכט. היטענדיג דעם פרינציפ, מאכט מען די ריכטיגע ברכה: „אשר ברא ששון ושמחה, חתן וכלה. ווען חתן וכלה לעבען כדת משה וישראל, איז ביי זיי אימער צו ששון ושמחה, הייליגע אידעען, ריינע נשמות, צופרידענהייט גייסטיג, ווייל די אידישע פרוי באזיצט צניעות, מאראל נאטירליך ניט געקינסטעלט.

„נשים בציון ענו", זאגט דער מדרש (איכה ה' י"ב) נבוכדנצר האט זיינע חילות אנגעזאגט ביי חורבן ירושלים, אז דער אידישער נאמ איז געגען זנות, און האט אנגעזאגט מען זאל קיין אשת איש, א פארהייראטע פרוי ניט אנריהרען. נאר פנויות מעגען זיי נעמען. ווי די אידישע טעכטער האבען די גזירה דערהערט, האבען זיי די מענער געבעטען „מן דילנא אנן אכלין ומין דילנא אנן מתכסין אלא בלבד דיתקרי שמך עלן הה"ד והחזיקו שבע נשים באיש אחד" — מיר וועלען עסען אונזערס, קליידען זיך פון אונזערס, נאר ערלויב מיין נאמען זיך צו רופען אלס דיין פרוי, כדי ניצול צו ווערען פון נוי'אישע הענט. וואס פאר א שעהנע מאראל! ווי רייך דער מדרש שילדערט אונזערע נשים צדקניות!

מיר באגריסען אייך, אונזער נייע פאר, צו אייער חתונה. היינט ווילען מיר אייך דערמאנען, אז די פרויען דארפען פארמאגען צניעות, פרויען זיינען דאס הויז, ווייל ר' יוסי האט גערופען זיין פרוי „ביתי", ניט „אשתי". א פרוי איז ניט נאר די ערציהערין פון די קינדער, נאר אויך פון מאן.

ווען דער מאן קומט אהיים אמאל מיעד, אמאל אויפגערעגט, אמאל צוטרייסעלט פון דער אויסערליכער ביזנעס וועלט, זי די פרוי, מיט איהר גוטסקייט און פריינדליכקייט ברענגט אריין אין איהם א נייעם לעבען, א רוהיגקייט אין זיינע נערוועז, א באלזאם צום לעבען, און מיט שמחה וששון דערצעהלען זיך דאס פאר פאלק פאר'ן כלל זייערע פופציג יאהר צוזאמענלעבען גליקליך, און אלע אנוועזענדע לעהרנען פון ערפאהרונג ווי צו לעבען. אזוי זיס און ליעב זאל אייך אייערע פופציג יאהר אריבער און מיט שמחה צו אייער גאלדענע חתונה, קענען אייער לעבענם וועג לעהרנען פאר'ן איינגערען דור. אמן.

דרוש מד.

לנשואין ושלום בית

כל המגרש אשתו הראשונה אפילו מזבח מוריד עליו דמעות.

דער וועלכער עס גט אפ זיין ערשטע פרוי, איז אפילו דער מזבח פארגיסט אויף אים טרערען. דער מאמר בעט זיך אן ערקלערונג. ערשטענס, פארוואס וויינט דער מזבח גראדע אויף דעם וואס גט אפ זיין ערשטע פרוי? מיר האבען קיינמאל ניט געהערט, אז דער מזבח זאל וועגען עפעס אנדערש וויינען. צווייטענס, דער אויסדרוק פון דער גמרא, אז „אפילו" דער מזבח וויינט, וויל אנדייטען, אז אלץ וויינט, און אפילו דער מזבח וואס וויינט קיינמאהל ניט אויף קיין זאך, וויינט אויך אויף איהם.

אין אמעריקא זיינען די קינדער וויט, זעהר וויט אפגעטראטען פון זייערע עלטערען. דער טאטע לייגט אפט צוויי פאר תפילין, רש"י'ס און רבינו תמ'ס, און דער זוהן לייגט שוין אפילו קיין איין פאר תפילין אויך ניט. עס זיינען אבער אויך דא פיעלע קינדער, וואס דאווענען און לייגען תפילין יעדען טאג, אין אזעלכע פעלע ווען די עלטערן זיינען זעהר פרום; האבען זיי אבער חתונה און ווערען פריי פון זייערע עלטערן, הערען זיי דאס באלד אויף, און גיבען אויף דאס גאנצע ביסעל אידישקייט, וואס האט זיך געפונען ביי זיי. זיי לאזען שרייבען א „כתובה" פאר דער פרוי, מיט וועלכער זיי האבען חתונה געהאט און אין דער זעלבער צייט שרייבען זיי א גט פאר זייער אידישקייט.

די תורה ווערט גערופען די ערשטע פרוי פאר דעם אידען, ווי די גמרא זאגט (סנהדרין נ"ט) עכו"ם שעוסק בתורה חייב מיתה, שנאמר תורה צוה לנו משה מורשה. א"ת מורשה אלא מאורסה"

— א גוי וואָס לעהרענט תורה איז חייב מיתה, ווייל אין פסוק שטעהט, א תורה האָט אונז משה געבאָטען, א ירושה צו קהלת יעקב. לייען ניט מורשה, וואָס דער מיינונג איז א ירושה, נאָר לייען מאורסה, אזוי ווי א פרוי וועלכע ווערט פארקנסט צו איהר מאַן. פאר'קנס'ט. פון דעם זעהען מיר, אז די תורה און מצוות ווערען גערופען די ערשטע פרוי פון די אידען,

מיר ווייסען אויך אז דער איד, וואָס איז 'עוסק בתורה", דאַרף ניט האָבען קיינע קרבנות. ווי רבא זאָגט אין מנחות (קיא) „זאת התורה לעולה ולמנחה וגו' כל העוסק בתורה אינו צריך לא עולה ולא מנחה ולא חטאת ולא אשם". זאָגט רש"י הקדוש „דתלמוד תורה מכפר עונותינו". געפינען מיר דאָך, אז ווער עס איז עוסק אין דער תורה, טהוט מיט דעם א שאָדען דעם מזבח, וואָרים מיט דעם וואָס ער לעהרענט תורה, פטור'ט ער זיך פון צו ברענגען קרבנות, ווייל די תורה איז מכפר אויף זיינע זינד. אָבער אז ער איז נישט עוסק בתורה, דאַן דאַרף ער ברענגען קרבנות. וואָלטען מיר דאָך מיינען, אז דער מזבח איז זעהר צופרידען אז דער איד הערט אויף צו לעהרנען די תורה און היט נישט די מצוות, וואָרים דאַן וועט דאָך דער מזבח פראָפיטירען פון די קרבנות. זאָגט אונז רבי אליעזר, אז מיר זאָלען קיין טעות ניט מאכען אזוי צו דענקען, ווייל עס איז ניט אזוי, נאָר „כל המגרש אשתו הראשונה" ווער עס גט אָפּ זיין ערשטע פרוי, וואָס דאָס מיינט די תורה, ווי פריהער דערמאָנט, איז „אפילו" מזבח — דער מזבח, וואָס האָט זיך דאָך אייגענטליך גע־דאַרפט פרעהען דאַן, ווייל דער איד וועט דאָך איצט דאַרפען ברענ־גען קרבנות, אָבער דער מזבח וויינט פונדעסטוועגען.

טייערער און ליבער חתן! איהר שטאַמט דאָך פון אזעלכע פרומע און טייערע עלטערן, געוויס האָט איהר זיך אין זייער הויז אויפגעפיהרט אידישלעך, האַלט אָן אייער אידישקייט אויך אין דער צוקונפט. זכה — עזר, לא זכה — כנגדו. שרייבט ניט אָן קיין גט צו אייער אידישקייט, נאָר אדרבה, זייט אינדער בחינה פון זכה — וועט גאָט ב"ה העלפען און די פרוי וועט זיין צו דיר, טייערער חתן, אַן עזר. און ממילא וועט הערשען שלום בית אין פולען זינען פונ'ם וואָרט און וועט נישט דאַרפען קומען צו דער מדריגה פון המגרש

את אשתו הראשונה חלילה און גורם זיין דעם מזבח צו לאָזען דמעות וועגען אייך.

וואָרים ווען עס איז קיין שלום בית ניטאָ, און צוליב די מחלוקת און צאַנקערייען, קען קיין ברכה אין הויז נישט אריינקומען. און ענדליך מוז עס ברענגען צו אַ גט, וואו אפילו דער מזבח וועלכער דאַרף אין אמת'ן זיין דער גרעסטער אכזר, ווייל ער זעהט זיך דאָך אָן אַזויפיל בלוט, וואָס ווערט אויף איהם פאַרגאָסען און אַזויפיל פליי־שען פון לעבעדיגע ברואים, וואָס ווערען אויף איהם פאַרניכטעט, האָט ער דאָך שוין געדאַרפט זיין אַזוי פאַרהאַרטעוועט, אַז קיין זאַך אין דער וועלט, ווי שרעקליך דאָס זאָל ניט זיין, זאָל אויף איהם קיין איינדרוק ניט מאַכען. איז אָבער די געשיכטע אַזוי, אַז פון קיין זאַך אין דער וועלט ווערט טאַקע דער מזבח ניט געריהרט, און עס איז טאַקע נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס זאָל זיין בכח דעם מזבח צו ריהרען, נאָר איין צרה מאַכט אויף איהם אַזאַ שרעקליכען איינדרוק, אַז ער קען זיך ניט איינהאַלטען פון וויינען, און דאָס איז „כל המגרש אשתו הראשונה" — ווער עס גייט גט'ן זיין ערשטע פרוי, איז „אפילו" דער מזבח, ווערט דערפון געריהרט און פאַרגיסט טרעהרען אויף דער טראַגעדיע. על כן דאַרף מען זעהען, אַז שלום ושלוה זאָל הערשען אין הויז. וועט מקוים ווערען די ברכות וואָס אלע ווינשען אייך, אמן.

דרוש מה.

לחנוך

פרויען און קינדער דערציהונג

הני נשי במה זכיין, בדיל דאמטיין בנייהו לבי כנשתא, ומתני בי רבנן ומייתי בניהו מבי רב.
(ילקוט ישעיה מ"ב).

ווי עס איז צו זעהן פון דער גמרא האָבען אונזערע חז"ל גע־גלויבט אז גאָט ברוך הוא טיילט ניט אויס לעבען, געזונד און כל טוב — פאָר גאָרניט. מען גיט נישט קיינעם קיין אומזיסטע ברויט. דאָס גוטעס מוז זיך דער מענש פארדינען, אזוי זאָגען די הכמי התלמוד: „כל האומר הקב"ה ותרן הוא יותרו מעיו", ווער עס וואגט צו זאָגען אז כביכול קודשא בריך הוא איז א ותרן, אז ער גיט אָהן חשבון, דעם זאָלען זיינע געדערים צורונען ווערען.

געהענדיג מיט דער שיטה פון עקאָנאָמיע, פרעגען זיי מיט רעכט: הני נשי במה קא זכו? מיט וועלכען רעכט, אין וועלכען זכות לעבען די פרויען, און מאנכע האָבען נאָך גוטע מערכות, ווי אזוי פארדינען זיי זיך דערצו? מילא מענער האָבען תרי"ג (613) מצוות, מצוות עשה'ס און מצוות לא תעשה'ס, מצוות שהזמן גרמא און מצוות שלא הזמן גרמא און אז. וו. און ווי זינדיג מענער זאָלען אל־זא ניט זיין, זיינען זיי דאָך פארוויקעלט אין מצוות, (אפילו פושעים שבישראל מלאים מצוות כרמון, אז דער אָפּפאל פון אידען איז אויך פול מיט מצוות, האָבען אונזערע חכמים מסכים געווען) און פאר־דינען ווי עס איז דעם חסד פון זיין ליבען נאָמען, ווער מעהר, ווער וועניגער. אָבער די פרויען וואָס די צאָהל פון זייערע מצוות איז אזוי באַשרענקט, די צאָהל פון זייערע מעשים טובים אזוי באדיי־

טענד קליין, וואָס איז אַלזאָ זייער זכות אויף לעבען און אריכות ימים? וואָס איז זייער פארדינסט אום צו לעבען און צו עקזיסטי־רען?

דאַרויף ענטפערען די חכמי התלמוד: געווים מוז יעדערער אר־בייטען פאר דאָס גוטעס וואָס עס ווערט איהם צוגעטיילט פון הי־מעל, ווארום קיין לחם חסד ווערט קיינעם ניט געגעבען, ווייל מען ניט איבערהויפט גאָר ניט פאר גאָר ניט. נאָר וואָס איהר פרעגט, וואָס פאר אַ גוטס טוהען די פרויען אז זיי זאָלען פארדינען זייער לע־בען, ווען דער צאָהל פון זייערע מצוות און מעשים טובים איז דאָך אזוי קליין? זאָגען די חז״ל, אַ ברידערלאך, מאכט ניט קיין טעות, די פרויען פארדינען אויך וואָס זיי האָבען, דאָס זעלבע ווי עס פאר־דינען עס די מענער, ווארום זיי טוהען זעהר אַ גוטע זאך, „דמובילנא בנייהו לבי כנישתא", זיי פיהרען זייערע קינדער אין די שוהלען און אין די בתי מדרשים צו לערנען די תורה, זיי באַטייליגען זיך אין די דערציהונג פון אונזערע קינדער, זיי פארשטאַרקען דעם אידישען גייסט צווישען אונזער יוגענט, זיי לייגען דעם יסוד פאר דער געביידע פון אונזער אידישער ערציהונג אין יעדען דור באזונדער, זיי פארשמי־רען די שפעלטלאך אין די ווענט פון׳ם דת אום זיי זאָלען כח האָבען זיך אויפצוהאלטען און גאנץ בלייבען. דורך דער פרוי׳ס מיה האָ־בען זיי דעם כח פון אויסדויער׳ און דורך דער שטאַרקער ווירקונג פון די פרויען האָט דאָס אידישקייט זיך אָנגעהאלטען די פיעלע טוי־זענדער יאָהרען, און זי וועט זיך אי״ה נאָך אָנהאלטען אזוי לאנג ווי מיר וועלן האָבען מוטערס „דמובילנא בנייהו לבי כנישתא", וואָס באַטייליגען זיך אין אונזער חנוך, וואָס זאָרגען ווענן זייערע קינדער אז זיי זאָלען נעהן אין אידישען וועג, און דאָס איז שוין איינמאָל אַ גוטע ארבייט, און מיט רעכט פארדינען זיי לעבן, געזונד און אלדאָס־גוטס.

דאָס איז וואָס אַנבעלאַנגט צו די גוטע ארבייט פון נאָבעלע פרויען פאר חנוך אין אלגעמיין, אָבער אויך די יעניגע וועלכע האָבען זיך ביז יעצט ניט באַטייליגט אין חנוך ארבייט אין אלגעמיין, קען יעדע פרוי — אינדיווידועל — אויך זיין באהילפיג אין דער הייליגע אויפגאבע, און יעדע איינע קען צוטראָגען אַ ציגעל צו פארפעסטיגען

די פעסטונג פון יהדות, דורכדעם וואס זי וועט טרייען איינצופלאנצען אידישען גייסט, דעם אלטען הייליגען אידישען טראדיציאנעלען חנוך — וועניגסטענס צווישען איהרע אייגענע קינדער. יעדעם קינד וואס ווערט דערצויגען אין דעם אידישען גייסט פון אונזערע אבות, ברוח ישראל סבא, איז א בייטראג צו דער פארפעסטיגונג פון דעם אידישען בנין עדי־עד, ביז אין שפעטסטען צוקונפט, און עס וועט אויף זיי מקוים ווערען ישעיה הנביא'ס ברכה: „ונתתי להם בביתי ובחומותי יד ושם טוב מבנים ומבנות" (ישעיה נ"ו ה') און זיי וועלען פאר זיך דערווערבען א פלאץ אין דער אידישער געשיכטע, וואס איז נאך פיעל וויכטיגער פון קינדער, פון זיהן או פון טעכטער, און זייערע נעהמען וועלען פארשריבען ווערען מיט גאלדענע אותיות צום אייבינען אנדענקען, אמן.

דרוש מו.

שנוי השם

לא היה אדם שהודה להקב"ה עד שבאתה לאה והודתו שנאמר (בראשית כ"ט ל"ה) הפעם אודה את ה' על כן קראה את שמו יהודה.

(ברכות ז').

וואס איז א נאמען? — שעקספיער.

ווען א מענש הויבט אן שיינען די זוהן, ער הויבט אן געהן **בארג ארויף, ער ווערט רייך, איז ער פול מיט התלהבות צו גאט, דאנקט** ער און לויבט זיין ליבען נאמען. אז ער ווערט אבער איינגעוואוינט דערצו, הערט ער שוין אויף צו דאנקען צו השי"ת, מיינט ער אז עס דארף שוין אזוי זיין. געלט ציהט צו געלט, רייכטום צו רייכטום. לאה אבער האט געהאלטען אין איין דאנקען גאט, וואס מעהר גוטעס זי האט זיך דערווארבען, האט זי דאס גערעכענט פאר א מתנת חנם און געדאנקט גאט. און אונזער מוטער לאה לערענט אונז, אז פאר יעדע זאך דארף יעדערער אימער דאנקען דעם בורא.

האט זי דאס פערטע קינד געבוירען, האט זי גאט געדאנקט, מען זאל וויסען, אז אויב עס הויבט אן צו געהן גוט, דארף מען ניט דענקען, אז דאס איז נאטירליך. ניין, קיין נאטירליכעס איז ניטא, אלץ געהט לויט דער השגחה פון השי"ת. ווי ער, ב"ה, באשטימט, אזוי איז עס. דערפאר דארף מען איהם דאנקען. לאה האט דעם סימבאל פון גאט'ס אנערקענונג פארשפרייט און געוועקט דעם מענשליכען געוויסען, אז א מענש מוז אימער געדענקען זיין פליכט צו השי"ת. און זי האט דארום איהר קינד גערופען „יהודה", אז ווער עס ווערט

זיין נאָמען אָנרופען, וועט פאַרשטעהן און וויסען, אַז דער נאָמען באַדייט „דאַנקען" און דאַנקען דעם אויבערשטען, ווייל יהודה אַנטהאַלט — כידוע — דעם פולען שם הוי"ה.

לאָה האָט אונז געגעבען דעם סימבאָל פון געטליכע אַנערקענונג אין די הייליגע און וויכטיגע באַדייטונג פון אַ נאָמען.

די חז"ל זאָגען: „כל הקורא לאברהם אברם עובר בעשה" (ברכות י"ג) ווייל גאָט ב"ה האָט געזאָגט (בראשית י"ז) „ולא יקרא עוד את שמך אברם, והיה שמך אברהם". ווער עס רופט אברם אַנשטאָט אברהם איז ער עובר אויף אַ מצות עשה. דאָס איז אַן אָנ־דייטונג צום פאָלק ישראל, אברהמ'ס קינדער, אַז מען דאַרף ניט פאַר־בייטען קיין נאָמען. איין אות צוגעלייגט און דער פערזאָן באַקומט אַן אַנדער באַדייטונג, אַ גרעסערע חשיבות. שרי קען קיין קינדער ניט האָבען, שרה אָבער האָט שוין אַ יצחק'ן, וואָס איז זיך מקריב על קדוש השם. הושע קען באַאיינפלוסט ווערען פון מרגלים און זיין גרויסקייט זאָל קאַטאַסטראָפאַל זינקען, „יהושע" אָבער איז שוין געזי־כערט פון זייער חברותא.

יעקב זאָגט אָן אין זיין צוואה: קינדערלעך, איהר בלייבט אין מצרים, איהר וועט מיט דער צייט אַלעס, אַלעס פאַרוואַרפען. אָבער געדענקט די נעמען אייערע: „ויקרא בהם שמי ושם אבותי". האַלט זיך ביי אייערע און ביי אייערע עלטערנ'ס נעמען. און אויסגעלייזט זיינען זיי געוואָרען בשביל „שלא שנו את שמם", ווייל זיי האָבען זיי־ערע נעמען ניט געביטען. ווי דער פסוק זאָגט עדות: „ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה" — אַז אָפּזייענדיג אַ גאַנץ לאַנגע צייט אין מצרים האָבען זיי זייערע נעמען ניט געביטען און זיינען נאָך אַלץ געבליבען: ראובן, שמעון, לוי וכו'.

לפי זה קומט אוים אַז אויב פרומע אָרטאָדאָקסישע אידען חופען זייערע קינדער „אַלבערט" אַנשטאָט אברהם, „דזשעק" אַנשטאָט יעקב, „ראָזאַלין" אַנשטאָט רחל א. א. וו., אַז ער איז עובר אויף אַ מצות עשה פון דער תורה — „והיה שמך אברהם".

מיר געפינען אויך אין ברכות (דף ז) מאי רות? שזכתה ויצאה ממנה דוד שריוהו להקב"ה בשירות ותשבחות" וואָס איז די באַדיי־

טונג פון דעם נאָמען „רות", ווייל פון איהר איז ארויסגעקומען דוד וואָס ער האָט זאָט געמאַכט הקב"ה מיט ליוב געזאַנגען.

עס איז זעהר אַן אָנגעוועהטאָגטע פראַגע אין אידישען לעבען דאָ אין לאַנד, וואָס עלטערן זיינען משנה השם. זיי ווילען פאַר קיין פאַל ניט רופען זייערע קינדער מיט אידישע נעמען, נאָר דוקא איבער־געדרעהטע און צובראָכענע גויאישע נעמען, ווייל אַזוי רופט מען גוי'אישע קינדער. עס איז פארשטענדליך, אַז איינער וועלכער הייסט יעקב און רופט זיך דזשעק, בלייבען זיינע קינדער גוים גמורים, ללא תורה, יראה ודרך ארץ, ווייל ווי קען מען פארלאַנגען פון אַ דזשאָהן אָדער סטעפאַן, אַז ער זאָל לערנען זיין קינד אידישקייט? קען דזשאַן ווערען אַ יונה הנביא און אויסשרייען „עברי אנכי"? הייסט די מאַמע דבורה, נאָך דבורה הנביאה, רופט מען זי דאָרע. און אַ דאָרע וועט שוין ניט שטרעבען אויפצוהאָדעווען אַ קינד, אַן אור־אור איינִיקעל פון דבורה הנביאה: עס קען זיך איינגעבען ביי אַ יונה, אַז ער זאָל אויפהאָדעווען אַ קינד וואָס וועט מיט שטאָלץ אויסשרייען „עברי אנכי"! ניט אַזוי איז אָבער אַ יונה, וואָס אַליין רופט ער זיך דזשאָהן — ער פארגעסט אָן דעם הייליגען נאָמען וואָס ער טראָגט און זיכער פארגעסט ער אָן זיין באדייטונג. ווי אַזוי קען מען אַלזאָ דערוואַרטען אַז זיין קינד זאָל פּראָקלאַמירען „עברי אנכי".

רות המואבית האָט איהר נאָמען ניט געביטען אפילו אַלס גיורת, פרעגט די גמרא: „מאי רות? אַ גיורת בייט דאָך געוועהנ־ליך איהר נאָמען אויף שרה, רבקה אָדער רחל. פארוואָס האָט רות ניט משנה געווען איהר נאָמען? ענטפערט די גמרא, ווייל דער נאָמען האָט גורם געווען, אַז פון איהר זאָל ארויסקומען אַ דוד, וואָס וועט זינגען שירה צום רבונו של עולם. ח'ית מיינט ריוהו, איהם זעטיגען — מיט שירות ותשבחות. און דער נאָמען בלייבט אין דער געשיכ־טע.

און דאָס דאַרף יעדער יחיד און יעדער קיבוץ לערנען זייערע קינדער, אַז אום מחנך צו זיין אַ דור געטרייע באוואוסטזיניגע אי־דען, דאַרף מען צום אַלעמערשטען אָפּהיטען דעם אידישען נאָמען, איהם ניט צו בייטען. ווי מיר געפינען אין פסוק „וכל אשר יקרא לו האדם נפש חיה הוא שמו (בראשית ב׳ י׳). „שמו" דער נאָמען: דאָס

איז דער „נפש חיה", די נשמה, נישט דער גוף, ווארום אפילו נאכדעם ווי דער קערפער עקזיסטירט מעהר נישט, בלייבט דער נאמען אן איי־ביגקייט צו דער נשמה. כידוע איז דער נאמען א „שם הקודש", א אידישער נאמען איז דער „נפ״ש" א אידישער, פארבייט מען אבער דעם נאמען אויף א גוי'אישען, ווערט דער „נפש" אויך פארביטען.

בשביל שלא שנו את שמותם נגאלו אבותינו ממצרים. און אויב לא ישנו את שמותם, אויב אין דער צוקונפט וועלען מיר זיך אפהיטען אונזערע נעמען נישט משנה צו זיין, וועלען מיר אין דעם זכות האבען די גאולה העתידה, במהרה בימינו, אמן.

* *
*

„ותפתח ותראהו את הילד והנה נער בוכה ותחמול עליו ותאמר מילדי העברים זה. פון וואנען האט זי דערקענט אז ער איז א איי־דיש קינד? נאר אזוי ווי אידען האבען די דריי מידות: בישנים, רחמנים, גומלי חסדים, אבער גוים האבען קיין רחמנות ניט, און ספרים הקדושים זאגען אז אויב מען קוקט אויף א צדיק הדור נמשך קדושה מהצדיק אל הרואה, די השפעה פון צדיק ווירקט אויף די מקבלים. ווי נאר זי האט משה'ן דערזעהן האט זי אויף איהם רחמנות געקראגען, האט זי פארשטאנען אז דאס קומט איהר אין רעפלעקשאן פון קינד, און אזוי ווי די מדה איז א אידישע האט זי פארשטאנען כי מילדי העברים הוא זה.

דרוש מז.

לחנוך הגדר

מעשה באדם אחד שהיה מסקל מרשותו לרשות הרבים ומצאו חסיד אחד, אמר לו ריקה מפני מה אתה מסקל מרשות שאינו שלך לרשות שלך, לגלג עליו. לימים נצרך למכור שדהו והיה מהלך ברשות הרבים ונכשל באותן אבנים, אמר יפה אמר לי אותו חסיד, מפני אתה מסקל מרשות שאינו שלך לרשות שלך.

(ב"ב ג'.).

א מענש האט פון זיין חצר שטיינער געווארפען אין גאס, געהט פארביי א חסיד און מאכט איהם אויפמערקזאם: שוטה, דו ווארפסט דאך די שטיינער פון א פרעמדען פלאץ אין דיינעם אריין. דער בעל החצר האט עס אנגענומען פאר א שפאס און ווייטער ענטשטיינערט דעם חצר. קירצליך האט ער דעם חצר פארקויפט און איהם איז אויסגעקומען פארביי געהן דעם ארט אין גאס און האט זיך אן א שטיין געשטרויכעלט און זיך פארוואונדעט. „אה, ווי ריכטיג יענער חסיד האט מיר דאן באמערקט", האט דער בעל החצר געטראכט.

רבותי! ווי פארקעהרט זיינען מענשען בכלל און ניט אויסגערע־כענט זיי פיהרען זיך. ווען א מענש ווערט אביסעל פארמעגליכער און וויל זיך קויפען א הויז, א קליינע צו א גרויסע, ווי באקוועם ער בויט איהר, וויפיעל מיה און ענערגיע ער גיט דעם הויז אוועק, שטעהט שוין דאס הויז, איז א בלומען גארטען און בוימער ארום דעם הויז מוז פארפלאנצט ווערען, און קיינעם געהט גאר אויפ'ן געדאנק ניט ארויף אז ער איז גארניט דער אמת'ער בעל הבית פון יענעם הויז, ווייל קיינער וויס ניט וועמעס מארגען עס איז, ער איז

בלויז אַ גאַסט דאָרט, און דער אמת'ער אייביגער אָרט, דער בית חיים אָדער בית עלמין, שטעהט אָהן אַ בעל הבית'ישער אויג זאָל נעמען אכט פאר דעם, קיין גדר, קברים פרייע, מען ענטשטיינערט פרעמדע ערטער אין אייער אייגענעם אָרט.

העולם הזה דומה לפרוזדור בפני עולם הבא, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין, די וועלט איז בלויז אַ פאָר הויז פאר'ן עולם הבא, בעפאָר מען קומט אריין אין פּאַלאַץ מוז מען דורכגעהן דעם קאָרידאָר, און אויב מען בויט אַ פּאַלאַץ באַצירט מען דעם פנים דעם טרקלין אָבער ניט דעם פרוזדור, עס וואָלט דאָך זיין נאַריש צו ספּענדען אַ פאַרמעגען אויפ'ן האָלל און דעם פּלאַץ וואָס דאָס איז דער עיקר, אין פּאַלאַץ זאָל ניט ווערען באַפּוצט, און וויבאַלד אז דער בית עולם איז נאָהענט צום טרקלין דארף ער שוין ווערען באַפּוצט, דעקאָרירט וועניגסטענס מיט אַ גדר, ארומגעצאַמט מיט אַ שעהנעם אהל ווי עס פּאַסט פאר אַ טרקלין.

די מתעסקים אָרום געשטאָרבענעם רופט מען חברה קדישא, כאָטש דער מת אליין איז טמא, ווייל אַ מענש איז ווי אַ ספר תורה, יעדע מצוה וואָס אַ גליד, אָן אבר טהוט איז דער אבר קודש, אויב למשל, ער גיט צדקה מיט'ן האנד נתן תתן, איז די האנד קדש, ליינט ער תפלין אויפ'ן האנד און קאָפּ זיינען זיי קדש, וקשרתם לאות על ידך והיו לטוטפות בין עיניך, עסט ער בלויז כשרות איז דער גאַנצער גוף קודש, את זה תאכלו וגו'. און די וואָס זיינען זיך מתעסק מיט'ן גדר, די זיינען געווים קדושים, ווייל זיי ווייזען דעם ריכטיגען וועג פון בויען, זיי זיינען לאָגיש און ריכטיג, זיי וואַרפען ניט קיין שטיינער אין רשות הרבים, ווייל סוף סוף ווערט ער אַ רשות היחיד אזוי ווי יענער חסיד האָט באַמערקט.

מען דערצעהלט וועגען אַ געוויסע שטעטעל אין רוסלאַנד וואָס קיין רב האָט זיך אין איהר ניט געקענט האַלטען, ווייל די מענשען זיינען געווען גרויסע בעלי מחלוקת, און וועלכער רב וויל עס געהן וואו קריגעריי איז דאָ, איז איינמאָל אַ גרויסער רב פארביי געפאָהרען דאָס שטעדטעל און אלע האָבען איהם געוואָלט האָבען, מורא האָבענדיג טאָמער וועט ער זיי פרעגען ווער עס זיינען געווען זייערע פריהערדיגע רבנים, זיינען זיי אוועק אויפ'ן בית הקברות, און אויפ־

געשריבען אויף מצבות פ"נ החיי אדם, פ"נ המלבי"ם, פ"נ ר' עקיבא איגר, הט"ז א. אז. וו. ווען ער האט דערזעהן אויף וואס פאר א שטע־לע ער קומט אן, האט ער גלייך גע'חתמ'עט דעם כתב רבנות. קומענ־דיג אהיים נאך זיין ווייב און קינדער זיי אריבער צו נעהמען צו זיין נייער שטעלע, זאגען די בני עירו, רבי, וואו קריכט איהר, א שטאדט פון מחלוקת, זיי האבען אייך אפגענארט. קומט ער צו זיי, זאגט ער, איהר האט מיר גענארט, די גאונים ליגען דאך אין אנדערע ערטער, ניט דא, זאגען זיי, רבי, מיר האבען קיין ליגען ניט גע־זאגט, אין אנדערע ערטער זיינען זיי ניט באגראבען, ווייל מען לערענט זייערע ווערטער, דארטען איז שפתותיהם מדובבות בקבר, אבער דא רבי זיינען אלע באגראבען, מען לערענט זיי ניט, קומט און איהר וועט זעהן מען זאל לערנען. דא דארף מען א אהל, א שעהנעם אהל און א שעהנעם גדר האבען, מען מוז פארצאמען גדרים, סיגים, חומרות מאכען און מצוה גוררת מצוה.

רבותי! אז איהר וועט א שעהנעם גדר מאכען, א שעהנעם אהל דא וואס זאל זיין לאחר מאה שנה, ממילא וועט מען אנדערע מצוות טאהן, וועט מען ניט נאר באפוצען דעם פלאץ אדער דעם האלל, נאר דער גאנצער בנין וועט זיין שעהן, שוש אשיש בד' תגל נפשי באלהי, כי הלבישני בגדי ישע, מעיל צדקה יעטני, און איהר וועט מאריך ימים ושנים זיין, און קיינער וועט בעה"ש קיין צער ניט האבען נאר שמחה וששון באהלי ישראל, אמן.

דרוש מח.

הספד

אַ פּאָר ווערטער צו דער פלוצלונגדיקער טרויעריגער ידיעה פון דער הסתלקות פון דעם צדיק יסוד עולם דער „חפץ חיים" ז"ל, עש"ק כ"ד אלול, תרצ"ג

משמת ר' מאיר בטלו מושלי משלים.
(סוטה מ"ט ע"א).

דער גרויסער וועלט גאון ר' שלמה קלוגער זצ"ל פון בראָד, אין זיין הספד אויף דעם באוואוסטען צדיק ר' מאיר'ל פּרעמישלאַנער זצ"ל, האָט צווישען אנדערעס געזאָגט אויף איהם דעם מאמר חז"ל: משמת ר' מאיר בטלו מושלי משלים.

אין מועד קטן (ט"ז ע"ב) ברענגט די גמרא אויף דעם פסוק (שמואל ב' כ"ג) אמר אלקי ישראל לי דבר צור ישראל מושל באדם צדיק מושל ביראת אלקים. מאי קאמר א"ר אבוהו הכי קאמר, אמר אלהי ישראל לי דבר צור ישראל אני מושל באדם מי מושל בי צדיק שאני גוזר גזירה ומבטלה. זאָגט רש"י: צור ישראל מושל באדם אני מי מושל בי צדיק מושל בי ומבטלה. עכ"ל.

קומט אוים לפי זה, אז הקב"ה איז אַ מושל איבער דעם מענשען — און ווער איז אַ מושל איבער כביכול, דעם אויבערשטען? — דער צדיק! ווייל הקב"ה איז גוזר און דער צדיק איז מבטל די גזירה.

קומט אוים אז דער צדיק איז אַ מושל איבער דעם מושל באדם. דאָס איז דער געדאַנק. משמת ר' מאיר, אז דער גרויסער צדיק ר' מאיר איז נפטר געוואָרען, בטלו, איז אוועקגענומען געוואָרען פון אונז

„מושלי משלים", אזא גרויסער צדיק און קדוש, וועלכער איז געווען א מושל איבער כביכול הקב"ה, וועלכער איז אליין א מושל.

און דאס מאכט די טראגעדיע נאך פיעל גרעסער בדורנו, וועלכער איז בעונותינו הרבים א דור יתום און גזרות רעות ווערען געשאפען בכל עת ובכל רגע, ווי דער פייטן דריקט זיך אויס מיט פארביטערונג אין די קינות, עד שהראשונה פקודה משמרת, שניה אצה וממהרת . . . ואין לך יום שאין קללתו מרובה מחבירו . . .

האבען מיר כאטש געהאט צווישען אונז אזא גרויסע העלשיינענדע זון, דעם גרויסען גאון וצדיק ר' ישראל מאיר, דער כהן גדול, אויף וועלכען מיר האבען געהאפט: בצלו נחיה בגוים! איז ער נעבעך פון אונז צוגענומען געווארען.

„ישראל", וועלכער האט דעם נאמען מיט רעכט געטראגען „כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל.

„מאיר", המאיר לארץ ולדרים, וועלכער האט געלויכטען מיט זיין העלישער פראכטפולער הייליגער ליכט אויף דער גאנצער וועלט. זיין נאמען איז געווען פארהייליגט און געאכטעט אפילו ביי גוים. איצט איז דאס ליכט פארלאשען געווארען פאר אונז.

הי' חסיד הי' עניו מתלמידיו של אברהם אבינו. על זה דוה לבנו. על אלה חשכו עינינו. על הר ציון ששמם, די שערים המצוינים בהלכה זיינען פינסטער געווארען. דער צדיק הדור, דער „מושל משלים" איז פון אונז אוועק. חבל על דאבדין ולא משתכחין!

גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם — זאגען די חז"ל — צדיקים זיינען גרעסער נאך זייער פטירה. פון וואס? מבחייהם, דורך די לעבעדיגע תלמידים און נאכפאלגער, וועלכע קריגען דורך זיין הסתלקות א הרהור תשובה און זיינען מקיים „אגרא דהספידא דלויי. דער שכר פון הספד איז — דלויי — אז יעדער איינער זאל אויפהויבען פון די מעשים פון'ם צדיק און געהן אין זיינע וועגען. דורכדעם זיינען שפתותיו דובבות בקבר — און דער צדיק איז מגין אויפ'ן דור.

יתן ה' ולא נוסיף לדאבה עוד.

דרוש מט.

הספד

כל המוריד דמעות על אדם כשר הקב"ה סופרן ומניחן בבית גנזיו.
(שבת ק"ה).

ווער עס פארליהרט א טרעהר, ווער עס נעמט זיך צום הארצען אויף דער אבידה פון אן אדם כשר, פון אן עהרליכען אידען, טהוט זיי גאָט ב"ה צעהלען, און באהאלט זיי אין זיינע אוצרות.

די חכמי התלמוד זאָגען אין אן אנדער אָרט, אין הברכה מצויה בדבר המדוד ובדבר המנוי, שנאמר, וברכתיך באסמיך די ברכה איז ניט חל אויף א זאך, וואָס איז געצעהלט אָדער וואָס איז געמאָסטען. און דאָס איז די כוונה פון די חז"ל, כל המוריד דמעות על אדם כשר, ווער עס באוויינט דעם אדם כשר, ווער עס באקלאָגט דעם פּארלוסט פון א גוטען אידען און נעמט זיך דאָס צום הארצען, איז עס שוין א באוויז אז ער אליין איז אן אדם כשר, אז ער אליין איז אן עהרליכער איד, א ירא אלקים. און גאָט ב"ה באצאָהלט איהם פאר זיין צער דערמיט, וואָס אָט די טרערען צעהלט ער איבער. און ווי מיר האָבען אויבען געבראכט, איז די ברכה ניט חל אויף א זאך וואָס ווערט איבערגעצעהלט, און דאָס איז א סגולה, אז ער זאָל אין טרעהרען קיין ברכה ניט האָבען, ער זאָל מעהר ניט דארפען פארגיסען קיין טרעהרען און ער זאָל מעהר פון קיין צער ניט וויסען.

ביי דער טרויעריגער געשיכטע פון די מרגלים שטעהט אין פסוק: ופגריכם אתם במדבר הזה ובניכם וגו' (במדבר י"ד, לב־לג) במדבר הזה יתמו ושם ימותו (שם י"ד ל"ה) ויתאבלו העם מאד (שם ל"ט) נאָכדעם שטעהט: כי תבאו אל ארץ מושבותיכם, אשר אני נותן לכם ועשיתם אשה לדי וגו' (שם ע"ו

ב״ג) . דער ילקוט בשם תנא דבי אליהו ברענגט אויף דעם פסוק ויתאבלו מאד, זיי האָבען געטרויערט. האָט גאָט געזאָגט צו משה׳ן: געה און באַרוהיג זיי די אָרימע נעבעך, וואָרים זיי האָבען שוין קיין הארץ ניט. פרעגט משה, מיט וואָס זאָל איך זיי באַרוהיגען? זאָגט איהם גאָט: באַרוהיג זיי מיט דברי תורה, שנאמר, עס שטעהט אין פסוק: דבר אל בני ישראל ועשיתם עולה לד׳. איז דאָך דאָס א מדרש פליאה, אז מען זאָגט זיי אז אין דער מדבר וועלען זיי אויס־שטאַרבען און דאָרט וועלען זיי זיך אויסלאָזען, איז אַז ער וויל זיי טרייסטען אויף דער טרויעריגער בשורה, זאָגט ער זיי: איהר זאָלט זיך ניט ערגערען, וואָס איהר שטאַרבט אוים און איהר וועט ניט אריין קיין ארץ ישראל, ווייל אין ארץ ישראל וועט מען מקריב זיין קרבנות! — וואָס פאַר א טרייסט איז דאָס פאַר זיי?

דאָס וועלען מיר פאַרשטעהן מיט א משל: א לאַנגע צייט האָט איין פאָלק מלחמה געהאַלטען מיט א צווייטען פאַר זייער לאַנד און זייער עקזיסטענץ. לאַנג האָט די מלחמה געדויערט און פיל בלוט איז פאַרגאָסען געוואָרען און ס׳איז ניט געקומען צו קיין סוף. אָבער צו שוואַך זיינען זיי געוועזען אז זיי זאָלען זייער פיינט באַזיגען. ביז עס איז ניט געקומען זייערער א מאַן מיט א פעסטען כאַראַקטער און קלוג אין תכסיסי מלחמה, און מיט זיין גבורה און מיט זיין חכמה האָט ער זיין פאָלק געראַטעוועט, ער האָט זיי מציל געוועזען פון זייער פיינד, ער האָט זיך פאַר זיי גוֹקם געוועזען און דערצו נאָך האָט ער זיי באַזאָרגט מיט הייזער, פעלדער און וויינגערטנער, וואָס זייערע געג־נער האָבען פאַרניכטעט.

אז דאָס פאָלק האָט געזעהן וואָס ער האָט אויפגעטהאָן פאַר זיי, האָבען זיי אַלע ווי איינער באַשטימט אז ער זאָל ווערען זייער קעניג. ער האָט זייער אָנבאָט אָנגענומען און דאָס פאָלק איז דערפון זעהר צופרידען געוועזען און האָבען איהם גרוים כבוד אָפּגעגעבען און זייער דרך ארץ פאַר איהם איז געוועזען אומגעהויער גרוים.

אין א צייט ארום האָבען זיך זייַנע אונטערטהאַנער גענומען בונטעווען און האָבען זיך שטאַרק פאַרזינדיגט געגען איהם, האָט זיי דער קעניג שטאַרק באַשטראָפט, און זיי אַלעמען אויסגעטיילט לעבענס לענגליכע שטראָף. ווען דער קעניג האָט געזעהן אז זיי האָבען שטאַרק

חרטה אויף זייער פארברעכען, האָט ער זיי געגומען טרייסטען מיט גוטע ווערטער, אייך — זאָגט ער — קען איך ניט העלפען, אייער פאר־ברעכען איז זעהר גרוים, ווייל איהר האָט דאָך אליין מיט אייערע אויגען געזעהן, ווי איך האָב אייך געראטעוועט פון אייערע שונאים'ס הענט. אייערע קינדער אָבער, זיי, וועל איך געבען אזעלכע פריווי־לעגיעס וואָס איהר האָט קיינמאָל ניט געהאַט. זיי די קינדער — ווע־לען קאָנען מיט איהם רעדען פער „דו", נאָכמעהר, אז איינער מאַכט אַ שמחה, קען ער איינלאָדען דעם קעניג און ער וועט אויך קומען, אָדער ווייניגסטענס זיך אַנטשולדיגען. און אז יעדערער האָט דאָס רעכט איהם איינצולאָדען אין שענק און איהם מכבד זיין מיט אַ גלעזעל וויין ווי אַ געוועהנליכען גוט ברודער.

איצט קומען מיר צום פונקט: אז די אידען זיינען ארוים פון מצרים האָבען זיי מיט זייערע אויגען געזעהן די גבורות הבורא און דאָס אלעס גוטעס, וואָס ער האָט געטהאָן פאר זיי. ווייל זיי זיינען דאָן געווען אין אַ הויכער מדרגה, אז אפילו אַ שפחה אין דער צייט פון קריעת ים סוף, האָט אַנגעוויזען מיט'ן פינגער און האָט געזאָגט: זה אלי ואנוהו—אָט איז אונזער גאָט. און זיי זיינען געווען אין דער מדרגה פון צדיקים, דערפאר האָט גאָט מיט זיי אזוי שטרענג געהאַנ־דעלט. ווי די גמרא זאָגט (ב"ק נ') וסביביו נשערה מאד וכוי מדקדק עמהם כחוט השערה — און דערפאר דער פסק פון „ויתמו", עס מוז פון זיי אַן ענדע נעמען. זיינען זיי זייער טרויעריג געוואָרען, ניט אזוי פאר זיך ווי פאר זייערע קינדער. ווי דער פסוק זאָגט: „וטפינו יהיו לבז", אונזערע זיהן און טעכטער וועלען בארויבט ווערען פון זייער רעכט! זאָגט גאָט ב"ה צו משה'ן: געה טרייסט די אידען. פרעגט משה: מיט וואָס קען איך זיי טרייסטען? זאָגט איהם גאָט: מיט תורה, אָבער ניט אזעלכע תורה ווי אין די פריהעריגע פרשיות, וואָס זאָל אויף זיי אַנוואַרפען אַ שרעק טאָמער וועלען זיי ניט ריכטיג אָפּ־היטען און וועלען דערפאר באַשטראָפט ווערען, נאָר אזעלכע תורה וואָס וועט זיי פארשאפען פארגעניגען, דאָס איז די פרשיות פון קרבנות, דאָס איז אַ בשורה, אז ווען די קינדער פון דור המדבר ווע־לען אריין אין ארץ ישראל, איז ניט נאָר וועלען זיי ניט בארויבט ווע־רען פון זייער רעכט, נאָר יעדער איד פון וואָס פאר אַ מדרגה ער זאָל

ניט זיין, וועט ער מכבד זיין גאָט ב"ה מיט א קרבן, מיט ווייַן און אפילו איהם איינלאַדען צו א סעודה. ווי אין פסוק שטעהט: והיה באכלכם מלחם הארץ, תרימו תרומה לדי. מראשית עריסותיכם תתנו לדי תרומה — און גאָט וועט דאָס זיין לרצון.

אז זיי האָבען דאָס דערהערט, האָט עס זיי ווירקליך באַרוהיגט, אז זייערע קינדער וועלען זיין אזעלכע מקורבים מיט כביכול דעם בורא ב"ה, ווייל זיי האָבען געהאט דעם דין פון עדי שמיעה און ניט פון קיין עדי ראיה. דאָס איז א ווירקליכע טרייסט, און דאָס האָט געמאכט די ריכטיגע ווירקונג זיי צו באַרוהיגען. אויב אונזער גורל איז פאַרזיגעלט, זיינען מיר צופרידען אז אונזערע קינדער זאָל גוט זיין.

די גמרא זאָגט: בעון הדור צדיקים נתפסים — פאַר די זינד וואָס די אנשי הדור באַגעהען, ווערען די צדיקים פון אונז אוועקגענומען. ווייל ווען דער בית המקדש איז געווען בבנינו איז אז א איד האָט געזינדיגט, האָט ער געבראַכט א קרבן אונזיין חטא איז איהם נתכפר געוואָרען. אָבער היינט בעוה"ר, אז דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, ואין לנו כהן בעבודתו ולא לוי בדוכנו, וואָלט דער גורל פון אידען ח"ו געווען אונטערצוגעהן. אָבער גאָט ב"ה מיט זיין גרויס רחמנות אויף זיין פאָלק ישראל נעהמט ער פון אונז אוועק דעם צדיק הדור, דעם עהרליכען אידען, אלס א קרבן, אלס א כפרה פאַר די אידישע חטאים און די אידען האָבען א תקומה. דעריבער דאַרף מען מוריד דמעות זיין און מיט'ן גאַנצען הארצען בע־טען, הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש, גאָט זאָל אויפבויען דעם בית המקדש במהרה בימינו בקרוב, און דאַן וועלען מיר מעהר ניט דאַרפען ברענגען אזעלכע קרבנות.

בלע המות לנצח, ומחה ד' דמעה מעל כל פנים, במהרה בקרוב, אמן.

דרוש ג.

הספד

כי נח נפשיה דר׳ יעקב אתחמיאי כוכביא בימא.

(מוק״ע דף כ״ח)

מורי ורבותי! די חז״ל זאָגען אשרי הדור שהגדולין נשמעין לקטנים — גליקליך איז יענער דור, אין וועלכען דיגרויסע, די גאונים ווערען גערעכענט פאר קטנים, ווייל דאָס צייגט אז אין דעם דור זיינען דאָ גאָר גרויסע גאונים, ממש, וואָס די זאָגענאַנטע גדולים אין פאר־גלייך צו די אמת׳ע גדולי הדור, זיינען ניט נאָר קטנים, נאָר פעוטים ממש.

עס לאָזט זיך גרינג פארשטעהן, אז שלעכט איז דעם דור, אין וועלכע די קלייניגקע ראבאים און רעווערענדס, עמי הארצים, הייסען ביי אונז אין אמעריקע גדולים. אוי לדור שהקטנים נשמעין לגדולים, וועה איז צו יענעם דור וואָס די קטנים ווערען פאררעכענט פאר גדולים, וואָס איז א סימן, אז עס איז קיין גדולים ניטאָ, אז די קטנים זיינען עס די גדולים, זיי זיינען אונזערע פאַרשטעהער און עסקנים, די פאַרטרעטער און פיהרער פון אידישען פאָלק.

די שטערען זיינען בייטאָג אויך אין די הימלען, נאָר ווייל די זון שיינט אויף דער וועלט, איז דורך איהר גרויסען ליכט פארטונ־קעלט זי די שטערען און זיי זעהען זיך ניט אָן. ביינאַכט אָבער, אז די זון איז ניטאָ, די גרויסע שטארקע ליכט איז פארלאָשען געוואָרען, זעהן זיך די קלייניגקע ליכטעלעך שטאַרקער. דער גרויסער גאון וצדיק איז געגליכען צו דער זון. ווי די חכמים זאָגען: עד שלא שקעה שמשו של עלי עלתה שמשו של שמואל; פני משה כפני חמה

ופני יהושע כפני לבנה. — לעבט משה איז יהושע'ם ליכט קליין, געהט משה אוועק פון דער וועלט, שיינט שוין יהושע שטארקער, און דאן זעהן זיך שוין די שטערן.

אזוי לאנג ווי דער גרויסער צדיק ר' יעקב לעבט, ווען די גרויסע זון שיינט, זעהן זיך ניט ארוים די קליינינקע שטערענדלעך, אבער כי נח נפשיה דר' יעקב, אז ר' יעקב איז געשטארבען, איתחמיאו כוכביא, באווייזען זיך די שטערענדלאך, די קליינינקע אנטקעגען ר' יעקב דעם וועלט צדיק, בימכא אפילו ביי טאג...

א דור יתום זיינען מיר. אונזערע גדולים געהען אוועק פון אונז, און אונזערע זונען ווערען פארלאשען, אזוי אז אפילו אין אונזערע ליכטיגע טעג איז שוין די ליכט אזוי אפגעשוואכט, דאס די שטערען זעהן זיך ארוים. חבל על דאבדין ולא משתכחין! וועה געשריהען על דאבדין, אויף די גרויסע צדיקים, וועלכע געהען פון אונז אוועק, „ולא" און גארנישטען „משתכחין" געפינען זיך . . .

יתן ד' ולא נוסיף עוד. ובא לציון גואל, אמן.

דרוש נא.

הספד

אַ בעל הבית אַ תלמיד חכם

כי נח נפשיה דרבינא פתח עליה ההוא ספדנא. תמרים הניעו ראש על צדיק כתמר, נשים לילות כימים על משים לילות כימים. (מוע"ק כ"ה).

אַלע ווייסען דעם לשון המליצה, אויב איינעם איז גוט, זאָגט מען אויף איהם, די זון שיינט אין זיינע פענסטער. שמש ההצלחה תאיר על שמיו; איז איינעם חו"ש שלעכט, זאָגט מען, פינסטער איז איהם ווי די נאַכט, זיין זון איז איהם פאַרטונקעלט, זיין האָריזאָנט איז פאַר־וואָלקענט, ער לעבט אין חושך נעבעך.

דער נפטר איז געווען אַ צדיק יושב אוהל, יום ולילה פלעגט ער לעהרנען, לא פסק פומיה מגירסא, קען מען זאָגען אויף איהם. אין זיין גליקליכער צייט, ווען ער איז געווען רייך, איז ער געווען אַזוי ווי דער תמר וואָס בליהט שטאַרק, אין פאַרצווייגט זיך און מאַכט אַן אהל מיט זיינע צווייגען. אַזוי האָט ער מיט זיין תורה מגין געווען אויף זיין משפחה שכנים און קרובים, און האָט איהם דער רבונו של עולם אויספּרובירט און איהם אָרים געמאַכט, איז ער ווייטער געזעסען און געלערענט, אויסגעהאַלטען זיין נסיון.

עשירים אָדער פאַרמעגליכע, וועלכע זיינען דאָ אַנוועזענד, בויגט אייערע קעפּ, מאַכט אייך אַ חשבון הנפש, באַטראַכט דעם נפטר, און לעהרענט אייך ווי צו לעבען דעם נארישען מענש־ליכען לעבען. איהר תמרים עשירים הניעו ראש, בויגט איין אייערע קעפּ, קלאָגט און וויינט אויף דער גרויסער אבדה, דעם געוועזענעם

„תמר״, דעם גבור, וואס האט נושא פרי געווען און זיין חסרון פיהלט זיך זעהר, זעהר שטארק. א איד אן עושר, א איד א צדיק און א בן תורה ובעל מעשים טובים איז היינט צוגענומען געווארען פון אייך ואתם מחשים — ווי קענט איהר שווייגען?

און די ניט גבירים, וואס זיינען דא אנוועזענד, באטראכט נאר דעם תלמיד חכם, וואס ליגט דא פאר אייך, אז אפילו זיין ארימקייט האט איהם ניט געשטערט פון עוסק זיין בתורת ד׳, אין זיינע פינס־טערע לעבענס צייטען אין זיינע ארימע טעג און נעכט, אין די צייטען ווען ער האט געליטען יסורים — זיין לעהרנען האט ער ניט געשטערט. שטארקער ווי דער שטן איז ער געווען.

לאמיר זיך נעמען א מוסר „נשים לילות״, לאמיר אויך אונזער ארימען פינסטערען לעבען מאכען „כימים״, פונקט ווי מיר וואלטען רייכע און ליכטיגע יאהרען האבען, ווייל אונזער ענטפער איז דאך עניות מעבירה, ארימקייט שטערט. טא לאמיר לערנען פון דעם נפטר, אז מיר זאלען אויך גייסטיג זיך שטעלען העכער און „כימים״ לעהרנען ווי מיר וואלטען געווען מענשען, וואס לעבען פון די טעג, ניט וואס בראדזשען אין די נעכט... נשים לילות כימים, לאמיר קלא־גען אויף דער פטירה פון דעם צדיק, וואס דורך זיין הסתלקות זיי־נען מיר בבחינת לילות. לאמיר טאג אונזאכט באוויינען דעם גרוי־סען בראך וואס האט אונז געטראפען, ווייל מיר פיהלען דעם צער אמשטארקסטען. ווייל ער איז געווען א צדיק, וואס האט „ימים על לילות״ אוועקגעגעבען פאר תורת ד׳ און צדקה בחייו.

תנצב״ה

דרוש נב.

הספד פאַר אַ פרוי

בת ק' כבת כ'

ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה
ושבע שנים שני חיי שרה.
(בראשית י"ח).

ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים, שני חיי שרה — פרעגען שוין אלע: צו וואָס ווערט נאָך יעדער צאָהל איבערגע־חזר'ט נאָך אמאָהל דאָס וואָרט „שנה"? דער טעם איז איינפאַך: אמאָל האָט מען געקענט אין בית המדרש געפינען גאַנצע דריי דורות מיט אמאָל, דעם זיידען, דעם פאָטער און דעם זוהן אין טלית און תפילין לערנענדיג משניות, גמרא. אלע דריי האָבען מדקדק געווען אין כשרות. דער אונטערשייד איז נאָר געווען אין די יאָהרען: אלט איינגער, און גאָר יונג. אין זייער גייסט אָבער איז קיין חילוק ניט געוון. ניט אזוי איז אָבער היינט. יעדער דור איז אינגאַנצען אנדערש ווי דער נעקסטער. אויב דער פאָטער איז געוועזן אַ גאון און אַ צדיק, איז דער זוהן בלויז אַ מופלג און בכלל איז ער אויף אַ נידעריגערער מדרגה פונם פאָטער און דער אייניקעל איז ווי אַ קינד געגען אַ ריז אין באַ־צוג צו זיין זיידען. אַ איד אין אייראָפּע האָט זיך געלייגט צוויי פּאָר תפילין, רש"י'ס און רבינו תם'ס. ווי ער איז נאָר אריבער דעם גרע־ניץ, האָט ער שוין בלויז איין פּאָר תפילין. בלייבט ער אַ לענגערע צייט אין בערלין אָדער פּאַריז, לאָזט ער שוין רש"י'ס תפילין אויך איבער. קומט ער אין אמעריקע, איז ער שוין אַן אפיקורס אויך — אַ יוניאָן מאַן, אַ סאָציאַליסט, אַ רעכטער, אַ לינקער, א. אז. וו.

שרה האָט געווים יונגערהייט געהאַט אַ גוטע ערציהונג, וואָרים,

ווען ניט, וואָלט אברהם איהר פאַר קיין פרוי ניט גענומען. ווען זי איז שוין צוואַנציג יאָהר אַלט געוואָרען, האָט זי זיך ניט געביטען לויט די אומשטענדען — בת כ׳ כבת ז׳ — צוואַנציג יאָהר ווי זיבען יאָהר. און אפילו צו הונדערט יאָהר — בת ק׳ כבת כ׳ — שרה איז געבליבען די זעלבע צדיקת.

די נפטרת, וועמען מיר זיינען מספיד דאָ, איז אויך אין איהר לע־בען געווען אונטערוואָרפען פאַרשיידענע צייטען. זי האָט זיך אָבער, ווי שרה, ניט געביטען. אויף ישיבות, תלמוד תורות און אַנדערע צדקה מוסדות האָט זי אימער געגעבען מיט אַן אָפענער האַנט. זי איז ווירקליך שרה׳ס נאָכפאָלגערין געווען, און זי פאַרדינט מען זאָל איהר דעם צידה לדרך מיטגעבען און איהר צידה לדרך איז, ווי די גמרא זאָגט אין שבת: כל המוריד דמעות של אדם כשר, הקב״ה סופרן ומניחן בבית גנזיו. זשאַלעוועט ניט קיין טרעהרען, עס איז אַן אבידה שאינה חוזרת. די אינסטיטושאָנס, וואָס זי האָט אונטערשטיצט האָבען פאַרלאָהרען אַ כח, וואָס וועט זיך שוין ניט אומקעהרען...

זאָלען איהרע צדקות און מעשים טובים איהר אַנטקעגען קומען —והלך לפניך צדקך. וכבוד ד׳ יאספך. אמן.

שבחים אויפן נפטר

אין א געוויסער שטאָדט איז געשטאָרבען א רייכער מאן, וועלכער איז געווען א רשע און געטאָהן עוולות זיין גאנצען לעבען, זיך שלעכט געפיהרט קעגען גאָט און מענשען. פונדעסטוועגען האָבען דעם נפטר'ס זיהן פערלאנגט פון שטאָדטישען מגיד ער זאָל זייער פאָטער מספיד זיין. דער מגיד האָט מורא געהאַט זיי זיך געגענשטעלען, און געהאַלטען דעם הספד, זאָגענדיג אייניגע שבחים, דאָס דער נפטר האָט קיין מאָל ניט גערעדט קיין שיחת חולין אין שוהל ביים דאווענען.

ווען מען האָט מתרעם געווען אויף איהם הלמאי ער האָט זיך דערוועגט צו זאָגען אזא שבח אויף אזא רשע און פארדאָרבענעם מענשען, האָט דער מגיד זיי ערקלעהרט: ווייסט איהר ווארום דער נפטר האָט קיינמאָל ניט געשמועסט אין שוהל בעת'ן דאוונען? ווייל ער איז גאָר קיינמאָל אין שוהל ניט געקומען!...

איך וואָלט מוסיף זיין שבחים: ער האָט קיין מאָל קיין לחיים געטרונקען אין רבנו תם'ס תפילין, ער האָט קיינמאָל נישט מהרהר געווען קיין דברי תורה במבואות המטונפות אָדער אין „בית הכבוד...

דרוש נג.

מצבה ענטהילונג פאַר אַ מאַן

ויחנטו אותו ויישם בארון במצרים.
(בראשית נ׳ כ״ו).

אין דער דערצעהלונג פון דער פטירה פון יעקב אבינו און יוסף הצדיק, זאָגט אונז די תורה „ויחנטו אותו״, מען האָט איהם באלזאַ־מירט, „ויישם בארון במצרים״ און מען האָט איהם באַזאָרגט אין אַ ארון. און דער מדרש רבה (בראשית פרשה ק׳ י״ב) ברייננט: ויחנטו אותו, מי חנטו? אז דער פסוק דערצעהלט אז מען האָט איהם געפאַלמעסט, ווער־זשע איז דאָס געווען דער פאַלמעסער? קריגען אין דעם ר׳ פנחס און ר׳ יהודה: ר׳ יהודה זאָגט אז די רופאים האָבען איהם געפאַלמעסט און ר׳ פנחס זאָגט אז די שבטים האָבען איהם גע־פאַלמעסט, ווייל נאָך דעם פסוק ויחנטו אותו קומט גלייך ואלה שמות בני ישראל, צו צייגען אז די בני ישראל זיינען געווען די חונטים.

ווי באַקאַנט האָבען ניט יעקב אבינו און ניט יוסף געוואָלט באַ־גראָבען ווערען אין דעם ארץ טמאה מצרים. און פאַר דעם צוועק האָט מען זיי געמוזט פאַלמעסען אום זייערע גופים זאָלען זיך קענען האַלטען אַ לאַנגע צייט ביז מען וועט זיי נאָך ארץ ישראל ברענגען. ר׳ יהודה זאָגט אז די ארבייט פון פאַלמעסען איז געוועהנליך אַ דאָקטאָר־שע ארבייט, און דעריבער זאָגט ער הרופאים חנטוהו, די רופאים האָבען איהם געפאַלמעסט. ר׳ פנחס אָבער דענקט אז אַזאַ פאַל־מעסען ווי עס מאַכען די רופאים איז נאָך ווינציג ווירקזאַם, און ער גלויבט אז עס האָט געמוזט זיין עפּעס אַ ווירקזאַמערע טהאַט, אַ מעשה וואָס האָט מעהר ממשות און עס שטימט מעהר מיט דעם גייסט פון יעקב איש תם, דערפאַר זאָגט ער, ניט די ווירקונג פון די רופאים

האָט דאָ געהאָלפען נאָר די שבטים אליין האָבען דאָ אויפגעטאָהן דורך דעם וואונדער.

ואלה שמות בני ישראל, די שבטים האָבען אפילו אין מצרים, אין דער אומריינער לאנד, אין דער לאנד פון אסימילאַציע און פארדאָרבענקייט, געלעבט אַ הייליגען לעבען, אַ ריינעם לעבען, זיי האָבען אפילו זייערע נעמען ניט געביטען, ואלה שמות בני ישראל — דאָס איז נאָך אלץ זייערע נעמען: ראובן, שמעון, לוי אַ. אז. וו. און האָבען ניט געביטען זייער שפּראך נאָך אזוי פיעל יאָהרען, צוויי הונדערט מיט צעהן יאָהר האָבען זיי דאָרט פארבראַכט און האָבען צייט געהאַט זיך אוים צו לערנען די מצרי'שע שפּראך, זיי האָבען זיך אָבער געהאַלטען אָן זייער אייגענע, און האָבען געפיהרט אַ ריינעם פאַמיליען לעבען, טראָץ דעם וואָס זייערע שכנים די עגיפּטער, זיינען געוועזען אַזעלכע שמוציגע ברואים און שטופי זמה, וואָס פאר זייערע מעשים האָט דאָס לאנד געקראָגען דעם נאָמען ערות הארץ, דאָס שאַנד פון דער וועלט. אָבער די אידען זיינען געבליבען ביי זייער הויכען מאָראַל, ביי זייער קדושה וטהרה.

און דאָס איז דער סוד, דער געדאנק פון דעם מאמר חז"ל „יעקב אבינו לא מת", אונזער פאָטער יעקב איז ניט געשטאָרבען, וועסטו אפשר פרעגען פאר וואָס לעבט יעקב און ער שטאַרבט קיינמאָל ניט? ווייל „ואלה שמות", ניט דאָס פאַלמעסען האָט געהאַט די קאָלאָסאַלע גרויסע ווירקונג, ווארום אַ קליינעם ווערטה האָבען די מאָניומענטען, די דענק־שטיינער וואָס ווערען אויפגעשטעלט האָבען ניט אזא כח און קראַפט און קענען ניט פאראייביגען דעם פארשטאָרבענעם, אָבער „ואלה שמות בני שראל", וועלכע זיינען געגאנגען אין די פוס־טריט פון זייערע הייליגע אבות, זיי האָבען זיך מוסר נפש געוועזען אויף קדוש השם און פאר דער הייליגער תורה, דאָס איז וואָס עס האָט גורם געוועזען דעם „ויחי יעקב" יעקב לעבט און וועט לעבען אייביג.

מיינע פריינד און פארזאמעלטע! מיר זיינען זיך דאָ צוזאמען געקומען אָפּגעבען כבוד אַ חשוב'ן פּערזאָן, אַ איד, וואָס אלע איי־דישע אנגעלעגענהייטען זיינען געווען נאָהענט צו זיין הארצען און ער האָט אין אלע וויכטיגע זאכען אַנטייל גענומען מיט געלד איבער זיי־נע מעגליכקייטען, און מיט כח איבער זיינע קרעפטען. מיר זיינען

אהער געקומען אינ'ם כבוד פון דעם זעליגען נפטר, ויבדלו לחיים אין דער עהרע פון דער פרוי און קינדער (און שוועסטער און ברי־דער, אויב עס זיינען דא) וואס זיינען געקומען ענטהילען, אויפדע־קען די מצבה וואס איז אויפגעשטעלט געווארען אויף דעם קבר פון דעם נפטר, דארום וועלען מיר זאגען אייניגע ווערטר וועגען דעם ענין פון מצבה און וועגען דעם כבוד פון מת.

„ויצב יעקב מצבה על קבורתה, היא מצבת קבורת רחל עד היום", און יעקב האט פאר רחל'ן געשטעלט א מצבה, וואס עקזיסטירט נאך ביז'ן היינטיגען טאג.

מיר זיינען זיך יעצט עוסק אין דער זעלבער עובדא, מיר אנ־הילען א מצבה וואס איז אויפגעשטעלט געווארען אויף דעם קבר פון א מאן געליבט פון זיין פרוי און קינדער, חשוב און געאכטעט פון זיינע מיטמענשען אין דער סאסייטי און לאנדסלייט, און ווער עס האט מיט איהם א מאהל געהאט א מגע ומשא האט געהאט וועגען איהם צו דערצעהלען נאר גוטעס, אבער דאס העכסטע וואס מיר קענען טאהן פאר איהם, דאס ליבסטע און אנגענעמסטע וואס איהם קען־יעצט זיין איז איהם צו שטעלען אן אייבינע לעבעדיגע מצבה, און דאס האבען מיר אויך געטאהן, און ביי דער געלעגענ־הייט וועלען מיר זאגען די תפלה: אל מלא רחמים, גאט, הימלישער פאטער, פארזארג דעם פארשטארבענעם מיט דער פאסענדער רוהע אונטער דיינע פליגלען, וואו אלע הייליגע און לויטערע רוהען, אמן.

און אזוי ווי דער קבר פון אונזער מוטער רחל איז געשטעלט געווארען אויף א פלאץ וואו איהרע קינדער זאלען קענען צוקומען ווען זיי וועלען זיך עטוואס דארפען אויסבעטען, אזוי אויך איהר מיינע טייערע, פרוי און קינדער פון דעם פארשטארבענער, קומט צו דעם קבר פון אייער ליבען און טייערען יעדעס מאהל וואס איהר ווילט זיך עטוואס גוטס אויסבעטען. זאגט איהם אייערע באגעהרען און ער וועט פאר אייך זיין א גוטער בעטער און א מליץ יושר פאר זיין ליבען נאמען, אז איהר זאלט מעהר פון קיין צער ניט וויסען און איהר וועט געבענשט ווערען מיט לאנגע לעבעדיגע יאהר און מיט אלדאס גוטס, אמן.

דרוש נד.

מצבה ענטהילונג פאַר אַ פרוי

ותאמר לאה באשרי כי אשרוני בנות (בראשית ל׳ י״ג) לומר אשרי מי שזכה לכך וכו׳, ר׳ לוי אומר שהיו בנותיהם נאות והיו נשואות לכהנים שנמשחו בשמן המשחה שמן זית, ר׳ סימון אמר שהיו נשואות למלכים שנמשחו בשמן זית.
(ב״ר ע״א י״ג).

גאָר ניט לאַנג צוריק, בלויז איין דור פריהער, אין דער צייט פון אונזערע פאָטערס און מוטערס, ווען מיר זיינען געווען אין דער אַלטער היים, האָט תורה געשפּילט די ערשטע פידעל. האָט אַ איד פאַרמאָגט תורה, האָט ער געקראָגען כבוד מיט דער פולער מאָס, האָט ער ארויס גערעדט אַ וואָרט זיינען געווען אָנגעשטעלטע אויערען איהם צו הערען. האָט דער איד, דען בן תורה, אפילו געמעגט זיין אַן אָרימאַן, און זיין טשעק איז ניט געווען אַזוי קוראַנט, אָבער קוים איז ער באַזעסען תורה איז זיין חשיבות געווען געהויבען.

איז אַ איד אַליין ניט געווען קיין תלמיד חכם, אַז זיינע עלטערן האָבען איהם ניט געלאָזט לערנען האָט ער זיך געהאַלטען פאַר אַ שפּל, ער איז ניט געקראָכען אויבען אָן, ער האָט ניט געזאָגט קיין ברייטע דעה און ער איז ניט געווען קיין קאָך לעפעל אין די צרכי הצבור, ווייל ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז דאָס באַלאַנגט צו דעם אידען דעם למדן, צו דעם וואָס ער לערענט די תורה, אבער ניט צו איהם דעם עם הארץ, דעם אומוויסענדען.

אַזאַ איד האָט אָבער געשטרעבט אַז זיינע קינדער זאָלען זיין געלערענט אין דער הייליגער תורה, ער האָט זיך געמוטשעט און גע־

צאָהלט שכר למוד פיעלע מאָל איבער זיינע קרעפטען, ער האָט ניט דערעסען ניט דערטרונקען אָבער דאָס שכר למוד איז באצאָהלט גע־וואָרען אין צייט, און קוים איז דאָס קינד עלטער געוואָרען האָט מען איהם אװעקגעשיקט אין אַ ישיבה, אין איינע פון די צעהנדליגע גרויסע ישיבות וואָס זיינען געווען אין דער אַלטער היים און האָבען ארויס געגעבען גרויסע רבנים און באריהמטע פערזענליכקייטען וואָס האָבען באַלויכטען די אידישע וועלט מיט זייער תורה און חכמה. און אזוי איז דאָס קינד דערצויגען געוואָרען אין אן אטמאָספערע פון תורה און ער איז געוואָרען א בן תורה, א כבוד פאר זיך, פאר די עלטערען און פאר דער גאנצע פמיליע, גוטע און פרומע מאַמעס האָבען זיך מיט איהם געבענשט און זיך געוואונשען אז זייערע קינדער זאָלען זיין ווי ער איז.

און אויב אַ איד האָט געהאַט טעכטער און ער האָט ניט גע־טאָרט מאַכען פון זיי קיינע תלמידי חכמים, ווייל די גמרא זאָגט דאָך „כל המלמד את בתו תורה כאלו מלמדה תפלות", אז מען דאַרף ניט לערנען אַ טאָכטער קיין תורה, האָט ער געשטרעבט איהר אויס־צוגעבען פאַר אַ תלמיד חכם, איהר צו געבען אַ מאַן וואָס זאָל עוסק זיין אין תורה ועבודה. צו האָבען אַ שעהנעם איידים איז געווען אַ גרויסער יחוס, און דער פּרייז פון א יונגען מאַן אַ בן־תורה איז גאָר ניט צו טייער געווען, מען האָט איהם געגעבען נדן, מען האָט איהם געגעבען קעסט, און ווער עס איז געווען ביכולת האָט אפילו אייביגע קעסט צוגעזאָגט, ווייל תורה איז געווען א גאנגבארע סחורה, טבין ותקילין, איהר קורס איז געווען אַ זיכערער ווי דער אַמעריקאנער גאָלד סטענדארד דאָללאַר.

אזוי איז געווען ביי אידען בלויז מיט אַ קורצע צייט צוריק און אזוי איז געווען נאָך אין די גאָר פריהערדיגע צייטען, אין די צייטען פון אבות און אמהות. די תורה דערצעהלט אונז (בראשית כ"ט י"ז) „ועיני רחל רכות", לאה'ס אויגען זיינען טונקעל, זאָגט רש"י בשם הגמרא, היות ווי לאה איז די עלטערע שוועסטער פון רחל'ן, האָט זי לויט חשבון געדאַרפט חתונה האָבען מיט דעם עלטערען ברודער עשו, און רחל די אינגערע שוועסטער זאָל געגומען ווערען צום אינגע־רען ברודער יעקב, וועט אַלזאָ די שוועסטער רחל זיין די גליקליכע

צו האָבען דעם תלמוד חכם דעם ערליכען אידען פאר א מאַן, און זי לאה זאָל מוזען האָבען עשו'ן פאר א מאַן, דעם בור און עם הארץ דעם מענשען וואָס איז אזוי ווייט פון אידישקייט, און דאָס האָט איהר נעערגערט און איהר הארץ צוריסען, און זי האָט געוויינט און גע־קלאָגט ביז איהרע אויגען זיינען פארדאַרבען געוואָרען, און גאָט ב"ה האָט איהרע טרעהרען געזעהן און האָט פארנומען איהר געבעט און זי האָט זוכה געווען צו האָבען יעקב'ן פאר א מאַן.

אזא מסירות נפש, אזא אָפפערווילינקייט האָבען מיר געזעהן ביי אידישע טעכטער, זיי האָבען ניט נאָכגעפאָרשט וויפיעל זייער צו־קינפטיגער מאַן וועט פארדינען אין דער צוקונפט און האָבען ניט גע־זאָרגט וועגן דער באַקוועמליכקייט וואָס זיי וועלען האָבען, אָדער ווי גרויס וועט זיין דער פארגעניגען וואָס דער מאן וועט איהר קענען פארשאפען, ווייל דאָס וואָס דער מאן איז א תלמיד חכם דאָס אליין איז שוין א גאַנצער פארמעגען, וואָס ער וועט כסדר זיצען און לער־נען דאָס איז איהר קאָמפּאַרט, און אויב ער וועט נאָך ווערען א רב איז דאָך קיין פראגע ניט אז דאָס איז דערגרעסטער פארגעניגען אין דער וועלט.

און דאָס איז וואָס דער מדרש זאָגט: „ר' לוי אמר שהיו בנותיהם נאים והיו נשואות לכהנים", זיי, די אידישע טעכטער, זיינען געווען שעהנע און געראָטענע און האָבען געקענט קריגען פּראָפעסיאָנאַלען פאר מענער, זיי איז מעגליך געווען צו קריגען פאר מענער דאָקטוי־רים, לאָיערס און אינזשענירען, זיי האָבען זיך אָבער ניט געיאָגט נאָך דעם סאָרט מענשען. והיו נשאות לכהנים, און צו תלמידי חכמים וואָס שטעהען אין א העכערע מדרגה ווי דער כהן, „ישראל תלמיד חכם קודם לכהן גדול עם הארץ". א ישראל א ת"ח האָט דעם פאָרצוג אפילו פאר א כהן גדול וואָס איז אן עם הארץ, און ר' סימון קריגט ניט אויף ר' לוי, נאָר ער דריקט אוים דעם זעלבען געדאנק אין אנדערע ווערטער „שהיו נשואות למלכים", זיי האָבען געגאַרט גענומען צו ווערען צו מלכים, ווי די גמרא זאָגט „מאן מלכי רבנן", דער תלמיד חכם האָט דעם טיטול מלך, און מלך איז נאָך א העכערע מדרגה ווי כהן.

מיר האָבען זיך דאָ פארזאמעלט לכבוד דער אנטהילונג פון א

מצבה פאר א פרוי, א בכבוד'ע פרוי, וואס האט זיך פארדינט אז מען זאל זאגען עטליכע ווערטער פון שבח און לויב פאר איהר כבוד.

ווי באוואוסט ווערט א מצבה אנגערופען אין דער העברעאישער שפראך אויך מיט דעם נאמען ציון, און ציון איז אויך דער אויסדרוק פאר תורה, ווייל אויף דעם פסוק „אוהב ה' שערי ציון מכל משכנות יעקב", גאט ליבט די טויערען פון ציון, זאגט די גמרא, אז דאס מיינט „שערים המצוינים בהלכה", די שולען און די בתי מדרשים וואו עס ווערט געלערענט די תורה הקדושה און אידישע דינים. און ציון איז אייגענטליך אן אויסדרוק פון א העכערע מדרגה ווי מצבה, ציון איז רוחניות'דיגער א גייסטיגער מאנומענט, אנשטאט וואס מצבה איז אן ערדישער אנדענק.

יא, ווערטהע פריינד און פערזאמעלטע, מיר אנטהילען איצט דא די מצבה, וואס איהרע ליעבע און טהייערע קינדער און איהר טרייער מאן האבען אויפגעבויט פאר איהר כבוד ווענען, ווי עס מאכען אלע גוטע מענער און געטרייע קינדער, אבער א חוץ דער מצבה האט זי אויך א ציון, וואס זי האט פאר זיך אליין געמויערט נאך ביי איהר לע־בען, דאס זיינען איהרע מעשים טובים, וואס זי האט זיך איינגעשאפט, וואס זי האט זיך באטהייליגט אין אזויפיעל טשאריטי אינסטיטושאנס, וואס זי האט געהאלפען תלמוד תורות, אז זיי זאלען קענען ערציהען אידישע קינדער צו אונזער הייליגער תורה און צו גוטע אידישקייט, און וואו נאר עס איז געווען א גוטע וואהלטהאט, האט זי זיך באַ־טהייליגט, און איהר נאמען איז אזוי געליעבט און געשעצט ביי אלע וואס האבען איהר געקענט. און אז מיר זיינען היינט אהער געקומען צו אנטהילען איהר מצבה, וואס איהרע פריינד האבען פאר איהר אויפגעשטעלט, אנטהילען מיר צו גלייכער צייט נאך א מצבה, דעם ציון, דעם גייסטיגען מאנומענט, וואס זי האט פאר זיך אליין, מיט איהר אייגענעם ווילען געבויט, מיט איהרע אייגענע מעשים טובים, וואס זי האט געטהאן, און דאס איז דער אמת'ער „בנין עדי עד", וואו זי וועט האבען די מנוחה נכונה, די אמת'ע רוה, צווישען אלע צדיקים און חסידים, ביז עס וועט קומען די צייט וואס איז באשטימט פון זיין ליעבען נאמען און עס וועט מקוים ווערען גאט'ס ווארט: „כה

אמר ד' אלקים לעצמות האלה, הנה אני מביא בכם רוח וחייתם, ונתתי עליכם גידים והעלתי עליכם בשר וקרמתי עליכם עור ונתתי בכם רוח וחייתם (יחזקאל ל"ז ה־ו) ויקיצו וירננו שוכני עפר, במהרה בימינו אמן.